Дозволено Цензурою
Варшава 16 Декабря 1869 года.

*въ Типографіи И. Гольдмана.*

# אללגעמיינער איבערבליק

אַזוי וויא דער הויפּטצוועק פֿון אונזער רייזע איז , וויא מיר האָבען געזאָגט אין אונזערע בלעטטער , זיך זעלבסט אין אונזער לעזעפּובליקום אַ בעססערן בעגריף צו מאַכען פֿון אַללע יודישע פֿערהעלטניססע אין דיא געגענדען וואו זייא וואָהנען , אונ דיא פֿערשיעדענהייט דער זיטטען אונ דענקונגסאַרט אונזערער גלויבענסברידער , וויא אויך , זאָ וויט עס מעגליך איז , צו פֿאָרשטען דיא פֿערהעלטניססע וואס האבען בעווירקט דיא דאָזיגע פֿערשיעדענהייטען אונ קאראקטער-שילדערונגען ; דאריבער איז אונז אונמעגליך געוועזען אין אונזער קורצען בעריכֿט אים „קול מבשר" בּערדיטשוב אַקוראַט צו בעשרייבען . אין פֿאָרט-זעטצונגען וואָלט זיך עס צו לאַנג געשלעפּט אונ ערמיעדעט דען לעזער , ער וועט פֿערליערען דען פֿאָדים פֿון דער אויפֿפֿאַסונג אונ וועט צו לעצט פֿערגעססען וואס אַנפֿאַנגס איז געשטאַנען , חוץ דעם וועלין אַנדערע קורצערע בעריכֿטע פֿון אַנדערע מקומות נאָך ווייטער אויפֿגעשאָבען ווערין אונ דאָרט וועלין אויך פֿאָרקוממען אינטערעסאַנטע זאַכֿען , טהייל וואס ליידען קיין פֿערצאָגערונג אונ דאַרפֿען באַלד אנגערעגט ווערין , בעזאָנדערס דאָרט וואו עס האנדעלט זיך וויכֿטיגע פֿראַגען צו ערקלערען אונ געוויססע פֿעהלער צו פֿערבעססערן . אונ אַזוי וויא בּערדיטשוב קענן מיט רעכֿט גענאַננט ווערין „ירושלים" פֿון דיא 3 גובערנים— וואָלהין , קיעוו , אונ פֿאָדאָליען , אונ האט אַלס גראָססטע שטאָדט אין דער גאנצער געגענד, אונ מיט איהר גרויסען האנדעל, איהר איינפֿלוס אויסגעאיבט אויף יודען אונ יודענטהום אים זידוועסטליכֿען רוסלאנד ; איז וויכֿטיג זיא פֿון אַללע זייטען צו ערפֿאָרשען , איהרע געשיכֿטע, איהרע האנדעל , איהרע פֿארטהייען אונ איהרע מנהגים אונ פֿאָרהערשענדע געזינונגען , איהרע מעלות מיט איהרע חסרונות, אללעס אויף פֿאַקטען אונ אויף ציפֿפֿערן געגרינדעט. קוים וועלין מיר אונ אונזערע לעזער קלאָר ווערין אים בּערדיטשובער קאראקטער , וועט אונז שוין דאס אלליין דיענען פֿאר אַ מוסטערבילד וואס שפּיגעלט זיך אָב אים קליינען אין דער גאנצער געגענד אַרום , אַזאַ אומפּארטהייאישע בעאורטהיילונג זענין מיר נאָר אים שטאנדע אין אַ בעזונדערע בראָשירע צו געבען , אונ דאס האט אונז פֿעראַנלאַסט נאָך צו אונזערע רייזעשפּעזען דאס אָפּפֿער צו ברענגען אונזערן צוועק .

דיא אויפֿגאבע וואס מיר האבען זיך דאָ געשטעללט איז ניט אַזוי לייכֿט , מיר ווייסען עס אליין , איבערהויפּט וויל עס פֿעהלען דאַצו גענויע געשיכֿטליכֿע קוועללען , ווענן , אונ וויא אַזוי בּערדיטשוב האט זיך אויסגעבילדעט צו ווערין אַזאַ גרויסע איינפֿלוסרייכֿע יודישע שטאדט ; עס געפֿיננען זיך זאָגאַר אין דיא שטעדטישע אַרכֿיווען, אין דער דאָרטיגען קאַטוילישען קירכֿע קוים זעהר שוואַכֿע אַנצייגען דאריבער , מיר האבען דאָרט אומזיסט געזוכֿט . מעהר וואונדער אין אַזאַ גרויסער יודישער שטאדט זאלל זיך ניט געפֿיננען קיין אַלטער פּינקס פֿון אַ חברה , עפּיס פרטים אויף געביידען , אַלטע כתבים , ובּפֿרט אז בּערדיטשוב איז גאר ניט אַזוי אַלט ; דיא יעצטיגע בעפֿעלקערונג חוץ וואס זיא ווייסט נישט אונ איז ניט אויף דער אַרט אויסגעבילדעט צו פֿיהלען דיא וויכֿטיגקייט נאָכֿצופֿאָרשען פֿערגאנגענע אַלטע מעשׂות אונ דיא ענטוויקעלונג פֿ זייער פֿאַטערשטאָדט ;

חוץ

חוץ דעם איז דאָרט איין אָנגעלויפענער אָרט אונ געטהיילט אין בעזונדערע קוואַרטע
אונ גאַססען כמעט וויא בעזונדערע קאַסטען , דיא גרויסע זענין פֿעריאָגט אין זייערע
פֿערוויקעלטע געשעפֿטע , דיא מיטטעל-קלאַססע, ווער שמועסט דיא אָרמע האט מיט זיך
צו טהון פֿון דעם ווינד ברויד ארויס צו ברענגען , אזוי אז קיינער דענקט נישט אונ עס
איז אויך שווער איינען איבער-בליק זיך צו מאַכען איבער דען גאַנג פֿון דער שטאָדט-
מאַשין מיט איהרע רעדער אונ טריעבע , עס איז דאַהער קיין וואונדער נישט אז דיא
אַללע בעריכטע וואס מיר האבען ביז נון געלייענט אין פֿערשיעדענע צייטונגען אונ אויפֿ-
גענוממען אין אונזערע בלעטער זענין נאך אונזערע יעציגען איבערציינונג זעהר אָבער-
פֿלעכליך, איינזייטיג אונ מאַנגעלהאַפֿט. אַם מייסטען האבען געשריבען איבער בערדיטשוב,
זאָ פֿיל אונז איז בעקאנט , היימישע שרייבזיכטיגע קאָררעספאָדענטען , וואס האבען
זיך בייא געוויסע געלעגענהייטען געפֿיהלט הינגעריססען צו שילדערן זייער געמיינדע צו
גוטען אָדער צו שלעכטען נאך זייער איגענען אנזיכט ; ווידער קריסטען אָדער דורכ-
רייזענדע יודען וואס האבען דאָרט געווילט אַ קורצע צייט אונ האבען זיך בעוועגט אונ-
טער איינעם געוויססען קרייז וואס האט אויף זייא איינפֿלוס אויסגעאיבט. הויפט זעכליך
מוזען מיר בעמערקען איז דארום שווערער בערדיטשובער גייסט אונ קאראקטער אויפֿ-
צופאַסען , ווייל עס איז שווער צו קוממען אויף נאַטורליכע אָדער אנדערע אורזאַכען
וואס האבען אַהער געצויגען אַזא מאַססע מענשען , בעזאָנדערס יודען אונ האבען זיא
געמאַכט אין פֿריהערן צייטען פֿאר זעהר אַ וויכטיגען האַנדעלס פלאַטץ , אַלס מיטטעל-
פונקט פֿון דיא אומליגענדע גובערנים אונ נאָך וויטער אים אינלאנד אונ אויסלאנד . דאס
בלייבט באמת אַ רעטהעניש , בערדיטשוב איז נישט קיין פאָרטאָוואָי שטאדט בייא אַ
גרויסען ים , אָדער זאלל שטעהען בייא אַ שיפֿפֿבארען פֿלוס , וואס תבואות אונ געהילץ
מאַכען עס פֿאר אַ וויכטיגען האנדעלס-פלאַטץ , אָדער פֿאר אַ פֿאבריק אָרט ; זיא שטעהט
נישט אונ איז קיין מאל נישט געשטאַנען בייא אַ גרעניץ , זיא איז ניע געוועזען אַ
גובערנסקי שטאדט , אָיעזדני איז זיא ערשט ניט לאנג געוואָרין , ביז דאַהין איז זיא
נאָר געוועזען אַ מעסטעטשקע ; זיא איז אויך ניע געוועזען אַ וויכטיגע פֿעסטונג אָדער
מיליטערס-שטאדט אָדער זיא זאלל גראָד האבען וועניגסטענס נאָהנט מינעראַל קוועללען ,
בערג-ווערקע , נאַפֿט , אָד"ג , בעזאָנדערע פֿאָרטהיילע האט זיא נישט געהאַט . דאַ-
ריבער האט זיא אויך נישט קיין אייגענטהימליכען קאַראַקטער פֿון דיא אַללע שטעדט ;
דאָרט הערשט ניט פֿאָרצוגסווייזע דער תבואה אונ האָלץ האנדעל אָדער פֿאבריק ווע-
זען וויא אין האַפֿען שטעדט ; עס זענין ניט דא לויטער חאָדאָטאַיעס , אדוואָקאַטען אָדער
פֿאַקטוירים בייא טשינאָווניקים וויא אין גובערנסקי שטעדט ; עס זענין ניט פֿאָרהערשענד
פֿאָדראַטשיקים וויא אין מיליטערס שטעדט אונ פֿעסטונגען , דאָך הערשט אַ שפעקולאַציאָנס-
גייסט אים אַללגעמיינען אונ דיא איינוואָהנער ווארפֿען זיך צו אַללעמין וויא עס לאָזט זיך
אַ רובעל פֿערדינען , מען האנדעלט מיט אַללער האנד סחורות , אויך פראָדוקטע , בעזאָנדערס
געלד אָפעראַציעס אונ שקאָנטים מיט עדעללייט . דיעזער שפעקולאַציאָנס-גייסט וואס האט
זיך דאָרט אויסגעבילדעט האט ניט געקענט זיך איינשליסען אין דער היים אונ ווארטען
ביז אַנדערע וועלין מוזען קוממען איהם שפע געבין , ניין , ער האט געמוזט אויסברייטען
זיינע טהעטיגקייט אונ ערקינסטלין דאס וואס אַנדערע האבען פֿון דער נאַטור אָדער
דורך פאָליטישער לאַגע . דיא דאָרטיגע עשירים זענין מייסטענס ערשט דאָרט געוואַכסען
דורך זייער אונטער-נעהמונגס-גייסט אז זייא האט געדינט דאס גליק . דאס האט וואהר-
שיינליך

שיינליך פערלאקט אין פריהערע צייטען פילע פרעמדע מיטעללאוז פעהיגע מענשען פון פערשידענע געגענדין צו פרווען זייער הצלחה אינ אזוי האט זיך דארט אויסגעבילדעט אין איינענטהימליכער קאראקטער מעהר יודיש, וויל יודען זענין דארט אללעס אי אללעס, אונ דיא איבערוויגענדע מאססע, דיא קריסטליכע שכנים וואס זענין זעהר ווענינ אונ אונבעדייטענד האבען אויף זייא קיינען איינפלוס אויסאיבען קענין; מיט דעם פריץ זענין זייא נאר געקוממען אין געשעפטס בעריהרונג, ניט אין קיין געזעללשאפטליכע פערהעלטניססע, דער שליאכטשיץ, ווער שמוסט דער יאשניע וויעלמאזשני איז צו שטאלץ געוועזען מיט דעם יודען אין פריינדשאפטליכער פערבינדונג צו טרעטען, לויט פהיזישע אללגעמיינע נאטורגעזעטצע פון דער אנציהונגסקראפט איז קיין וואונדער ניט אז דיא גרויסע צוזאממען געדרענגטע מאססע אויף איין ארט האט צו געצויגען דיא אללע קליינערע מקומות, בערדיטשוב פאר א מוסטערבילד צו האלטען, עס איז דאהער קיין חידוש ניט וואס אין יודישקייט אונ לעבענסווייזע האט בערדיטשוב פאר אללע געגענדען ארום גיגאלטען פאר איין אויטאריטעט, עס קענן זעהר זיין אז דער חסידיסמוס האט דאריבער אזוי איבערהאנד גענוממען אין דיא זידוועסטליכע גובערנים, וויל בערדיטשוב האט איהם אנגענוממען, בעזאנדערס זייט דעם זיא האט געהאט איהר אייגענען געהיילינטען צדיק רבי לוי יצחק זצ"ל (בעקאנט אונטער דען נאמען „דער קדושת לוי", נאך זיין בייא חסידים פערעהרט ספר).

מיר ווללען זיך קיינעס וועגס ריהמען אז עס איז אונז געלינגען אללעס צו ענטדעקען אין דיא צווייא וואכען וואס מיר האבען דארט צוגעבראכט, וויא פלייסיג מיר האבען פערפאלגט אונזער ציל אללעס גענויא צו ערפארשען אונ האבען ניט מסיח דעת געוועזען איין אויגענבליק פון אונזער צוועק, וויא עס ווען עדות זאגען אללע דארטיגע איינוואהנער. מיר ווייסען אליין אז חדשים געניגען ניט גרינדליך אללעס דורכצופאדרינגען, אזוי פיל קענין מיר מיט בעשטימטהייט זאגען אז וועדלונ דער קירצען צייט פון אונזער אויפענטהאלט האבען מיר גענוג פערשידענע נאטיטצען געזאממעלט וועניגסטענס איין פיעלזייטיגען בעגריף זיך צו מאכען פון דער לאגע דער יודען אין בערדיטשוב. דאבייא שמייכלען מיר זיך אז עס וועט אונז געלינגען איין אונפארטהייאישעס אורטהייל צו געבען, וויל מיר האבען זיך ניט בעוועגט נור אין איינען געוויססען קרייז אונ האבען זיך ניט געלאזט פערפיהרען פון אירגענד איינען פארטהייגייסט, ניין, מיר האבען פערקעהרט מיט אללע קלאססען, פון דיא גרעסטע ביז דעם ארעמסטען, פון דיא פייערדיגסטע חסידים, ביז צו דיא העכסטע פרייגייסטער, מיר האבען אויסגעהערט אויפמערקזאם פערשידענע מיינונגען, זיך אונטערגעהערט מאנכמאל נאיע געשפרעכע פון דער פאלקסקלאססע, געגאנגען אין אללע הינטערגעסליך, אפט אליין באנאכט, קיינער האט אונז ניט בעמערקט, צו זעהן אונ צו הערין וואס אונז האט געטויגט; מיר האבען בעזוכט אללע אננשטאלטען, סינאגאגען, בתי מדרשים, פילע קלויזען. האבען געזאממעלט רעכענשאפטס-בעריכטע, שטאטיסטישע ציפפערן, אונ פון דעם אללעם האבען מיר זיך צוזאממען-געשטעלט א זעלבסטשטענדיגע מיינונג. עס קענן זעהר זיין אז אונזער אורטהייל וועט ניט געפעללען אדער גאר פערדריסען איינצעלנע מענשען וואס וועלין געפינען אין דער בראשירע עטוואס געגען זיירע געדאנקען אונ וויא דער שטייגער איז בייא יודען וועלין זייא אויסטראכטען אז מיר זענין איבערגעקויפט, אדער האבען זיך געלאזט בעשטעכען מיט שוחד דברים; נאר חוץ דעם וואס מיר האפפען אז דיא וועלט קענן אונז
שוין

שוין און האָבען גענוג בעוויזע געהאט פֿון אונזערער אונבעשטעלליכקייט און אויפֿריכטיג-
קייט, וועט יעדער עהרליכע אויפֿמערקזאמע לעזער דייטליך ארויסזעהן אַז מיר שוינען
ניט קיין איינציגע פּאַרטהייא און דאס איז דער בעסטע בעוויז פֿון אונזער אונפּאַרטהיי-
ליכקייט, ובפרט אז מיר וועלין אונזערע בעהויפּטונגען מייסטענטהיילס לאָגיש מיט פֿאַק-
טען און ציפֿפֿערן בעוויזען. עס קענן פֿילייכט מעגליך זיין אז אין איינצעלנע פֿעללע
זאָללען מיר בויען אויף אַ פֿאַלשען גרונד, ווייל דיא ערהאַלטענע נאָטיצען איבער דעם פּרט
ווערין גראד מאַנגעלהאַפֿט זיין; עס קענן אויך זיין אז אונזערע שליססע זאָללען צומאָל ניט
ריכטיג זיין; דארוף זענין מיר נאר מענש, שגיאות מי יבין. דער בעסטע בעוויז פֿון
אונזער אונפּאַרטהייליכקייט וועט זיין, אז מיר וועלין צו יעדער צייט אויפֿנעהמען פֿאַקטיש
בעגרינדעטע ווידערלעגונגען און בעמערקונגען אין אונזערע בלעטטער און אויף וואַהר-
הייטען וועלין מיר געוויס מודה זיין. נאַטירליך וועלין מיר זיך ניט איינלאָזען אין פּוסטע
פּאָלעמיקען פֿון פּאַרטהייגענגער פֿון אינטריגענגייסט און זענין בייא זיך אזוי פֿעסט אז
עס וועט אונז ניט אַארין אונעהרליכע אַנפֿעללע, זידעלייא אין צייטונגען, אין בראָ-
שירען, זאָגאַר פֿאַלשע דאָנאָסין. דאס ווייסען שוין אונזערע געגנער אז דעראַרטיגע
וואַפֿפֿען טרעפֿען אונז נישט, מיר זענין שטארק געפּאַנצערט, און מיט איין איבער-
געקעהרטין פּעלץ סטראַשיט מען אונז געוויס ניט. נאך דיא פֿאָראויסגעשיקטע ווערטער
ווילען מיר אָנהייבען בעשרייבען בערדיטשוב און קאלטבליטיג וויא אַ טרייער
פֿריינד אויפֿמערקזאַם מאַכען אויף אַללע גוטע און פֿעהלערהאַפֿטע זייטען און פּראָפּאָ-
נירען, נאך אונזער קורצען פֿערשטאנד, מיטטעל צום אויסגלייכען, צו פֿערבעססערן
וואס שעדליך איז פֿאר דער געמיינדע און פֿאר דעם כלל ישראל.

---

# דיא לאגע פון בערדיטשוב

בערדיטשוב ליגט אין איין עבענע (גלייכען פלאץ) עטוואס העכער פון דעם ניט
בעדייטענדען טייך „גנילאָפּיאט" וועלכער טהיילט דיא שטאדט אין צוויא ניט גלייכע
טהיילע. אויך אָן דעם פלאַן פון דער שטאדט ערקענט מען אז איהרעם ערשטען גרינ-
דער האט זיך גאר ניט געחלומט אז דא וועט אַ מאָל זיין אַזאַ בעדייטענדער פלאַטץ
מיט אַזאַ שטארקער בעפעלקערונג, און אויך שפעטער אז זיא איז געוואַכסען האט
קיינער ניט געקוקט אויף אַ געוויסע סימעטריע. דער עלטעסטע טהייל איז דיא זאָ-
גענאַננטע אַלטע שטאדט, אין איהר איז שוין אַם רעגעלמעסיגסטען דיא הויפּטשטראַססע
וויא דיא גבירישע קאַמעניצעס שטעהן, אויך נאר איין רייהע עטליכע דרייא שטעקיגע
הייזער נעבען דעם קאַרמעליטען קלויסטער און דאס גאר ניט קיין אַלטע; אין דעם
שטאַדטטהייל זענין דיא הויפּטגעשעפטען און מאַגאַזינס, בודען מיט אַללער האַנד וואַ-
רען דיכט איינס נעבען דעם אַנדערן. אויף דיא גאנקעס איז דיא דאָרטיגע בערזע.
אונטער דער הויפּטגאַס געפינט מען אין דיא נאָך וועניגער פלאַנמעסיג אַנגעלעגטע
הינטערגאַססען און געסליך, שיינע ציגעלהייזער, ווייטער איז אַ שרעק צו קוקען אויף
דיא עלענדע ענגע קרומע שמאָלע שטעגליך וואס פיהרען אין דיא הערומליגענדע זאָ-
גענאַננטע „פוסטקים, קיצינייוקע וכדומה", וויא עס שיינט איז דאָרט בעשטימט געוואָ-
רין משֵשת ימי בראשית עס זאָלל זיין אַ שטאדט, און דעם עולם'ס ווערטיל גילט דאָ
פאר איין אמת אז אָדם הראשון האט דאָ בעצייכענט אויף אַ גרויסער כרך, אַ סימן דיא
בלאָטע איז נאך פון דעם ערשטען שבת אָן ניט אויסגעטריקענט און נאך דעם ריח
קענן מען ערקעננען אז דאָ איז נאָך אָדם הראשון געוועזען איידער ער האט פערזוכט
פון דעם עץ הדעת. פאַסט דורכגענגיג עלענדע הילצערנע געבויטע הייזליך, וועניגע
2 שטעקיגע, אָהן אַ פלאַן אָהן אַ סימעטריע, דארונטער זעהר פילע בויפעלליגע, דאָך
זענין זייא בעוואָהנט. פון דער אַנדערע זייט טייך פיהרען הילצערנע בריקען צו דעם
זאָגענאַננטען טהייל „אונטער דער גרעבליע" אויך פילל מעהרסטענטהיילס מיט אָנ-
געוואָרפענע הייזער און הייזליך. מעהר אָרדנונג בעמערקט מען שוין אין דער זאָגענאַנ-
טען נייען שטאדט, מאַכניוקער גאס, אַם שענסטען איז דיא וויללסקי גאס, דאָרט
זענין דאָ זייער שיינע בעקוועהמע הייזער מיט גערטען פון קריסטען אויך יודין. נאָר
אַפילו אין דיא נייאַנגעלעגטע גאַססען האט נאר אַ פנים דיא פראָנטאָחע גאס, אונטער
איהר ווידער פלאַנלאָזי הילצערנע הייזליך, דורך דער שרעקליכען ענגשאַפט אין דיא
שמאָלע הינטערגעסליך, בעזאָנדערס פון דער אַלטער שטאדט, דורך דיא פאָרם דער
הייזליך וואס ווערין נאר בערעכענט אַבי מעהר קוטשים צו מאַכען, און דורך דער
פורכטבאר צוזאמטען געדריקטען מענגע דער איינוואָהנער, איינינע פאָר פאָלק אין איין
קליין שטיבעל און דאָרט איז טאַקי דיא קעך פאר אללע פאַמיליען, איז קיין חידוש ניט
וואס דאָרט ברעכען אללע מאל אויס שרעקליכע שריפות און אין אַ פאאר שעה ווערין
אויסגעפלאַממט אַ פאאר הונדערט הייזליך וויא היפקע פון אַ פונק. נאר מאָרגען יאָוועט
זיך שוין דער בוימייסטער פון דעם איש חסיד אין דיא זמירות און איבער נאכט וואקסען
ווידער

ווידער ארויס וויא פון דער ערד אקוראט אזעלכע הייזליך נאר דיא בויפעליגע מוזען
זיין אנגעשמירט מיט סאלאמאנדרא בלוט, זייא בלייבען דיא זעלבע אויס דער פלאם.
טהייל זענין טאקי אססעקורירט (זאסטראחיוויט) פאר פייער, נאר וויפיל ווערין בדלות
און דאס פאללט ווידער אויף דיא נגידים, וואונדערט אונז פאר וואס זייא, צוזאמען מיט
דער שטעדטישען פערוואלטונג, זעהן נישט ווענינגסטענס נאך א שריפה אביסיל גרויסער
און רעגילמעסיגער צו מאכען דיא גאססען און אויסבויען זאלל מען בעססער אויף דער
נייען שטאדט. דער מיט וואלטען זיא דעם געמיינעם עולם אין פילער בעציהונג אמת
געהאלפען; זייא וואלטען גיקענט געניסען פרייערע און רייגערע לופט, איינס פון דיא
נויטהווענדיגסטען לעבענסבעדירפניססע דעם מענשען; מען וואלט בייא זייא אויפגעוועקט
דען זינן פאר ריינליכקייט וואס מונטערט אויף דען גייסט; זייא העטטען געקריגען געפיהל
פאר עכט יודישע צניעות און אנשטאנד און פערשטאנגען וויא דאס וואס עטליכע פאר
פאלק לעבען צוזאמען אין איין שטוב אין איינעם מיט דיא קינדער, פערדערבט מען
דערמיט זייערע זיטטען פון קינדוויים אן. עס איז ווירקליך מערקווירדיג — יודען וואס
זייער רעליגיע פאדערט פון זייא דורכאויס ריינליכקייט (נקיות) און אונטער דיא מדרגות
(שטופען) דורך וועלכע מען קענן קוממען צו רוח הקדש רעכענט דיא משנה, נקיות און
טהרות; דער יוד דארף זיך וואשען ביים אויפשטעהן, נאך נאטור בעדירפניססע, צו
יעדען עססען, חסידים זענין נאך שטארק מקפיד אויף מים אחרונים און מקוה טעגליך,
פרויען מוזען זיך אויך טובל זיין; צום סוף איז מען מעהר אויפמערקזאם אויף דער
קווארט זיא זאלל חלילה ניט האבען א שפעלטיל, און א וויכטיגע ערפינדונג איז שטארק
אנגענוממען אונטער פרוממע — א קווארט מיט צווייא אויהרען, דאס אומריינע וואסער
זאלל חלילה ניט טמא מאכען דיא האנד; און א האנדטוך איז שווארץ וויא א רעדנע אז
עס איז פשוט נמאס אנצוקוקען, מכל שכן אין דער האנד צו נעהמען, דערמיט ווישט
מען זיך אב מיט געוואשין פערשמירטע הענד צו עססען, יעדער היט אב באלד פון בעטט
אויפשטעהענדיג ניט צו געהן ד׳ אמות בלא נטילת ידים און ווערט זיך זעקס מאל געהיפט
אבשווענקען דיא נעגעל, דעם רוח רעה אבצושווענקען, קוקט איך אבער נאר גוט צו
זענין דיא הענד, ווער שמועסט דאס פנים, דער האלז אזוי דיק פערפאלצעוועט; אן
יוד טאר נישט דאווינין ניט א ברכה מאכען אין איין אומריין ארט וויא וויט דאס אויג
זעהט, ער טאר גאר ניט דענקען אן גאטטס נאמען במקומות המטונפות, זאגט אליין
וואו איז נאך אזוי אומריין וואו שטינקט מעהר וויא אין א יודישע שטוב, און עס זאלל
זייא צו קיין גנאי ניט זיין אין דיא קלויזען און ארום זייא. אין דער מקוה ווערט מען
קוקען עס זאללען נאר ניט ווענינגער זיין וויא פערציג סאה, עס זאלל ניט ארום שווימען
קיין זאך וואס קענן מאכען א חציצה, נאר דאס וואכטער מעג זיין וויא פאמיעס
און שטינקען איין אויר פון דעם געוויססען סוד פון מקוה. אזוי ווערד פון דיא טהייערע
ריינליכקייטס פארשריפטען בלויס פארמען גאט צו נארען און דער פאר נאך צו ער־
ווארטען עשירות אויף דער וועלט און איין גרויסען חלק עולם הבא. מיר צווייפלין זעהר
אויב מיט אזא וואשען ווערט מען זייא צולאזען צום לויתן. צום אומגליק איז בייא
פרוממע איין עבירה אריין צו קוקען אין א שפיגעל, פערקעהרט יודען און יודענים וואלט
מען געדארפט מאכען פאר א מצוה טעגליך זיך אנצושפיגלין, פילייכט וואלטען זייא דאך
געזעהן אז נאך דעם פליסקין אין מקוה און זיבענצעהן מאל אין טאג וואשען, זעהן זייא
אויס וויא דיא רוחות, און דאס איז ערשט דער רוח רעה וואס איז אזוי גיפעהרליך,
ווארין

וואָרין ריינליכֿקייט גיט צו געזונד, דורך אונרייכֿליכֿקייט ניקניט מען און ציעהט זיך צו אַללע קרענק, דאס זעלבע איז מיט דיא האָאר קעממין, מען האט זיך אָנגיטשעפּט אָן אַ וואָרט אין רש"י בייא יוסף (וואָרין דיא קוועללע אין תלמוד און מדרשים וויסען נאָר יחידי סגולה) „מסלסל בשערו" איז דאפֿון געוואָרין אַ מצוה צו פֿערוואָהרלייזען דען קאָפּף מיט דער באָרד מען זאָלל פֿארקראַכֿען ווערין און קאָלטיניס זאָללען וואַקסען; פֿון איין פֿרייטאג צום אנדערן צוואָגט מען זיך מיט לאָקשען יאָך און דער מיט איז מען יוצא לכבוד שבת. דאס אללעס העננט אָב איינס פֿון אנדערן, פריוועט נאר זאָרגט פֿאר דעם גימיינען מאַן ער זאָלל בעקוועהמער וואָהנען, וועט איהר זעהן וויא ער וועט שוין אויפֿמערקזאַם ווערין דיא דירה ריין צו האַלטען, זיך אָרדענטליך אָבצוואַשין, צו פֿאר-קעממען; ער וועט שוין אַכֿטונג געבין אויף דעם העמד, אויף דעם טלית קטן, אויף דיא פלידערן, אויף דיא זאָקען, אויף דעם בעטטגיוואַנד, זייא זאָללען ניט קויטיג זיין, אויף דעם אייבערשטען מלבוש עס זאָלל ניט זיין פֿערפֿאָלציוויט און לויטער פֿלעקין, בעססער אַ גאנצע דימענע קאַפּאָטע וויא אַ צעפֿאללינע זיידינע וואס דיא וואַטען קוקען ארויס. מיר זאָגען אייך ניט צו אז דאס וועט אללע פֿיהרן לידי רוח הקודש; דאס איז אבער בע-שטיממט אז עס וועט פֿארפֿיינערן זיירע און זיירע קינדערס זיטטען און וועט אריין ברענגען אונטער זייא אַ געוויססען גראַד ציוויליזאַציע, זייא וועלין איין אנדער פנים הא-בען און דאס וועט זיין פֿאר זייא דיא פרי פֿון עץ הדעת צו וויססען וואס זייא פֿעהלט, דער גייסט וועט אין זייא ערוואַכֿען, זייא וועלין געזונדער און לעבידיגער, ריהרידיגער זיין, און וועלין פֿון קריסטען פֿון וועלכֿע זייא לעבין מייסטענס אַנדערש בעטראַכֿטעט און בעהאַנדעלט ווערין.

אין בערדיטשוב זענין יעצט דאָ 1458 הייזער, היינו יודישע 968, דערפֿון 102 שטיינערנע, און 866 הילצערנע; דאַגעגען קריסטליכֿע נאָר 490, שטיינערנע 20, און 470 הילצערנע.

---

## דיא געשיכטע פֿון בערדיטשוב

מיר האָבען שוין גיזאָגט אויבען אז עס איז שווער אָדער גאר אוממעגליך ארויס צו פֿינדען ווען בערדיטשוב איז געבויט געוואָרין און וויא אזוי זיא איז אזוי געוואַכסען. מיר ענטנעהמין דאס וועניגע וואס מיר געפֿיננען אין דער אין ווארשא 1860 ערשינענער „Encyklopedyja powszechna", וואס דיא ארויס געבער האָבין זיך גענוג מיה גיגעבין קוועללין צו געפֿיננען, און וויא דער יעציגער נאַסטאָיאַטעל (גייסטליכֿע) אין דעם בערדיטשובער קאַרמעליטין קלויסטער האט אונז ערצעהלט, אז מיט שווערער מיה האָבין זייא געפֿוננען דיא נאַכֿריכֿטען אין דער קלויסטער אַרכֿיווע. פֿון דאָרט זעהט מען נאָר ארויס אז דער דאָזיגער קלויסטער איז געבויט געוואָרין אים 1626 טען יאהר. אים יאהרע 1647 (ת"ח) האט באָגדאַן חמעלניצקי חרוב גימאַכֿט בערדיטשוב. צו דער צייט איז גיוועזען דער פריץ פֿון בערדיטשוב Janusz z Łohoiska Tyszkiewycz, פֿון איהם איז זיא איבער גיגאנגען צו ראַדזשיוויללאָוו, ביז איצט קעהר זיא צום קשיאָנזשע ראַדזשיוויללאָוו, נאָר אזוי וויא שיינט און וויא מען איבעראלל רעדעט, וועט בער-דיטשוב אין קורצעם פֿארקויפֿט ווערין, אָדער דיא קרוין וועט עס איבער נעהמי-

און

און עס וועט ווערין אַ קאַמעראַליש גוט וואס דיא דאָרטיגע איינוואָהנער ווינשען זעהר, ערשטענס וועלין אוועק פֿאללען דיא פּריצישע נתינות, צווייטענס קאָנן דיא רעגירונג פֿאַרבעסערן דען בעשטאנד. פֿון שוין לאנג נאָך אים פֿאָריגען יאהר הונדערט איז בערדיטשוב צו גיטהיילט גיוואָרין צו וואָלהינער גובערניע און איז גיוועזין אַ מיעסטעטשקע, ערשט 1844 איז זיא איבער גיגאנגען צו קיעווער גובערניע, און 1846 איז זיא גיוואָרין איין אָיעזדנע שטאדט (גאָראָד). לויט דער ענציקלאָפּעדיע זאָללען זיך דאָרט גיפֿינען 40200 זעעלען (דאס הייסט אים יאהרע 1860) אונטער זייא 16864 יודישע זכרים און 18840 יודישע נקבות. דיא דאָרטיגע גיניטע מענשין זאָגען עס געפֿינט זיך ביז 56000 זעעלען, היינו 50000 יודען און 6000 קריסטען; עס קאָנן זעהר זיין, דיא ענציקלאָפּעדיע האט געוויס גינוממען איהרע נאָטיצען פֿון דער דומע און דער פּאָליציע, וואס קעננין נאָר וויססען פֿון היימישע פֿערשריבינע און פֿרעמדע מיט גימעלדיטע פּאַספּאָרטין. דאָרט זיטצען אָבער בעשטענדיג אַ מאַססע פֿרעמדע גאר אָן דאָקומענטע און ניט גימעלדיט. עס איז געוויס אין וויססענשאַפֿטליכֿער און פּאָליטישעקאָנאָמישער בעציהונג זעהר וויכֿטיג גענויא צו וויססען דיא צאהל פֿון דיא איינוואָהנער מיט זייערע בעשעפֿטיגונגען, בעזאָנדערס אין יעדער גרויסען האַנדעלסשטאָדט. בייא יודען איז דאס אבער אונמעגליך צו דערגיין. דיא הויפּט אורזאַך דאפֿון איז, דיא שוועריקייטען וואס דיא זישטשיקים מאַכֿען איידער זיא גיבען איינעם אַ פּאַס און ניט איטליכֿער איז אים שטאנד דעם בייזען האַלז און דען בייטעל פֿון דיא זישטשיקים מיט דיא סטאַריסטים צו נאַסיטשין. וויפֿיל קאָסט נעביך 5 מאָל אזוי פֿיל וויא דער קאַיסער פֿאָדערט פֿון איהם, נאר פֿאַר אבטשעפּין, קיין בילעט קריגט ער פֿאָרט נישט און ניעדאים וואקסט אויף איהם. דורך דעם גיוואָהנט זיך דער יוד צו לעבין צעהנדלינג יאָהרען אין דער פֿרעמד אָהן אַ שום דאָקומענט, ער שרעקט זיך טאַקי תחילת פֿאַר דער שיין, פֿאַר אַ רויטהען קאָלנר, ביז ער געפֿינט שוין מיטטעל און לערינט זיך אויס דעם שרייבער אַפֿילו דאס מויל צו פֿערמאַכֿען. אזוי האט ער קינדער און פֿערנאַכֿלעסיגט זייא צו פֿערשרייבין, בלייבען זייא בראָדיאַגים. ער פֿערלאָזט זיך אויף נסים און ליידט שפּעטיר. דאס וועט אָבער אזוי לאנג דוירען ביז דיא רעגירונג וועט מאַכֿען אַ נייע אָרדנונג אים פּאַס וועזין, וויא עס ווירד יעצט נאָכֿגיקלערט אין אַ בעזונדערע קאָמיסיע. קוים וועט יעדער קענין בעלייגין אין דעם אָרט וואו ער זיצט זיין קליינע אַבגאַבע און בעקוממען זיין אויפֿענטהאלטס-קאַרטע, וועט געוויס יעדער יוד דאס לעצטע אוועק געבין אַ דאָקומענט צו האָבין, דעמאָלט וועט מען האָבין גנויא סטאַטישטישע נאָטיצען.

אַלטע יודען ערציילין וואס זייא האָבען גיהערט פֿאָלקסזאגען פֿון זיירע עלטערן אז פֿאַר אַ יאָהר 400 איז אויף דעם אָרט (וואו בערדיטשוב שטייט יעצט) געקוממען אַ גזלן וואס האט גיהייסין „בערדיטש“ און האָט זיך דאָרט גימאַכֿט אַ חוטער (אָרט פֿולוואַרעק) וואו דיא אלטע שטאדט שטייט, צו איהם האבען זיך קאָמפּאַנירט קאַרמעליטער גייסטליכֿע, האָט ער זייא אויסגיבויט אַ קלויסטער, דאס איז דער קאַרמעליטען קלויסטער וואס עקסיסטירט ביז היינט, אַ שאָנע גרויסע קירכֿע אין צווייא אבטהיילונגען אויבען און אונטען, וואס איז וואהרשיינליך שפּעטיר אויסגיבויט גיוואָרין און דאבייא אַ גרויס גיביידע פֿאַר קאַרמעליטען מאָנאַכֿען. בערדיטש זאָלל ליגען אין דעם קלויסטער אין אַ העהל. ניט וויט פֿון בערדיטשוב זאָלל גיוועזין זיין אַ שטאָדט „ביסטריק“ וואס איז חרוב גיוואָרין אין חמעלניצקים צייטען, עס געפֿינט זיך נאָך דאָרט גרויסע קעללערס און אין וואַלד איז דאָ אַ בית הקברות. דאס אללעס האָט פֿריהר גיהערט צו ביליעפּיליע, דער

נאָך

נאך האט דער פריץ גיגעבין ביסטריק מיט דער געגענד נחן זיין טאכטער מיט דעם קשיאנזשע ראדזשיווילאוו. אין דעם ספר „יון מצולה" שטייט אז דער פירשט ראדזשיוויל האט געשיקט מיליטער צו שיטצען דיא שטאדט בערדיטשוב, ווארין דיא גלחים האבין עס פאר א שטאדט גימאכט, דאמאלס האט דער פריץ גילאזט מאכין דיא פעסטונג ארום דער קירכע, אלטע פעסטונגסמוירען פון ציגעל זעהט מאן נאך איצט פון דער גרעבליע קוממענדיג, פאר הונדערט יאהר זענין נאך אונטער דער גרעבליע קיין הייזער ניט גיוועזין, אונ דא ווא איצט שטייט פעכטענהאלץ'ס הויז, אויף דער גרעניץ פון דער אלטען אונ נייען שטאדט איז גיוועזין עק שטאדט, דאס אלטע יודישע בית עולם איז גיוועזין אויסער דער שטאדט.

פון אללע פאלקסזאגין וואס מיר האבין גיזאממעלט פון יודען אונ פון קריסטען קאמבינירין מיר אז בערדיטשוב האט תחילת אנגיהויבען קריגען א בעדייטונג טאקי איבער דעם קלויסטער, ווייל דארט איז גיווארין א וואהלפארטס ארט צו דיא הייליגע וואס ליגען אין דיא פשטשערים. נאך עד היום גייט מאן אהין מתפלל זיין אויף דיא קברים. בייא אונזער ארויס פאהרין פון בערדיטשוב קיין זיטאמיר דען פיהרצענטהען אויגוסט האבין מיר באגעגינט עטליכע מייל וייט פון דער שטאדט איינס נאך דאס אנדערע קאמפאניעס אונ פאארליך מעהרסטינטהיילס קאטוילישע נקבות, אלטע, מיטעלע, אונ יונגע, זאגאר מיידליך אונ יונגע קינדר פון אללע דערפער ארום, געהן צו פוס נא באגאמאליע. מיר האבין אפילו בייא דער ג'לעגענהייט גידענקט, וויא דער מענש איז גיוואהנט צו בעמערקין אבערגלויבישע זאכין וואס מאן זעהט בייא אנדערע אונ זיין אייגינעם נישט. אז למשל קריסטען באגעגנין טשאטים חסידים לויפען צום רבין, הייסט עס יודען זענין פאנאטיקער, אונ זייער פאלק איז עולה רגל צו דיא אלטע קברים פון זיירע הייליגע איז גאר נישט קשה. אויף יודען זאגט מען, ליידיג-גייהערס, אונ דיא בויערן מיט וייבער אונ קינדר וואס ווארפין אוועק דאס פעלד מיט דער לאנדווירטהשאפט אין דער בעסטער צייט אונ וואנדערן דווקא צו פוס חדשים לאנג איז פיין אונ וואיל. חאטש דער חסיד קאנן נאך זאגין א תירוץ, ווענינגסטענס פאר דיא וואס זענין ניט קלאר אינ'ם עסק, ער פאהרט צו א לעבידיגען גוטען יודען איהם שואל בעצה זיין אויף זיינע עסקים. מאהלט אייך מיר ווייסען דעם סוד אז ניט דאס איז דער עיקר נאר צו שלינגען נסים אונ פארטרינקען בראנפין, פארבייסין מיט שיריים. פארצייטענס ווען דער אבערגלויבען האט אללגעמיינער גיהערשט אונ דיא פריצים איז זעהר גוט גיוועזין, פלעגין דיא נראסטע אהין פאהרין אויף דיא קברים בעטין. וויא דער קאטוילישע גייסטליכע האט אונז ערציילט פלעגט מאן אונטען ארום דער קירכע בויען שאפים, דארט פלעגין דיא פילגער איינשטיין, מאן זעהט נאך איצט שפארין פון דיא שאפים, וואהרשיינליך האט זיך מיט דעם בענוצט אי דער פריץ פון שטאדט אי דיא גייסטליכע, יענער מעהר שפע אריין צו ברענגין אין שטאדט, דיא ווידער, דיא קירכע צו פארשאנירן אונ צו בערייכערן. צו אזעלכע אונטערנעהמונגען מוז מאן שוין אנקוממען צו יודעליך, ווארין וויא בעקאנט האט בייא דעם פאלק גיפעהלט דער מיטטעל שטאנד, דער סוחרישע, עס זענין נאר גיוועזין דער אדעל, גרויסע מאגנאטין אונ בויערן, פאראבקים, וואס האבין גיהאראוועט אויף זייא. אפילו דעם ארימען שליאכטשיץ איז ניט אן גישטאנען צו האנדלין. אים הויפט איינגאנג צום קלאסטער זענין אויסגיבויט פיל גרויסע שטיינערנע קלייטען ביז סאמע צום טהויער פון דער קירכע, דאס איז גיוועזין א גוטע, אונ א זיכערע הכנסה פאר דער קירכע, בעקוועם

פאר

פֿאר דעם פריעזשע, ער האט זיך מיט אללעם נעטהיגין פֿערזאָרגט ביים ארויס גיין פֿון
דעם גאָטטעס־דינסט ; פֿאר יודען איז עס אויך גיוועזין אַ גוטער פלאַטץ צום האַנדעל.
דאַריבער איז צו פֿארשטיין פֿאר וואס דיא קאַטוילישע גייסטליכקייט האט דערלאָזט
יודען זאָללען זיטצען אין דיא הייליגע קלויסטער מויערן מיט זיירע האַנדלונגען, יודען
האָבין אויך גיבויט איינפֿאָרהייזער מיט באַקוועמליכקייטין פֿאר פריצים, וואס זענין נאָך
ביז היינט דאָרט מאַסכען. מיט דער צייט האָבין זיך דאָרט גימאַכט וויכטיגע ירידים.
מאן פֿלעגט אַהין קוממען פֿון גאַנץ ווייטע געגענדין, בעזאָנדערס פֿלעגין שטאַרק זיין דיא
צווייא, דען 12 טען יולי, אנופֿרא יריד (וואס איז אונבעדייטענד גיוואָרין זייט דער
לעצטין צייט וואס מאן האט אין רעמזעלבין טאג גיגרונדעט אַ יריד אין קיעוו, דאָ איז
ער ניט גרויס אונ בערדיטשוב האט דאבייא פֿיל גיללישען). עס פֿלעגט דאָרט זיין אַ גרויסער
פֿערדס־מאַרק, וואס איז היינט אויך שוואַך גיוואָרין. דיא ירידים זענין גיוועזין דאָפפעלט
וויללקאָממען דיא עדילליים, וואס פֿלעגין אַהין פֿאָהרין אויף דיא הייליגע גרעבער מתפלל
זיין, אין איין וועגס האָבין זייא פֿערקויפֿט זיירע פראָדוקטע, פֿערד, רינדפיה, שאָף,
וואָלל. זייא האָבין דאָרט גע־קריגין פֿאָרשוססע אונ געלד אַנלייהען בייא יודען; אָב־
גימאַכט אוןֿ גישלאָססען קאָנטראַקטין. דאפֿון איז בערדיטשוב גיוואָרין אַ וויכטיגע האַנדעלס־
שטאָדט אונ דער שפעקולאַציאָנס-גייסט האט זיך אויס גיבילדעט אין אַללע בראַנשען.
דאָרט זענין גימאַכט גיוואָרין אַללער האַנד גישעפֿטין מיט רויהע פראָדוקטע, מאַנופֿאַקט־
טור, גאַלאַנטרי, אונ קאָלאָניאַל (באַקאַלעיני) וואַארין, אַללער האַנד לאחדים אונ
האָרט, וואס דיא גרויסע קאַפיטאַליסטין פֿלעגין באציהען פֿון בראָדי, לייפסיק אונ וויען.
זייא האָבין צוגיצויגין סוחרים פֿון נאָהנט אונ וויט בייא זייא צו קויפֿען, אונ דער גרויסע
אָבאָראָט האט גימאַכט אז עס איז גיוועזין קאָנוועניאַבעל בייא זייא צו קויפֿען, דער אויס־
לענדישער האַנדל איז ניט לייכט גיוועזין פֿאר מיטטעלע קויפֿלייט, דיא הוצאות זענין
גיוועזין זעהר גרויס, עס האט זיך ניט גילוינט אויף קליינען אַבזאַטץ אזוי פֿיל שפעזען צו
מאַכין, חוץ וואס דער בערדיטשובער גרויסער אַבנעהמער האט תמיד גיקריגען זיינע
וואַארין מיט געוויססע פראָצענטע ביללינער; אויף פֿראַכט אונ צאָלל האָבין זייא אויך
געכיר גיקענט עקאָנאָמיע מאַכין, דאבייא האט דער היימישע לאחדים פֿערקויף, אויף
וועלכין זייא האָבין גיקענט זיכער רעכנין פֿון דיא 5 ירידים, מעגליך גימאַכט דאס
האָרט גישעפֿט גראָססער צו טרייבין. דער רוסישע האַנדל, מיט מאָסקווא אונ מאַנו־
פֿאַקטור אונ גאַלאַנטרי, פעלצווערק אונ אַנדערע אַרטיקיל. אַ כלל בערדיטשוב איז
גיוועזין דיא וואארין קאמטער פֿאר דיא גובערניע קיעוו, וואָלהין, פאָדאָליען, בעסע־
ראביען, ברעסט ליטעווסק (בריסק). ערשט אין דיא לעצטע צייט אז אדעסא האט אָנ־
גיהויבין שטארק וואקסען פֿון איין זייט, בעזאָנדערס אָבער זייט דיא קאָמוניקאַציאָנען
זענין גרינגער גיוואָרין דורך שאָסעען אונ אייזענבאַהנין, דער שפעקולאציאָנס-גייכט האט
זיך אויסגעבילדעט אין אַללע מעהר אָדער וויינינער גרעסירע שטעדט, אזוי אז דער
דאָרטיגער סוחר מיט עפים קאַפיטאַל ט־עפֿט שוין אויך קיין לייפסיק, וויען, שווייץ,
ענגלאנד, פֿראנקרייך, מאָסקווא, צו דיא פוילישע טוך אונ קאָרט (טריקאָ) פֿאַבריקען,
מעהר נאָך אין דער לעצטער צייט, זייט דיא בויערן זענין באפֿרייעט גיווארין אין דער
לעצטין פוילישען רעוואָלוציע, דורך וועלכעם דיא פריצים זענין פֿעראַרעמט גיוואָרין,
זייט דאמאלס איז טאַקי בערדיטשוב זעהר שטארק גיפֿאַללין. דיא וואס האבין נאך
קרעפֿטע אונ קאַפיטאלין מיט אַ נאָמען פֿון פֿריהר מאַכין נאָך גוטע גישעפֿטין, דאס
געלד

געלד ארבייט. דאגעגין מיטטעלע אונ קליינע סוחרים טוטשען זיך אונ אז איינער פּריפֿט זיך צו פֿאָרסירען, צי מיט אַ קליין קאַפּיטאַלכען וואס ווערד פֿארזונקין אין אַ גרויס גישעפֿט, אָדער נאָר אויף קרעדיט, האלט ער ניט לאנג אויס אונ בלייבט באנקראָט. דאס שטערט דעם קרעדיט, וואָרין דיא וועלט ווירד מיסטרויאיש. — דיא קאַפּיטאַליסטען זוכען גישעפֿטע אויף אנדערע פּלעטץ; אדעסא, קיעוו, ווארשא, מאָסקווא אונ פּעטערסבורג, טהייל ציהען גאָר אויס אונ באזעטצין זיך ערגיץ אנדערש, ווא זייא קעננין סאָלידע אונ גרעססירע אָבאָראָטין מאכין, דאס איז קיין קליינער פֿערלוסט נישט פֿאַר דער מיטטעלע אונ גימיינער קלאססע, וואס האָבין נעבין זייא אונ פֿון זייא גילעבט אונ טאַקי צו אַ נדבה ווערין אויך וויניגער געבערס. — דיא אייזענבאַהן וואס ווירד אין קורצעם גיעפֿפֿענט פֿון קיעוו קיין בערדיטשוב, מיינען דיא מייסטען אז זיא וועט בערדיטשוב קיין טובה ניט טהון, דאס גישעפֿט וועט זיך קאָנצענטרירען אין קיעוו. מעגליך אז דיא באַהן זאָלל גיצויגין ווערין, (וויא עס איז אים פּלאן) ביז בריסק, וואָלט בערדיטשוב גיקעננט אויפֿגילעבט ווערין, ווייל עס איז שוין דאָרט איינגיריבינע שפע. מיר גלויבען אז דיא קאַפּיטאַליסטין זאָללין האָבין אביסיל ליבע צו זייער גיבורטסאָרט, וואָלטין זייא גיקאָנט ערהאלטין דיא בעדייטונג פֿון בערדיטשוב אונ רעטטין טויזענדער פֿאמיליען פֿון העכסטען עלענד, ווען זייא זאָללין באצייטענס אנלעגין פֿאבריקען מיט דאמפּפֿקראַפֿט אונ געבין באשעפֿטיגונג פֿיעלע הענד. נאָך אים יאהרע 1860 (שרייבט דיא ענציקלאָפּעדיע) זענין אין בערדיטשוב גיוועזין געגין צוואַנציג טויזענד יודען וואס האָבין קיין שום בעשטימטע זיכערע בעשעפֿטיגונגען ניט גיהאט, נאָר גילעבט פֿון דער לופֿט: פֿאַקטוירים, ראָדנאָשטשיקים וכדומה ווינד-גישעפֿטין. מאן קאנן זיך משער זיין וויפֿיל עס מוזען זיין הייניטיגע צייטען, וואס דער מעקלער האט ניט מיט וועמין אַ גישעפֿט צו שליסען. אין אמת זעהט מאן מאַססען יודען זיך ארומדרייען אין גאס אָהן אַ שום בעשעפֿטיגונג. עס זענין דאָרט דאָ גענוג בעל מלאכות, וויא דיא שטאַטיסטיק וועט צייגען וואס מיר ווילין צולעצט געבין, נאָר פֿאַר דיא היימישע זענין זייא איבערהייפֿט, פּריעזשים קוממען פֿערהעלטנים-מעסיג וויניג אונ זייער פֿאָללקאָממענהייט אין דער מלאכה גייט ניט אזוי וייט זייא זאָללין קעננין צוציהען שפּעקולאַנטין אויף זיירע פֿערטיגע סחורה, ובפרט זייא האָבין ניט אויף אויסלאָג פֿאַבריקאַרטיגע ווערקשטעללין אַנצולעגין. אייניגע טליתים אונ צינדהעלציל פֿאבריקען זענין אפילו יאָ פֿערהאנדין, זייא ערנעהרין טאַקי מעהרערע פֿאמיליען, עס ארבייטען בייא דיא טליתים יונגליך אונ בחורים, בייא דיא צינדהעלציל זענין מיידליך באשעפֿטיגט, נאָר וואס קלעקט דאס פֿאר אַזאַ גרויסער באפֿעלקערונג אָהן עין הרע וואס איז אזוי בידנע, אָרים אונ דאצו אזוי וויניג פֿערזעהין מיט עפּיס אַ זיכערן שטאַנד אונ אזוי פֿערוואהרלאָזט, בעפֿאללין מיט גרויסע סעמעיסטווים, פֿון יונגערהייט אָן אין עול, אונ דער אבערגלויבען, דיא שווערמערייא אונ חסידישער מיססיגגאנג בענעהמין זייא גאָר דען לעצטין קוראזש.

# געשעפֿטס אפעראַציאָנען

וועדלוג דיא ענציקלאָפּעדיע שרייבט, געוויס האט זיא גיזאַמעלט זיבֿערע נאָטיצען, זאָללין צו דער צייט דיא גישעפֿטין אין בערדיטשוב גיוועזין זיין איף דעם שטייגער: דיא סוחרים ברענגין אריין סחורה ביז אויף 18.467.000 רו"כ, דער פֿון ווירד פֿאַרקויפֿט אין שטאדט; דאס איבריגע ווי"ד פֿערקויפֿט אין דיא אללע אויבען אויסגירעבֿענטע גובערניעס. דעם אָבראָט פֿון דיא באנקיערסקי גישעפֿטין רעבֿענט ער ביז צוואנציג מיליאָן אַ יאהר. עס זענין דאָרט נאך איצט דאָ גרויסע גבירים קאָנטאָרין וואס מאַכֿין זעהר בעדייטענע וועכסיל-גישעפֿטע; גרויסע סוחרים וואס האנדלין מיט רויהע פּראָדוקטע, מיט ספּירט, אונגעהייערע לאַגער פֿון מאַנופֿאקטור, גאלאנטרי, פּערטערוואַרק, באקולעינע, אפּטייקערסקי, און פֿארבען; מען מאַכֿט נאָך גרויס-אַרטיגע גישעפֿטע מיט אינגלאנד און איסלאנד. נאָר דיא אללע גישעפֿטין שטעהען איין אין אייניגע וואָהלהאבענדע הענד און דאס מעהרסטענטהיילס זענין זיירע אָבאָראָטען ניט אויף דעם פּלאטץ, אזוי אז אין שטאדט איז ניט דאָ קיין שפע.

אינדעססען זאָלל מען זעהן וויפֿיל אָפּפֿענע קלייטין און קלייטליך גאנצע ראדין עס געפֿינען זיך דאָרט, מייסטענס אויף דער אלטער שטאדט אין דער הויפּט גאס און אונטער איהר, אויך אים קלײנען מארק צו דער נייער שטאָדט און ביים אנפֿאנג זיטאָמירער גאס. מעננער און פֿרויען און מיידליך זיטצען און היטען דיא קראָם אָדער דאס שאפֿקעלע פֿאַר יעדער קלייט. איין ענגשאפֿט קוים דורכצוגעהן, ניט פֿון דיא קונים, נאָר פֿון דיא טוכרים אליין און פֿון דיא אָנגישטעלטע קאסטענס און רינדוקים. קוים ווייזט זיך אַ פֿרעמדער, איז ער אַ קונה אָדער ער גייט גלאט דורך, ווירד אַ גערייסיריא; דיא יונגליך, דיא משרתים, דיא בעל בית'טים און דיא מיידליך צופּען פּשוט בייא דיא פּאָלים, רעבֿנין אויס זייער גאנצע וואַרע, זאָגין צו האלב אומזיסט צו פֿארקויפֿען. פֿאַללט אַ קונה גראָד אריין אין אַ בודע, רייסט מאן איהם כמעט פֿון דער טהיר אוועק; מאן שרייעט אריין, טאדעלט יענעמס סחורה, און זאגט צו בעססערע און וועלוולערע צו געבין. דורך דער נידריגען קאָנקורענץ פֿארדינט מאן כמעט גאָר נישט אַבי אַ מזומנען גראָשין צו זעהן. יעדער האט מעהרערע פּרעון'ס: דעם האָרטאָווניק צו דער צייט, ער זאָלל נאָך אמאָל גיטרויען, דעם וואוכֿערער דאס וואָבֿען געלד, אז ניט נעהמט ער דיא נשמה, זעצט איין, שליסט דאס קלייטעל; דעם בעל בית קלייט געלד, דעם אנדערן דירה געלד; פֿילווייניג דעם יונגעל, דעם משרתיל, און ערשט אין שטוב אריין דען טאג איבער צושטערבֿען, אויף שבת אויף יום טוב; היינט נתינות, מעמדות דעם רבין, שכר לימוד, דעם בעהעלפֿער ראש חודש געלד, פֿאַר דעם גרעגער, דעם המן קלעפּעריל, דעם דריידעל, דעם פֿייל און בויגען, פֿאַר דער פֿאָהן, וכדומה אַזעלבֿע זאַבֿין וואס מאן מוז זיך אַ קניפּ טהון אין דער באַק דיא פֿארב זאלל שטיין. יעדער איז אזוי להוט אויף דעם מזומנים לייזונג, אז מאן בארעבֿענט נישט דעם סוף, אויף דיא אללע גידאנקען איז איין תירוץ „גאָטט וועט העלפֿין", דערווייל קריגט מאן זיך, מען שעלט און זידעלט זיך, און טהיילמאהל קומט צו אַ גישלעג איבער דעם טהייערן קונה וואס מען האט איהם פֿערקויפֿט אונטערן קרן אדער קרן, גוט איז שוין אז מאן פֿערדינט אָן איהם עטליבֿע פּראָצענט. נאטירליך אונטער זאָלבֿע אומשטענדע איז נעביך דעם קרעמער ניט צו פֿעראַרגען אז ער בייט איבער דאָפּפּעל, דרייפֿאך, ער פּריפֿט זיך, טאָמיר וועט זיין אַ נאַרישער קונה וועט ער בייא איהם זיך אָבזובֿען פֿאַר צעהען אנדערע, און דאס הייסט

הייסט „גאָטט האט באשערט אַ גוטען קונה". דאס קוממט אלץ דאַפֿון וואס אַזאַ מאַססע מענשין (אָהן עין הרע) אין איין אָרט, האט קיינער פֿון זייא ניט גילערנט פֿון קינדוויים אָן עפּיס אַ זיכֿערן שטאנד, דאס ביסיל גמרא קענן זייא נישט מפרנס זיין, ניט איטלי־כֿער ברענגט עס צו אַזאַ שטופֿע צו ווערין רב, דיין, (אים שטיינסגיזאגט שוין דיא גדולה נאך היינטיגע צייטען ערגיץ אין אַ קליין שטעדטיל פֿון כלי קודש צו זיין, שטארבט מען אויך גוט צעהען מאל אין טאג פֿאר הונגער); נאָר זענין זשע גאָר דאָ חאָטש אזוי פֿיל דערפֿער אין דער גאנצער וועלט, צו באזעטצין אללע יודישע לערנקינדער וויא דיא עלטערן האָפֿפֿען; יונג מאַכֿט מאן חתונה, האלב נדן, אין גוטען פֿאלל, דערגיבען ניטביידע צדדים, דיא אנדערע העלפֿט נעהמט מען צו נאָך דער חתונה, פֿון דיא בישטערע קעסט לאָזט זיך אויך אויס אַ טייך, דערוויל זענין שוין דאָ אַ פּאָר קינדערליך און ער בעטייבט זיך מיט דעם רויש פֿון חסידיסמוס, דאס קאפּיטשקעלע תורה וועפּט אויס חאָטש ער באדעקט דען קאָפּ מיט אַ יארמולקע, און דער מוז אויף איין מאָל ווערין אַ פֿערטיגער מענש, דיא נויטה טרייבט איהם מפרנס זיין וייב און קינד, אָדער אז ער איז גאָר אַ שלימזלניק, ליגט אָב וואָכֿין ביים רבין און גאנצע טעג אין קלויז, מוז זיא נעבוך אומגילערינט ווערין איין אשת חיל, צו וואס קענן מען זיך נעהמין? ווענן ניט צו אַ קראָם און אזוי ווירד מאן אַ סוחר. גליקט עס איינעם אונטער טויזענד, צו דורך צופֿאלל, אָדער ער האט טאקי פֿון דער נאטור גוטע פֿעהיגקייטען צום האנדל, דינט ער שוין צום פֿאָרבילד טויזענדער, איטליכֿער וויל איהם נאָכֿטהון, חאָטש ער ווייסט ניט וואו איין און וואו אויס, ביז ער פֿארדרייט זיך און שלעפּט מיט אנדערע. פֿון דעסטוועגין וועט דאס ניט אָנלערנען פֿאטער און מוטטער און זייא אלליין, זייא זאָללין ווייניגסטענס זיירע קינדער בעססער ערציהען און מיט אַ זיכֿערן שטאנד פֿערזעהן יונגערהייט; ניין, מאן וויזט נאָך אויף יענעם איינעם וואס האט מצליח גיוועזין, און לייגט אלם ארויף דיא גאנצע שולד אויף רבש"ע, מאן זאגט: אָט זעהט איהר, תנחום האט אויך גאָר נישט גילערנט וואס דיא דייטשען פֿערלאנגען, ער קאָן אפילו ניט שרייבען און ניט ליינען, פֿון דעסטוועגין אז הש"י האט איהם גיוואלט געבין אַ שטיקעל הצלחה איז ער גיוואָרין אַ גרויסער בריה; מיט גאָטט קאָנן מאן זיך ניט שלאָגין, ווער שמיעסט אז גאָטט העלפֿט זייא, זייא זעהן אַ גילערינטען גייט גראָד אויך ניט גוט, דאָ האָבין זייא שוין אַ דאָפּפעלע טרייסט; „גוט דעם רשע גייט נישט גוט, איז אַ סימן אז קעננין בעוואָרינט נישט פֿאר דלות". וואָלטען אָבער דיא עלטערן בעצייטענס איינגיזעהן אז ניט אללע קינדער זענין עילוים, ניט אללע זענין פֿעהיג צו ווערין רבנים, און ניט אומגיין אין עולם התוהו מיט חלומות דער זון וועט דרשינין; העטטען זייא איינגיזעהן אז דאס רבנות אים גאנצען איז ניט אזוי מקנא צו זיין; וואָלטען זייא יונגערהייט גיזאָרגט זיירע קינדער צו דעם צו ווידמען, צו וועלכֿין זייא קעננין יאָ טויגין; אַודאי דאס וואָילע קעפּיל וואס האט שטארקע התמדה צום לערנין מהיכי תיתי לאָז ער לערנין; אז עס וועלין זיין ווייניג און אויס־גיצייכֿענטע לומדים, דער בייא אויך וועלטליך אויסגישוויטשעט און נעטהיגע קעננט־ניססע, וועט מען זייא וויססען צו שעטצין, זייא וועללין האָבין כבוד און פרנסה בכבוד. דאגעגין אנדערע וואס האבין גאר טאַלענט צו עפּיס אנדערש און מאן מוטשעט זייא אומזיסט אָב דיא בעסטע יאָהרין, איז געוויס אַ גרויסע עבירה, מאן טהוט דאמים שלעכֿטס דעם קינד, דיא עלטערן האָבין קרענקונג, און דיא וועלט קריגט ליידיג־גייהער שליכמזלניקים. האָבין דען אונזערע חכמים ניט בפירוש גיזאָגט, „אהוב את המלאכה

ושנא

ושנא את הרבנות, זאללסט ליב האבין דיא מלאכה אונ פיינד האבין דאס רבנות, ווילט איהר קלינער, פרוממער זיין וויא אונזערע תנאים? קענן מאן דען ניט געביר בלייבן איין אמתער יוד אונ גיטרייער דעם גלויבען אונ דער נאציאן, אז מען איז פערזארגט מיט א זיכערע פרנסה? עס איז שוין צייט זיך ארימצוקוקען! אויך דיא גימיינדע איז מחויב צו זארגען דערפאר עס זאלל ניט אויסוואקסען א גאנץ נייא דור כאמע בטלנים; דאס דארף זיא טהון לטובת הכלל פון דער גאנצער מענשליכען גיזעללשאפט, פון דער גאנצין מדינה, ווארין אזעלכע וואס זענין ניט פערזעהן מיט עפיס א זיכערן שטאנד וועלכין דיא וועלט דארף האבין, דיא פאללען צו לאסט דער מענשהייט, לעבין אויף פרעמדין חשבון, טהייל פשוט וויל מאן מוז זייא אויסהאלטין צי פון קהל'ס קאססע צי פון בעטלין, טהייל ווידער מיט זייער אומבערעכענטער אונוויסענדער שעדליכער קאנקורענץ, זייא צעאקערן אונ פערדארבען א גישעפט; למשל, דאס פארהעלטנים פון קרעמער זאלל זיין בערך דיא קונים, אונ יעדער קרעמער זאלל זיין גוט גילערנט אונ פראקטיצירט אין זיין פאך, וועט ער תמיד וויססען גענויא צו בערעכנין זיינע אבאראטען מיט זיין הוצאה, אונ לויט דעם שטעללין פרייזען מיט פערדינסט; אנדערש איז אבער אז א בית המדרש יונגעל ווירד א סוחר מיט דיא עטליכע הונדערט קערבליך, ער איז קיין מבין אויף סחורה, ווייסט נישט וויפיל מאן קאנן אבזעטצין, וויפיל מאן דארף נעהמין ריוח אויף יעדין ארטיקעל לויט זיין פערשלייס אונ סאלידקייט, ווא איז ער אים שטאנד איינען איבערבליק צו האבין איבער זיין גישעפט, דערוויל שאדעט ער יענע גענוטהע, אזוי אז ביידע פערלירען. דיא גימיינדע איז אויך מחויב צו פערזארגין, אבצוהיטען עס זאלל ניט זיין קיין חילול השם, עס זאלל ניט מעהר בעליידיגט ווערין אונזער רעליגיע, דאס יודענטהום אונ דיא יודישע נאציאן; עס איז שוין צייט מאן זאלל איבערצייגין דיא רעגירונג אונ דיא פעלקער אונטער וועלכע מיר לעבין, אז שונאים האבין אויס־ געטראכט אויף אונזער תורה אז זיא הייסט חלילה בעטריגען אונ ראבירען גוים; מען דארף מיט אללע מעגליכע פאקטישע בעווייזע איבערצייגען, אז עס ליגט בשום אופן ניט אים יודישען נאציאנאלין קאראקטער געוויססענלאז צו האנדלין, פרעמדם אויף אונעהרליכער ארט אויס צוקאשפערן; אונ ווענן דאס איז גישעהן פארצייטענס זענין ניט אונזערע רעליגיעזע גיזעטצע ניט אונזער נאציאנאלע גרונדזעטצע דרינין שולדיג, נאר דיא דאמאליגע גיזעטצע וואס האבין בעשרענקט דען יודען, דא זיטץ ניט, דא גייא נישט, צו דעם ריהר דיך ניט צו, מיט דעם דארפסט דוא נישט האנדלין, דיא מלאכה טאהרסט דוא ניט בעטרייבין, פאר דעם מוזט דוא צאהלען שווערע נתינות ה״ץ דיא וואס אנדערע איינוואהנער טראגין. איז בייא אזעלכע אומשטענדע עפיס א וואונדער אז דער בעדריקטער וואס וויל דאך זיין הונגער שטיללען טהוט כל הפסלנות דיא נאטור צו בעפרידיגען; מעהרסטענטהיילם טהוט מאן עס אונבארעכענט, מאן קלערט גאר בשעת מעשה ניט נאך, מעג מען אדער נישט; נויטה ברעכט אייזין איז איין אלט שפריכווארט; דיא ווידער וואס האבין יא געפיהלט, עס איז אומרעכט, דיא איננערע רעליגיעזע שטיממע האט זייא דערמאנט אז דאס איז בפירוש פערבאטען; נאר זייא האבין זיך געזוכט א היתר: זייא האבין זיך בעטראכט אז זייא זענין אויך מענשין גלייך מיט אללע, צום סוף נימט מאן זייא מענשליכע רעכטע וועג נאר דער פאר וואס זייא זענין יודען, א טיטעל אויף דעם זייא שטאלצירין, אוודאי האט זיך זייא גידאכט זייא מעגין זיך מיט חיטראסט נעהמין ביים איינצעלנען דאס וואס דיא גיזעללשאפט האט זייא פערבאטען. נאר אזוי וויא דיא צייטין האבין זיך גיענדערט איז א מצוה בעווייזע

צו

צו ליפערן אז ווענן א יוד האט זיך ערלויבט אין פריהערע צייטען א קריסט צו בערייסען, צו פערשווינדלין, איז דרינין ניט שולדיג גיוועזין דער יוד, נאר דער מענש, דאס הייסט דיא שוועכען פון דעם מענשליכען גייסט איבערהויפט אונטער אללע נאציאנין, וואָרין ניט איטליכער האט אזא שטארקייט אין זיך, איבערצוטראגין א גאנץ לעבין מאנגעל און אונטערדריקונגען און באשטיין אויף דעם נסיון, געדולדיג אין רוהיג געגין זיין שונא, געגין זיין אונטערדריקער נאך עהרליך צו זיין. דאס איז פון א בשר ודם צו פיל גיפאדערט. מען קאנן דאפיר קיין רעליגיע ניט בעשולדיגען זיא קענן נאר מאראליש ווירקען, ובפרט דיא יודישע וואס האט קיין אנדער תקיפות. לאנדעסגיזעטצע וואס האבין א פאליציא איבערטרעטין ניט פילע אוים נויטה? דאס האט שוין לאנג אונזער תנא גיזאגט, יהי רצון שיהי מורא שמים עליכם כמורא בשר ודם, הלואי איהר זאללט פאר גאטט אזוי מורא האבין וויא פאר א מענש. אט דאס איז היינטיגע צייטען אויף דיא געמיינדע מוטל צו דערווייזען און דאס קאנן נאר גישעהן ווען זיא וועט ערנסט זארגין פאר דיא ערציהונג דער יוגענד, מקיים צו זיין דעם פסוק: חנוך לנער על פי דרכו גם כי יזקין לא יסור ממנה, ערציה דאס קינד נאך זיין שטייגער (נאך זיינע פעהיגקייטי) וועט ער ניט פערלאזין זיין שטאנד אפילו אויף דער עלטער; ניט ער וועט זיין א ליעליעקינד ביז צו דער חתונה, אז דאס איז גאר ניט פאר זיין מוח, דערנאך ווארפט ער עס אוועק אויף תמיד און ווארפט זיך אויף אללע זייטען פון איין גישעפט צום אנדערן. מיט דעם ביישפיל וואלט גידארפט בערדיטשוב פאראנגעהן, וועט זיא האבין דיא מצוה פון מזכה הרבים, וואָרין איהר וועלין נאכטהון אללע גימיינדען אין יענע גובערניעס, דען פלאן עס זאלל זיין רעכט פאר גאטט און פאר לייט וועלין מיר שפעטער פארשלאגין:

---

## הערשענדער גייסט אין דער געמיינדע

וויא מיר האבין שוין אויבען בעמערקט איז שווער צו פארשטיין און צו דערגיין וויא אזוי עס האט זיך אויסגיבילדעט אין בערדיטשוב דער גימיינדע גייסט און קאראקטער אויף געשיכטליכער ענטוויקלונג, וויל עס פעהלין דיא נעטהיגע קוועללען דאצו: פינקסין, ספרים, האנדשריפטען, זעלבסט דאקומענטע אין ארכיווען, וויא דער שטייגער איז אין אללע אלטע יודישע שטעדט. דאריבער מוז מען שליסען אז לאנגע יאהרין איז דארט נאר גיוועזין א זאמעלפלאטץ פון שפעקולאנטין וואס האבין זיך אהין גיצויגען גליק צו זוכען, אדער חאטש דאס טעגליכע בעדערפניש לייכטער צו פערדינען; מען האט דאהער ניט גיזארגט פאר גימיינדע אנגילעגענהייטען, נאר אזוי וויט עס איז נעטהיג גיוועזין בשעת מעשה, איטליכער איז גיוועזין פעריאגט אין זיין גישעפט, טהייל האבין אפשר תחלת גאר ניט גידענקט דארט צו בלייבען, נאר געלד צו זאמטעלן און צוריקפאהרין אין זיין געבורטסארט, גאנץ אלטע מיוחסים און וועלטבעריהמטע רבנים אדער גדולים האבין קיין בעזאנדערעס אינטערעסע גיהאט זיך דארט צו בעזעטצין, דיא גימיינדע פארצייטענס האט אויך ניט געזוכט דווקא חריפים גאונים אויפצונעהמין, אזוי אז דאס בערדיטשובער רבנות ביז צום „קדושת לוי" קלינגט נישט אזוי וויא

אנדערע

אַנדערע פֿיל קלײנערע שטעדט אונ װאָלהין אפילו, װיא למשל, אוסטרהא, דובנא, לויצק, וכדומה. שולען אונ בתי מדרשים געפֿינט מען דאָרט קײנע אַלטע גראָסאַרטיגע, װײל דער עולם איז גיטהײלט אין מנינים אָדער קלויזען, אזוי האט מאן זיך בעגניגט מיט מיטטעלמעסיגע מורי הוראות, אַבי בעקװעהמער אונ דיא נעטהיגע רעליגיעזע בעדירפֿניססע צו בעפֿרידיגען. נאָר אים אַללגעמײנען זעהט מען אז דיא גימײנדע איז פֿון תחילת אָן בעשטאנען אויס פראָסטע מענשין װאס האבין זיך גיהאלטען אָן דיא רעליגיעזע פֿאָרשריפֿטין װעלכֿע האבין גיהערשט צו יענער צײט אַללגעמײן אים יודענטהום, דאַװינין אָבענדס אונ מאָרגעס בציבור װיא ניט איז, דאס איז דאס אײנציגע גיװעזין װאס האט קלײנע נימײנדען אין דער גאַנצער גימײנדע צוזאַממענגיהאַלטען, יעדע קלויז האט זאָגאַר גימעגט האָבין אַ װאָהלטהעטיגע חברה, װאס האט גיזאָרגט אונ געלד גיגעבין צו אײן נוטצליכֿען רעליגיעזען צװעק, דאָך פֿון אײן העכֿערן בעגריף אים גימײנדעװעזין, װיא א י ן גײסט בעהערשט אונ בעװעגט אַללע מיטגלידער צו אײן ציל צו שטרעבין אונ צו ארבײטען אונ אָפּפֿער צו ברענגין צײט אונ געלד, פֿון אַזאַ בעגריף געפֿינט מען קײנע שפורען אין אַלטע צײטען. עס איז קײן צװײפֿעל אז אין יעדין דור האבין זיך געװיס געפֿונען לײטישע נגידים, מיוחסים, לומדים אונ קלוגע עהרליכֿע בעלי בתים װאס האבין גילײטעט עהרליך אונ גוט דיא גימײנדע אַנגילעגענהײטען; זײער װירקונג איז אָבער נאָר גיװעזין דען אויגענבליק צו בעפֿרידיגען, דאס נעטהיגסטע צו פֿערזאָרגען אָהן װעלכֿין מען האט זיך נישט גיקענט בעגײן, צי איז דאס גילעגין אין דיא אומשטענדע, אָדער אין דער פֿערשידענהײט דער קאַראַקטערע פֿון דיא אַללע מאָל נײע אַנזעססיגע, אָדער אין דער שװאַכֿהײט פֿון דיא ערשטע גימײנדעפֿיהרער, קעננין מיר ניט דערגײן; אפשר זענין אַללע 3 צוזאממען שולדיג, נאָר דאס זעהט מען דײטליך אז דעמאָלט האָבין דיא גרויסע ניט גיזאָרגט פֿאר שפעטערע צײטען, זיך אונ זײער גימײנדע מאָנומענטע צו שטעללין, דורך גראָסאַרטיגע שולען אונ אנדערע גימײנדע הײזער. ביז פֿאַר קורצעם איז אפילו קײן אָרדענטליך הקדש ניט גיװעזין אונ דיא בײדע פֿאָרהאנדענע גימױרטע שולען זענין גאָר יונג, ערשט אַ פֿאָר דורות, אונ װענן עס איז פֿריהער דאָ גישטאַננען אַ שול װיא דיא יעציגע אויף דער אַלטער שטאדט, איז עס נאָר גיװעזין אַ הילצערנע, עס קאָנן זײן זיא איז עטליכֿע מאָהל אָבגיברענט גיװאָרין אונ װידער נײא אויפֿגיבויט, אזוי אז דער פלאַץ איז אײן אַלט מקום קדוש; דאָך דאס בעװײזט נאָך מעהר אז דיא גרויסע קהלה האט ניט גיהאט אזוי פֿיל אײפֿער, אזוי פֿיל גימײנגײסט, נאָכֿצוטהון פֿיל קלײנערע שטעדט פֿאר איהר אונ אין איהרע צײטען אַ גימױרטע גראָסאַרטיגע שול אויף לאַנגע צײטען צו פֿערזאָרגין.

װיא עס שײנט האט זיך דער בערדיטשובער קאַראַקטער געבילדעט זײט דער צײט װאס ר׳ לוי יצחק ז״ל איז גיװאָרין רב. עס איז דאַריבער קײן חידוש ניט װאס זײט דעמאָלט זענין אויך קײן בעזאָנדערס אויסגיצײכֿענטע גאָטטעס־הײזער אונ װאָהלטהעטיגע אַנשטאַלטען ניט געגרינדעט גיװאָרין, חאָטש בערדיטשוב האט אַ שם פֿאר װאָהלטהעטיגער שטאָדט. נאָר װער עס איז קלאָר אינ׳ם חסידישען גײסט װעט זיך גאָר ניט װאונדערן; עס איז בעקאנט אז דער חסידיסמוס רײצט אזוי דיא פֿהאַנטאַזיע גאָר אין הימעל צו לעבין, אז מען פֿערלירט גאָר דיא װעלט, װאס האט בײא פֿאַנאַטיקער גאָר קײן װערטה נישט. דעם חסיד איז גאנץ גענוג אַ קלײזיל ד׳ על ד׳, מעג עס אויסזעהן װיא שרעקליך, אַבי ער קענן דאָרט פליעסקין אונ שפרינגען; דער

איבריגער

איבריגער עולם וואס מיינען גאָר לשם שמים געהן נאָך דיא עטליכע געהייליגטע פֿייערדיגע רעדילפֿיהרער ; דיא ליידיגגעהער אונ פֿליאסקעדריגים האבין נאָר אין זיננען, תיקון אונ נסים צו דערצעהלין ; דערצו איז נאָר מסוגל איין ענג שטיביל. דאריבער דאווינין חסידים קיין מאָל נישט אין קיין גרויסע שול אונ דאס איז דיא אורזאכע וואס אין גרויסע שולען הערשט נאָך כמעט אומעטום דער נוסח אשכנז. דאגעגין אין דיא ערטער וואו עס איז פֿון אלטע צייטען ניט דאָ קיין שול, קוים האט דער חסידישער גייסט דאָרט איבערהאנד גענומען וועט שוין קיין שול ניט געבויעט ווערין. אזוי איז אויך מיט אנדערע וויכטיגע גימיינדע אנשטאלטען. אז דער עיקר איז דער רבי, ער איז דיא שול, דאס בית המקדש, דאָרט וואו ער דאווינט וואָהנט גאטט מיט דער גאנצען פמליא של מעלה ; ער איז דאס שפיטאָל, וואָרין ווער היילט דענן קראנקע אז ניט ער ; ער איז דיא תלמוד תורה, מען דארף נאָר איהם אָנקוקען, ווער שמועסט הערין זיין שלש-סעודות תורה, ווירד שוין אַ מינדסטע קינד אַ למדן אין נגלה אונ אין נסתר. נאָ, דארף מען בויען אין חוץ לארץ גרויסע שולען, בתי חולים אונ תלמוד תורה'ס אַז דער רבי וועט באלד אראָבברענגען משיח ; צו וואס דער קלאָפּאָט דיא שולען, דיא בתי מדרשים זאָללען זיך דארפֿין מיטשלעפּפין פֿון חוץ לארץ קיין ארץ ישראל ? גלייכער מען בויעט דעם רבין אַ פאלאץ, איז דאָך אללעס אין איינעם, דערוויל געהט אריין אין זיין פאלאץ, אין זיינע קארעטעס אונ פֿערד, אין זיין ברייטען פֿיהרעכטס אין הויף, אין זיינע גבאים, אין זיינע קינדער אונ אייניקליך, דאס גאנצע געלד, מעהר וויא יודען קעננין טראָגין, מעהר וויא פֿארצייטענס האבין געקאָסט אין יודישע שטעדט אללע אנ־שטאלטען, נאך אזא שווערער נתינה (ווארין נדבה קענן מען דאס ניט אָנרופֿען, מיר זענין איבערצייגט אז קיין 10 פראָצענט גיבען ניט גערין מעמדות אונ פדיונות, נאָר מען מוז, דער האט מורא פֿאר דעם נגיד, ער וועט אויף איהם קרום קוקען, דער עושר האט מורא מען זאָלל איהם ניט אַ פאקים טהון, דער דארף קרעדיט, דער וויללשיינע שידוכים טהון, לעת עתה היט זיך איינער פֿאר דעם אנדערן אויסצוזאגין, אונ גיט אָפּט איבער דיא קרעפּטע) ; איז זשע מעגליך נאך אַזעלכע שווערע נתינות דעם צדיק, אָדער בעססער גיזאגט, דיא צדיקים, ווארין מיט איינעם בעגניגט זיך ניט דאס מינדעסטע שטעדטיל, איז מעגליך מען זאלל נאך אין זיננען האבין צו זאָרגין פֿאר דיא שפּעטערע דורות מיט גרויסאַרטיגע אַנשטאלטען. נאך זייער איבערצייגונג, נאך זייער לעבענס־וויזע, נאך זייערע בעגריפּפּע איז פשוט אַ שטות אַ תכלית פֿערזאָרגין, ניט יעדער פֿאר זיך מיט זיינע אייגענע קינדער, מכל שכן אָבשטשעסטווא. דרינין ליגט דאכט זיך, נאך אונזער מיינונג, דיא אורזאכע וואס אין בערדיטשוב, אין דעם גרויסען אָרט פֿון גבירים אונ מתנדבים, האט מען דאך ניט אויף וואס צו קוקען וואס זאלל רעפּרעזאנטירען דיא גימיינדע.

נאָך ערגער איז געוואָרין אין שפּעטערע צייטען, וואָלט דאָרט געבליבען איין היילגער וואָלט דאך דיא גאנצע גימיינדע גיהאט איין צענטראל פונקט, דיא נויטה וואָלט שוין מאנכעס גישאפּט, מעג זיין וויא שלעכט, אַלץ עפּיס וואס זאלל עדות זאגין אז מען האט גיזאָרגט פֿאר דעם כלל. דאס אומגליק איז אבער, עס זענין גיטהיילט גיוואָרין דיא איינוואָהנער אין פֿילע קליינע אַבטהיילונגען, יעדע האלט זיך פֿון איהר צדיק, אונ האט זיך איהר קלייזיל, זאָרגט זיך מיינסטענס פֿאר איהרע לייט ; קענן שוין גיזאָרגט ווערין פֿאר כללית מיט אַללגעמיינע אַנשטאַלטען ?.

דיא גרויסע לייט אין דיא לעצטע דורות, דאס הייסט דיא עשירים, וואס האבין בעהערשט דאס גישעפֿט, האבין משפיע גיוועזין פֿיעלע מענשין אַרום זיך, האבין גיגעבין נדבות, האבין זיך גילאָזט קאָסטין אום איבעראַלל חשוב צו זיין, דיא דאָזיגע גרויסע זענין גיוועזין חסידים, חשובים בייא דעם אָדער בייא יענעם גוטען יוד, צו האבין זייא עם ערנסט גימיינט, אָדער עס האט זייא גיטויגט צו זייער גישעפֿט, צו זייער ראָללע, דאס ווייסט נאר דער יודע מחשבות; דערווייל האבין זייא פֿערשטערקט דען גייסט דעם חסידיסמוס אין שטאדט, אונ פֿון דאָרט האט ער זיך פֿערברייטעט אויף דיא פראָווינצען אַרום אונ אַרום. דאס מאַכֿט שוין נישט אזוי פֿיל אויס, צי האלט מען פֿון דעם אָדער פֿון יענעם צדיק, אַבי מען גיהערט צו דער פֿאָהן, אַבי מען הייסט חסיד, ווייל מען פֿאָהרט אַמאָל צום רבין, מען גיט איהם געלד, מען דאווינט אין אַ חסידיש קלייזיל, מען מאַכֿט מיט, מיט דער חברה, מען גיט תיקון, מען טאַנצט שמחת בית השואבה, מען הערט אונ דערצעהלט נסים פֿון קדושים, מען האט אַ זוהר אין דער היים, חאָטש מען מעג קיין עברי נישט קעננין אין איהם, מען קויפֿט חסידישע ספרים, מען בעגניגט זיך ניט מיט דער מזוזה, דעם רבין'ס שמירה'לי בעוואָרינט בעססער פֿאר מזיקין, וכדומה מדות מיט װעלכֿע אַ חסיד צייכֿענט זיך אויס געגין אַ פראָסטאַק אָדער געגין אַ לומדישען מתנגד.

דאָרט ווא עס הערשט שוין דער חסידישער גייסט, ווערד שוין נישט קיין שטאדט טהוער דער וואס איז פֿעהיג דערצו, דער וואס דיא גימיינדע האט זיך איבערצייגט אז ער איז באמת קלוג אונ געניטה אין קהל'ס זאַכֿין אונ מיינט עס ערינסט לטובת הכלל; דאָרט האט מען בלינדעס צוטרויען צו דעם וואס האט זיך פֿערשטאַננען איינצושמייכֿלין ביים גרעסטין גוטען יוד, דאס הייסט, בייא דעם צדיק וואס האט גראָד דאָרט פֿיל אנהענגער, אָדער ער האט געווינען עטליכֿע צדיקים פֿאר זיך, וואס לויבען איהם. איינער אָדער עטליכֿע אַזעלכֿע חשובים פֿיהרען אַרום גיוועהנליך אַ גאנצע שטאדט בייא דער נאָז. דער פראָסטע עולם וועט גאר ניט וואגען מהרהר צו זיין געגין זייא; דיא עטליכֿע מעהר בעמיטטעלטע אָדער געניטהערע קלוגערע, זאָגאַר לומדים, וואס פֿער-שטעהען יאָ איין עסק אונ וואָלטין זיך גערין ארויסגישטעללט; נאָר ענטוועדער זייא האבין פשוט מורא, מען וועט זייא דאָקוטשין אונ זייא וועלין גאר ניט אויספֿיהרען, ווארין דיא מאַססע וועט תמיד האַלטען מיט יענע; אָדער מען בעוואָרינט זיך פֿריהער אונ שלעפּט זייא מיט אין קאָהן אריין, מען טהיילט זייא אויך צו אַ שטיקיל כבוד, אַ התמנות, אַבי שוויג. מיר וויללען ניט גערארע בעהויפטען אז איבעראלל אונ צו יעדער צייט געשיהט מיסברויך; מיר דענקין קיינעם וועגם אז חסידים קעננין שוין גאר ניט עהרליך זיין אונ זענין גאר ניט פֿעהיג צו גימיינדע-אַנגילעגענהייטין; דאס זענין פֿאָר-אורטהיילע אזוי גוט וויא דיא חסידישע געגין אויפֿגיקלערטע אז אללע זענין הולטאַיעס. דיא זאך איז, מעהרסטענטהיילס זענין זייא נאָר פֿעהיג, לויט איהרע גרונדזעטצע, דען אויגענבליק צו בעפֿרידיגען, זייא גייען אויס פֿון דעם פרינציפּ — דער יוד איז אין גלות, מען דארף ניט פֿערזאָרגין דיא וועלט, אַבי דאס יודישקייט צו ערהאַלטען; דיא לאַנדעסשפראַכֿע קעננין זייא נישט, ווייל מען טאָר ניט מסיח דעת זיין פֿון חסידות, אונ דיא זאַכֿין זענין מבלבל דיא מוחות אונ קעננין חלילה פֿערפֿיהרען צו דער סטרא אחרא. זייא קעננין דאריבער ניט אויסווירקען מיט שכל עס זאָלל כשר גיין,

זייא

זייא ציטטערן פאר א רויטהען קאלנער, און פאר דער עהרליכסטער זאך מוזען זייא דאס מויל פערשטופען. דיא וואס דרעהען זיך ארום זייא מעגין שוין מאכין מיסברויך, מען קענן פון זייא קיין חשבון ניט פערלאנגען, ווייל מען קענן אלליין קיין חשבון ניט אבגעבין; דאבייא איז דאך א יודישער כלל: „א חזקה טאר מען ניט ברעכין"; היינט ווידער א יודען חושד זיין אז ער איז עוסק בצרכי ציבור ניט באמונה, איז איין עבירה; אז ער געניסט דערפון — מהיכי תיתא, עס איז א מצוה איין עהרליכער יוד זאלל האבין פרנסה פון קהל. אויב ער איז ווערטה אזוי פיל וויפיל ער נעהמט זיך אויף צו לעבין און יונגע קינדער חתונה צו מאכין, גרויסע שידוכים טהון, קעסט געבין אויף קהל'ס חשבון און נאך אוועקלייגין, דאס קלערט קיינער נישט נאך. אויף דעם שטייגער וואקסען ארוים אללע אונארדנונגען אין דיא יודישע גימיינדען וואס פערלאזין זיך אויף זייערע רעדעלפיהרער, וועלכע זענען מוסמך פונ'ם צדיק, אזוי גוט וויא דער רב, דער דיין און דער שוחט.

בערדיטשוב איז א צייט מיט יאהרין גישטאנגען אונטער אזא פראטעקציע, און אללע גימיינדע-אנגילעגענהייטען זענין גיוועזין וויא א מאנאפאל בייא איינינגען אדער אייניגע מעכטיגען איינפלוסרייכען, וואס וויא גוט זייא האבין עס גימעגט מיינען, פון בעססערער ארדנונג האט נישט גיקענט זיין דיא רעדע, און דיא וואס זענין קלאר גיוועזין אין דיא סודות און זענין ניט אזוי געוויססענהאפט גיוועזין, האבין דערפון נוטצען גיצויגין פאר זיך. דיא ווענינע געבילדעטע וואס זענין דארט צופעלליג פערווארפען גיווארין, האבין געמוזט שווייגען, ענטוועדער זייא זענין אבהענגיג גיוועזין פון דיא גרויסע, פון דער מאססע; אדער זייא האבין גאר געציטטערט צו וואגען מיט דעם לעבין, זייא זענין צופרידען גיוועזין מען לאזט זייא עקסיסטירען, און אז זייא האבין גיוואגט און זיך אנגערופען, ווער האט זייא גיהערט. עס האט געמוזט א בעזאנדרער צופאלל זיין, איין מעכטיגע האנד זאלל גראד שוואך ווערין און איידער איין אנדערער פון דעם גייסט האט גענוממען דיא ציגעל פון דער גימיינדע אין דיא הענד, האבין זיך דיא עטליכע אויפגיקלערטע גישטעללט אונטער דער פאהן פון איינער אנדערן מעכטיגען האנד, וואס גיהער צו דער פארטשריטס-פארטהייא און האבין אוספעיעט א קאפ אויפצוהייבען. נאר דאס האט מיט געווירקט אויף דען אללגעמיין הערשענדין גייסט אין דער גימיינדע. איצט וויא פריהער איז פארהערשענד דער חסידיסמוס. דיא עטליכע געבילדעטע מיט זייער טעמפעל און אנשטאלטען שטעהן וויא אויסגישלאססען אוים דעם כלל, דאריבער ווירקען זייא אויך ווענינ אויף דער מאססע. טהייל וואס וואלטען זיך גערין אויסגיפיינט און וויללען יוצא זיין פאר אללע צדדים, זאגין, בכן דיא אויפגיקלערטע זענין אין מאנכע זאכען צו וויט גיגאנגין. מיר וועלין נאך גילעגענהייט האבין איבער דיא איינצעלנהייטין צו רעדין, און אין טהייל זאכען וועלין מיר אומפארטהייאיש און אונאפהענגינג אויף מאנכע זאכין אויפמערקזאם מאכען וואס זענין פריהצייטיג אדער גאר איבערפליססיג. שווערליך גלויבען מיר אבער, אז זייא זאללען אפילו אללעס נאכגעבין וואס דיא צווייפנימדיגע זאגין אויב זייא וואלטין צוגישטאנגען צו דיא געבילדעטע, חיבא זייא זאללין אים טעמפיל איינפיהרען נוסח ספרד מיט בלעכענע פושקעליך אויף דעם בעקאנטען וואססער, פליעסקין און טרינקען תיקון, א חזן נאר צו נעהמין דעם וואס דער רבי רעקאמאנדירט, און איבערהויפט צאהלין שטייער עפים וואס ניט איז א צדיק און בכלל האלטען פון גוטע יודען

אינדרעססען

אינדרעססען דער צייטגייסט טהוט זיינם, אביסיל האבין אויך איינפֿלוס גיהאט דיא
געבילדעטע מענשין, אביסיל דיא שולען, אביסיל דיא לעהרער, אביסיל דיא יודישע
צייטונגען, בעזאָנדערס וויא מעהרערע האבין אונז פֿערזיכֿערט, דער „המליץ" (מיר
פֿראַהלען נישט דערמיט, נאָר דיא וואהרהייט איז, ווייל דער „המליץ" רעדט דייטליך
ארוים וואס ער מיינט און דענקט), אביסיל בייא פראָסטערע דער „קול מבשר" אביסיל
אז עס איז צופֿעלליג אַ יונגען מאנן אריינגיפֿאללען אין דיא הענד עפּיס אַ נייא ספר'יל,
עפּיס אַ ביכֿעל. אויף דער אַרט טרעפֿט מען שוין טהייל יודען עלטערע, דווקא אין
דער לאנגען קאפּאָטע, וואס דענקט שוין גאר אנדערש; אויך יונגע לייט וואס בעהאל־
טען זיך און לערנין גאנץ גישמאק העברעאיש, רוסיש, טהייל אויך דייטש, מאנכֿע
אויך וויססענשאפֿטען קיינער זאלל ניט וויססען. אזעלכֿע עלטערע מענשין און יונגע לייט
זענין צו אונז געקומסען, שפעט אין דער נאכֿט, קיינער זאלל זייא ניט זעהן, בעזאָנדערס
דיא יונגע האבין זיך שואל בעֵצה גיוועזין וואס פֿאר אַ וועג זייא זאללין איינשלאָגין.
נאטירליך אונטר דער חסידישען דעק בריהען זיך אוים היינטיג וועלטיגע גידאנקען, נאָר אלץ
איז דער גייסט דעם חסידיסמוס דער פֿאָרהערשענדע, און נאך לאנג וועט עס דויערן
איידער. דער יאָך ווירד געבראָכֿען ווערין. דאס איז אַ בעקוועהם און וואָלוויל מיטטעל,
צו טהון וואס דאס הארץ בעגעהרט און דאָך אַ שיינער יוד אַ חסיד צו זיין.

נאָך דער בעמערקונג איז אונז פֿערענטוועֿרט גיווארין אַ הארבער פסוק וואס מיר
האבין קיין מאל ניט פֿערשטאנגען, רבש"ע שיקט יונה הנביא קיין נינוה און זאגט איהם
בפירוש, זיא איז זעהר זינדיג, צום סוף רופֿט ער זיא אָן „עיר גדולה ל א ל ה י ם"
נאר עס איז רעכֿט, מען האט דאָרט גימעגט טהון אלדעס בייז אַבי אונטער דען מאַנ־
טעל „לשם שמים", בכלל איז זיא דאָך גיוועזין איין עהרליכֿע גימיינדע, אַ סימן יונה'ס
ווערטער האבין גיפֿועלט, זייא האבין תשובה געטהון.

---

## רעליגיעזע און וואהלטהעטיגע אנשטאלטען

דער חסידיסמוס האט אין בערדיטשוב זיינע אייגענטהימליכֿע זיטטען, זיין בענעה־
מען, זיין פֿאָרם מלבושים, פֿון וועלכֿע עס קענן זיך ניט אבגיוועהנען דיא וואס דענקען
שוין אנדערש, אזוי לאנג זייא וויללען ניט אָפּפֿען צושטעהן צו דיא דייטשען, אין דער
קליידונג איז אַ געמיש פֿון רוסיש מיט אלט יודיש. נאָר בייא מעננער איז נאָך אַ
האלבע לייד, פֿרויען איז גאר אַשרעק אָנצוקוקען, בעזאָנדערס דיא קאָפּפֿבעדעקונג.
הונדערטער אַרטען הייבליך מיט טשאטשקים און בונטע פֿארבען, אויפֿגיזעצטע פּאַרי־
קען פֿון האָאָר אדער פֿון פעל, אדער גאר האָארבאנד, נאָך דעם גראַד דער פֿרימקייט,
אז עס ענשטעללט דיא פּנימער.

דיא גרויסע שול אין דער אלטען שטאדט איז גיבויעט פֿון ציגעל, זיא שטעהט
אין איין ענג אומריין געסיל, דיא ארכֿיטעקטור איז ניכֿטס בעזאָנדערעס, נאר אין
דעם איז צופֿעלליג דער פלאן עהנליך דיא נייע קאָהרשולען, וואס דיא וויבערישע
שולען זענין ניט אויך אונטען, נאר אויבען געשטיצט אויף זיילען און אונטער דיא זיילען
דאווינין

דאווינען מעננער. דיא שול איז ניט אַלט, אים גאַנצין אַ יאָהר 31 לויט דעם פרט וואַס געפינט זיך אויף דער וואַנד (תקצ"ח), וויא מיר האָבין שוין בעמערקט איז דאָ פריהער געוועזען אַ הילצערנע. דאָס וואונדערט אונז נאָך מעהר, אַז זיא איז יאָ געבויעט געוואָרין ערשט פאַר העכער 30 יאָהר, דעמעלט איז דאָך בערדיטשוב געוועזען אים העכסטין וואָהלשטאַנד און האָט געהאַט גרויסע גבירים נדיבים, פאַר וואס האָבען זייא נישט אויפגעבויעט אַזאַ אימפאָזאַנטע גראָסאַרטיגע שול וויא עס פאַסט אַזאַ גרויסער יודישע געמיינדע? דער תירוץ געפינט זיך שוין אויבין. פאַר דיא טרעפ פונ'ם ארון קודש זענין פון אייזערנע שטאַנגין גימאַכט וויא 2 טהירליך; וואָס דיא בעוועגליכע גראַטעס בע-דייטען, קענען מיר זיך ניט ערקלערען, פאַר אַ גנב איז דאָס קיין בעוואָרניש ניט, קיין פערצירונג איז עס אויך נישט. נאר פהאַנטזיע טרעפט מען בייא יודען אין דיא שולען! פאַללט איין אַ גבאי עפּים צו מאַכען, אבי עס זאָלל ניט אַ פנים האָבין חלילה וויא אַ דייטשע שול איז אלץ כשר. איבריגענס דאָס איז נאָך צו דערליידען, וועניגסטענס איז דרינין נישט דאָ דערווידער דעם יודישקייט, עס איז גלאַט חוזק. ערגער אַ סאַך איז דיא מאַלערייא אויף דעם סקלעפ: פליצום זענין דאָרט אויס געמאָלט דיא 12 מזלות. דאָס ערשטע מאָל אין אונזער לעבען זעהען מיר אזעלכע פיגורען אין אַ יודישער שול, און מיר האָבען שוין גאָטט זייא דאַנק זיך אָנגעזעהן גענוג אַלטע און נייע שולען, מען האט דאָס מוסטער געמוזט ארויסנעהמען פון אַ פאָרצייטיגיש וויענער מחזור מיט ווייבעריש טייטש, און האָט געמיינט אַז דיא באָבע האָט זיך געקאָכעט אָן דעם מחזור בייא גשם און טל, איז דאָס שאָן אין אַ שול אריין פאַר אַ פערצירונג. מען האָט אָבער נישט בערעכענט אַז דער פרעמדער קריסט וואס איז געוואָהנט אללע געמעלהען אין זיין קירכע צו בעט-ראַכטען פאַר הייליגען בילדער, קענן מיינען, יודען זענין חס וחלילה עובדי כוכבים ומזלות. מזל דגים זענין גאָר אויסגעמאָלט 3 פיש דורכגעפלאָכטען אין איינעם, האָטש אומעטום ווערין נאָר 2 געצייכענט; חוץ דעם פערלעצט עס דאָס יודישע צניעות אין שול צו זעהן אָבגעמאָלט דאס מזל תאומים — צווייא נאַקעטע מענשליכע פיגורען; נאָך ערגער איז מזל בתולה, פשוט איז פשוט אַ נאַקעטע מויד. וואס דאָ טהוט זיך פאַר אַ ליאַרעם אַז אַ יונג ווייבעל קוממט מיט אַ געבלעסטען האַלז אָדער מיט אייגענע האָאָר אין שול, און אַ געמאָהלטע נאַקעטע פאַנע איז רעכט! — וועניג האָבין שוין אונזערע אלטע רבנים געשריען נאַגעוואַלט געגען אללע פיגורין אין שול, זייא זענין נעבוך זעהר גערעכט, עס איז דאָך בפירוש אַ דין אים צווייטען דיבור פון דיא עשרת הדברות וואָס אונזערע זיידעס האָבין מיט זייערע אייגענע אויהרען געהאָרט פון גאָטטס מויל אויף דעם בארג סיני: לא תעשה לך פסל וכל תמונה כו'. דוא זאָלסט דיר נישט מאַכען קיין גע-שניצטעם געגאָסענעם אָדער געהויעטעם בילד, ניט קיין געשטאַלט פון דעם וואס געפינט זיך אים הימעל אויבין, און אויף דער ערד אונטין און אים וואַסער אונטער דע" ערד. דיא מקובלים האָבין מתיר געוועזען פיגורין פון דיא חיות הקודש, און דאָס נאָר פון דרייא: לייב, אָדלער און אָקס, קיין מענשען פיגור אוודאי ניט. וואס פאַר אַ קבלה האָבין דיא גבאים פון דער בערדיטשובער שיל וואָס פאַר זייא איז גאָר מותר אפילו נאַקעטע בתולות, מיר פאָדערען אויף דיא דאָרטיגע מורה הוראות, בעזאָנדערס וועלכע זינד קלוגע יודין דאס זייא זאָללין הייסין דיא געטצענבילדער פערשמירען, עס איז אויף זייא דער חוב מוטל אזעלכע ווידער געזעטצליכע זאַכין ניט צו דערלאָזען. עבענזאָ זאָל מען פון דער

מערב

מערב זייט איבער דער פרויען שול פערוויסען דיא כליזמרישע אינסטרומענטן . עס איז
נאר א חרפה אונ א בושה אין א שול צו זעהן אויס געמאהלט א פיעדעלי, א באס, א קלאר-
נעט, א פלעהטע, א פויק, מיט קליינע מארשאלקאווסקי האנד־פייקליך אונ טעטצליך,
וואס מען קלאפט צו צום טאקט בשעת מען פיהרט פון דער חופה, גלייך וויא דא וואלט
געוואהנט א כלי־זמר, אדער איין אינסטרומענטען פאבריקאנט וואס העגגען ארויס א שילד
(וויוועסקי)! דערבייא ווייזט מען ארויס דאס גרויסע עם־הארציסקייט, אונטער דיא אינסט-
רומענטע איז געשריבען: על ערבים בתוכה תלינו כנורותינו איך נשיר כו'. שקר וכזב,
פון דיא אללע אינסטרומענטע איז קיין איינציגס ניט געוועזען געברויכט אין בית המקדש,
אונ ווידער הערט מען דיא כלים אללע טאג כמעט בייא דער אייגענער שול צו דיא חופות;
צו וואס זאגט איהר א ליגענד אז איהר האט דיא דאזיגע אינסטרומענטע אויפגעהאנגען
אויף דיא ווידענביימער אין בבל? און דער פויק דער קעננט מען געווים אז זיא איז ניט
פון בית המקדש אראבגענומען דאס מוסטער, לייענט חאטש דעם יוסיפון אויף עברי
טייטש וועט איהר זעהן אז יודען האבען זיך דאס לעבין איינגעשטעללט אונ ניט אריין
געלאזט דיא ראממישע פאהן מיט זייער הערב, מכל שכן נאך אויף דער פויק אין בית
המקדש! מיר האבען שוין ניט איין מאל אויפמערקזאם געמאכט אויף דעם מנהג בייא יודען
קיינע בילדער אין דער שול אריין צו שטעללען. לאזט אנשטענדיג בעטען דיא תפלה הנותן
תשועה פאר אונזער מילדטהעטיגען קאיסער מיט זיין ערהאבענער פאמיליע, א כלל
אללעם צו זאממען בעווייזט דען שענען געשמאק אונ וואס בייא דעם דארטיגען פובליקום
הייסט פאססענד אונ יודיש צו פערציערען גאטטעס הויז. וויא לאנג נאך וועלין אונזערע ברידער
ניט וויססען אז דאס איינפאכע איז דאס פאססענדסטע פאר אונזער רעליגיע, זיא צייכענט
זיך נאר דערמיט אויס. משה רבינו ע"ה זאגט בפירוש אין משנה תורה (ס' דברים ד' ט"ו,
פרשת ואתחנן) ונשמרתם מאד לנפשותיכם כי לא ראיתם כל תמונה ביום דבר ה' אליכם
בחרב מתוך האש כו': איהר זאלט אייך זעהר היטען פאר אייערע נפשות, וואָרין איהר
האט נישט געזעהען קיין שום בילד אין דעם טאג וואס גאטט האט מיט אייך גערעט אין
חורב דורך דעם פייער", ער רעכענט ווייטער אויס: קיין שום פיגור, ניט קיין בילד פון
א זכר אדער א נקבה, ניט פון קיין שום בהמה וואס געפינט זיך אויף דער ערד, ניט פון
קיין שום פויגיל וואס פליהט אים הימעל, ניט פון קיין שום קריעכענדעס (רמש) אין דער
ערד, ניט פון קיין שום פיש אים וואסער, ניט פון קיין זונן אדער לבנה אדער שטערן.
אונזר רעליגיע בעשטעהט מעהר וויא 3000 יאהר, נאר אויף דעם פרינציפ אז גאטט
קענן קיין לעבענדיגער מענש ניט בעגרייפין וויא ער זעהט אויס, קיין הייליגע פערמיט-
טלער צו גאטט האבין מיר קיין מאל נישט געהאט, ניט לעבעדיגע בעשעפענישין ניט
היממלישע קערפער ניט גייסטיגע וועזען, אפילו משה רבינו האט נאר ביים לעבין מליץ
געוועזין אויף יודען, קוים איז ער געשטארבען האט קיינער ניט געטארט וויססען ווא ער
ליעגט, מען זאל איהם ניט מאכען פאר א הייליגען, לויפין אויף זיין קבר אונ איהם גע-
ברויכין פאר א פירשפרעכער צו גאטט, ווייל דיא תורה האט געוואלט יעדער יוד יעדער
מענש זאלל זיך ערנסט ווענדען צו גאטט אליין אהן א מעקלער וועט ער איהם דערהערין.
אונזער משכן, אונזערע בתי מקדשים האבין זיך אויסגעצייכינט מיט זייער איינפאכהייט,
קיין שום פיגור האט מען דארט ניט בעמערקט, אויסער דיא כרובים אים משכן אונ אים
ערשטין

ערשטען בית המקדש, וואס מען ווייסט עד היום נישט וויא זייא האָבען אויס געזעהן אונ
וואס זייא האָבען בעדייטעט; אים בית שני איז שוין קיין אָרון אונ קיין כרובים ניט
געוועזין נאר אַ שטיין איז דאָרט געלעגין (אבן שתיה). אים ערשטען בית המקדש האט
שלמה המלך נאר אים פֿאָרהויז געשטעללט דען כיור אויף לייבען, אבער ניט אינגעוויינינג.
פֿון וואַנין האבין זיך בייא יודען גענומען דיא וועווריקים מיט דיא הערשען לייבין וכדומה
צורות אויף דיא מנורות, וואס איז מן התורה שטרענג פֿערבאָטען? בייא דיא קאַטאָליקין
ציערט מען דיא קירכֿע מיט מאַלערייען פֿון ביבלישע אונ עוואַנגעלישע געשיכֿטען, נאר
דאָרט האט עס איינען אַנדערן זינן — דיא טהייערע אֶלגעמעלדען פֿון דיא גרעסטע קינסט-
לער ווירקען אויף דער איינבילדונגס־קראַפֿט אונ ערוועקען דאס פֿאָלק צור אַנדאַכֿט צו
פֿרוממקייט. אָבער בייא יודען טאָר מען דאס נישט, אונזער תורה׳לי, אונזער סידוריל,
אונזערע טהייערע אונ ריהרענדע געבעטע דאַרפֿין וועקען אונזער האַרץ ערנסט אונ אַנדעכֿ-
טיג, אונזער זעלע צו דערהייבען צו ג.אטט; נאר דער בעגריף פֿון איין אונזיכֿטבאַרען
גאטט דאַרף אונז איינפֿלעסען עהרפֿורכֿט פֿאר איהם, קיין שום בילד, קיין שום פֿיגור
טאָר ניט דיענען אַלס מיטטעל אונז אָן גאטט צו דערמאַננען: אונ דיא זיסע מאַלערייא
פֿון אַ יודישין פֿאַרבער מיט וואַססער פֿאַרבען אויף שטיקאַטורקע, האט טאַקע דיא קראַפֿט
צו ווירקען אויף דיא חושים, אפילו אַז אונזער רעליגיע זאָלל עס ערלויבען. זעהט
איהר אַ שענער אַרכֿיטעקטור, איינגעוויינינג גלאַט אונ איינפֿאַך מיט געשמאַק פֿערציערט,
עכֿט וויים אנגעשטריכֿען, דאס ענטשפריכֿט וואהרהאַפֿט דען גייסט פֿון אונזער רעליגיע;
דאס וואס אַזעלכע אַבשייליכֿע פֿיגורין קאָסטען, וואָלט גלייכֿער געוועזין בעססער אַללע
יאהר דיא שול לאָזין גוט אויסווייסען, וואָלט פֿערשפּאָרט אזוי פֿיעל שטויב אזוי פֿיעל
קאָפּיטש פֿערטונקלין דאס זאָגענאַננטע קליינע בית המקדש.

לאָמיר שוין אַוועקלעגין דיא וואַנד מיט זייערע העסליכֿע ניכֿט יודישע פֿערציערונגען,
אונ בעטראַכֿטען דיא אָרדנונג אונ איינריכֿטונג מיט מנהגים וואס דאָרט הערשין. מילא
פֿינ׳ם פראַטש האט מען ניט צו רעדען אַז ער שפּיעלט דאָרט אַ גרויסע ראָללע. מיר,
וואס זענין שוין אָבגעוואָהנט לאַנגע יאָהרין פֿון דעם פֿורכֿטבאַרען אינסטרומענט, האבען
יערעס מאָל אָבגעדריגעט אַז אונזערע אויערין זענין ערשיטערט געוואָרין פֿון דעם שרעקליכֿען
הילעך וואס דער קלאַפּ פֿון דער לאָפּאַטע האט געגעבין אויף אַ ספר. דער שמש אויף
דעם בעלעממער ביים שלחן האט אונז אויסגעוויזען וויא אַ וועשין וואס האַקט אין גרעט
אריין מיט דעם פראַלניק. אָט דערמיט האָלט מען דיא דיסציפּלין אין אַ שול? אונ
יודען דאס אויסשליעסליך רעליגעזע פֿאלק האבען אַלליין קיין אָבשייא אונ קיין דרך
ארץ, אַז מען מוז זייא נאר דערמאַננען מיט אַ העכֿערן ליאַרעם וואס זאָלל אַללע שטימ-
מען בעטייבען? צום סוף נאַך אַללעם איז דאַך ערשט אַ געזעמעל, ניט חלילה אזוי
פֿון דעם דאַווינען נאר פֿונ׳ם רעדין, פֿונ׳ם גערויש פֿון קינדערליך אָהן אויפֿזיכֿט, גלאַט
אַ געפּילדער אז מען הערט דעם חזן נישט. אָט גיט דער שמש עטליכֿע קלעפּ מיט דעם
פּראַטש ווירד איין אויגענבליק שקטה שטילל, באַלד הייבט אָן וויטער זשימען, אַללע מאָל
שטאַרקער אונ שטאַרקער. אַללע כסאָלבאָי בעלי בתים מאַכֿען אוים זייער האַנד אַ
פּראַטש אונ פּאַטשען דעם סידור, דאס חומש אדער דעם שטענדער, דער ווייל איז אַ
געקלאַפּעריי וויא פּורים המנין, ביז דער שמש גיט ווידער אַ טראַסק, אונ דאס דויערט
איבער דעם גאַנצען דאַווינען. אפשר זאָלל מען אויף דעם אויך זאָגין „מנהגן של ישראל
תורה

תורה היא׳ ? אוודאי האט משה רבינו, אדער חאטש עזרא מיט דיא אנשי כנסת הגדולה ערפונדען און ארויס געגעבען א מארעל פון א פראטש. מיר האבען אבער שוין געזעהן גאנץ שענע שולין, וואו מען דאווינט גאנץ ערינסט און אללע שטעהען אנשטענדיג און רוהיג אהן א פראטש, נאטירליך ניט בייא פֿרוממע אין יענעם קאנט. — ווייטער, מען נעהמט מיט קינדער אין שול — זעהר רעכט, דאס איז איין אלטער יודישער מנהג און איז זעהר צוועקמעסיג, דער איינדרוק וואס דער גאטטעס דיענסט מאכט אויף דעם קינדישין געמיטה בלייבט איבער זיין גאנץ לעבין אין זיין הארץ, און פֿאר דיא ערוואקסענע קלינגט אויך מעלאדיש דער „ברוך הוא וברוך שמו״, „אמן״, וואס געהט קאהר ארטיג ארויס פֿון דעם ריינעם אונשולדיגען מויל הונדערטער קינדער מיט זייער יונגע פֿיינע שטיממען: נאר ווען איז דאס גערעדט געוועזין, אז פֿארצייטענס פֿלעגין בעהעלפֿערס שטעהען מיט דיא קינדער אויף א בעזונדערער באנק, מייסטענס אויף א גאניק און האבען געהאל-טען דיא קינדער אין ארדנונג, און זייא אויפֿמערקזאם געמאכט ווען מען דארף אריין פֿאללען איינשטיממיג מיט „בהוב״ש אמן, שמע ישראל, קדושה ברכו״; ניט אז אין אללע ווינקעליך דרעהען זיך קינדערליך, און דיא וואס זיטצען צו זאממען האלטין איינער א פולקע, דער אנדערער א שטיק קוילישט, דער דריטער לעקיך, און געוועהנען זיך פֿון קינדוויים אן פלוידערן אין שול זייערע נארישקייטין.

נייע מנהגים האבין מיר דארט אויך געזעהן וואס זענין געגען דעם שלחן ערוך, נאר אויף אללעם האבין דאך אונזערע ברודר תירוצים, א מנהג ברעכט א דין. פליצום הייבט מען אן טהיילען דיא פרשיות פֿון כהן אן, חאטש עס שטעהט בפירוש אז הוספות דארף מען נאר אנהייבען אבשפאהרין פֿון רביעי אן. א תירוץ, מען דארף בעטהיילען חיובים און דערפֿון האט דיא שול הכנסה. דאס איז טאקע נאר פֿאר דארטיגע פֿרוממע א גרונד דיא תורה צו טעכערן אויף 30 עליות, שטאט זיבען אורשפרינגליכע. נאך ערגער איז; פליצום בלייבט מען שטעהן אין מיטטען לייענען, דיא תורה ווארט אויף ווען? א חתן דארף זיך אויפֿרופֿין אין שוהל. זענין נאך דיא מחותנתטים נישט פֿערטיג מיט דעם אויסשלאנדערן, מוז א גאנץ ציבור, דיא הייליגע תורה אויפֿגעהאלטין ווערין. דיא געשיכטע האט גדויערט א קנאפע שעה, דאס חתנדיל איז שוין אויך למזל דא, ער האט א פנים געהאט אין דיא זיידענע חתונה קליידער וויא א יונג לאשיקיל אין א חאמוט, דאריבער איז ער אויך אזוי געשטאננען וויא געקאוויט און האט ניט געקענט דען קאפ בעוועגען. ענדליך זענין דיא ווייבער געקוממען און ווארטין אין פאליש, ווארין ניט וויא אין אנדערע מקומות פֿון דיא אייבערשטע גראטים, נאר פֿון דעם הויפטאיינגאנג אין דער מעננער שול ווארפֿין זייא ניס דעם אויפֿגערופֿנעם חתן. — מוסף האט אונז צו עהרען געדאווינט דער אבער חזן ר׳ ירוחם מיט זיינע משוררים, וואס מאכען שוין נאך קאהר און זינגען מיט נאטען אין דיא הענד. דאס איז שוין א גרויסער פֿארטשריטט פֿאר בערדיטשוב; אן אמת שרייעט דארויף נאגעוואלט דער פֿאנאטישער דיין. דער פֿייערדיגער סאדוגערער חסיד . . . . . . (פֿון דעם וועלין מיר שפעטער רעדין).

ר׳ ירוחם געהער צו דיא אלטע חזנים וואס וועללען בעפֿריעדיגען אויך דיא היינטיגע וועלט, ער האט שוין אביסיל מוזיק גלערינט, און האלט זיך איין ניט צו שרייען אויף דעם חזנישען דיננעם קול מיט דעם פֿינגער אין גארגיל; אוודאי איז דאס א שווערע אויפֿגאבע אויף דער עלטער, דאך איז ער פֿאר בערדיטשוב געוועזין א פאססענדער חזן,

דעם

נאָר אזוי וויא מען האט איהם אויפֿגעהערט צו צאהלען זיין געהאלט פֿון דעם קעסטיל לויט קאָנטראקט, אונ דיא שול איז אָרים, איז ער האלבער נאכֿט פֿאר ימים נוראים ענטלאָפֿען קיין פּאָלטאַווא, ווא מען פֿערשפּריכֿט איהם מעהר געהאלט, אונ בערדיטשוב איז געבליבען אָהן אַ חזן סאמע אין דער וויכֿטיגסטער צייט. בשעת דער ר׳ ירוחם האט געדאווינט איז זיך נאָך מעהר עולם אָנגעלאָפֿין, אונ דער פּראַטש האט אָפֿטער גהילעכֿט דאס געררידער צו שטיללען, אונ אז דאס איז נאך קאַרג געוועזין האט דער שמש גלאַט מזיק געוועזין מיט דיא הענד איינינע יונגליך זייא זאללען שווייגין.

דיא הכנסות פֿון דער גרויסער שול זענין זעהר קנאַפּ, ווייל דאָרט דאווינען וועניג בעמיטטעלטע בעלי בתים, ווער נאָר עס וויל שפּיהלען עפּיס אַ ראָלע פֿון איין איש מכובד אין שטאָדט דאווינט אין רב׳ס בית המדרש אָדער אין אַ חסידישער קלויז, דאַריבער איז זיא תמיד אינטערשטעלליג אונ האט נישט אויף איהרע וועניגע הוצאות, חאָטש זיא נעהמט פֿון קהל׳ס קעכֿטיל 700 רו״כ, אונ דיא הכנסה פֿון אַ באָד גייט אויף איהר, אונ מען ברעננט דאָרט נאָר חלבנע ליכֿט. אָט אזוי שטיעפֿ־מיטטעריש ווירד בעהאנדילט דיא הויפּטשול אין שטאָדט, אפֿשר דערפֿאר וויל דאָרט האט זיך נאך ערהאלטין נוסח אשכנז וואס איז ארויס אויס דער מאָדע. — מיר ווייסען גאַנץ גוט אז אין אללע יודישע שטעדט איז ווינטער קיין מנין נישט דאָ אין דיא גרויסע שולען איבער דער קעלט, אונ מען מוז איינלאַדען אללע וואָך אנדערע צו דאווינען אין שול, אז ניט, מוזין זייא פֿאר זיך דינגען שטעללפֿערטרעטער, אָבער זוממער געפֿינגען זיך דאָרט דיא שענסטע בעלי בתים, בעזאָנדערס זקנים, אונ דאס, מיט דיא נדבות פֿון דיא איינגעלאדענע ווינטער, דעקען דיא שפּעזין; אין בערדיטשוב וויללֿ אבער קיינער וויא עס שיינט זיך נישט צעהלען אונטער בעלי בתים, דער טיטול חסיד קלינגט שענער. — אפֿשר דאריבער וואס עס זענין וועניג בעשטענדיגע מתפּללים איז נאר פֿארהאנדין איין גבאי, דער פֿיהרט דאס גאנצע שוין אַ צייט מיט יאָהרען, מיר האבין קיין אורזאַכֿע דען גבאי צו פֿערדעכֿטיגין, בייא אזעלכֿע מאנגעלהאפֿטע איינקינפֿטע מוז ער גינוג קלאָפּאָט אונ קאָפּדרייעהניש האבען אללעס אליין צו פֿערזעהן אונ צו פֿערזארגין, נאָר עס איז דאָך ניט רעכֿט דאס גאנצע איינעם אין קאָפּ אריין צו ווארפֿין, חוץ וואס אונזערע חכמים הייסען אויסדריקליך אז צדקה געלד דארף ערוואלטעט ווערין וועניגסטינס פֿון צווייא, אונ חוץ וואס דאס לאנדעסגעזעטץ פֿאָדערט דורכֿאויס עס זאָללין זיין דרייא: איין אוטשאָני, אַ סטאַריסטע (גבאי), אונ אַ קאַזנאַטשעי (סוכן, קאַסירער), נאָר אפילו גלאַט איז איינער ניט אים שטאַנד דאס גאַנצע אָרדענטליך צו לייטען, ובפרט דאָ ווא מען דאַרף זוכֿען מיטטעל דיא שול צו ערהאַלטין; קיין צווייפֿיל, עס זאָלין נאך 2 מיטווירקען געפֿינגט יעדער אנדערע קוועללען, יעדעם איז לייכֿטער, אונ צוזאַמען וואָלטין זייא געקעננט אין דער שול אויך מעהר אָרדנונג ערהאַלטען אונ בעססערע איינריכֿטונגען מאַכֿען. קיין השבון פֿון הכנסה והוצאה אין שול פֿאָדערט קיינער נישט, אונ דער גבאי האַלט ניט פֿאר נעהטיג דאס צו טהון, אַבי ער וועקט בייא זיך. אז דאס איז גאר ניט נוהג אין גאַנץ בערדיטשוב, אפילו דיא פֿון דער רעגירונג פֿאָרגעשריע־בענע ביכֿער ווערין ניט געפֿיהרט, אונ קיין חשבון ווירד ניט צו געשטעללט יעהרליך.

דיא נייעשטעדטישעשול איז איינענטליך וועניג עלטער געמויערט פֿון דער אַלט־שטעדטישער, דאך זעהט זיא אויסענווייניג עפּיס פֿרישער אויס, אינגעווייניג איז דיזעלבע איינפֿיהרונג, זיא לייט אויך מאַנגעל, האָטש זיא בעקוממט אויך 200 רו״כ פֿון דעם קעכֿטיל

קעכֿטיל

קעסטיל אונ הכנסה פון א באד, איבער הויפט איז מערקווירדיג כמעט אללע בערדיטשובער שולען בתי מדרשים אונ קלויזען לײדען מאנגעל אין ליכט. מען איז זיך אבער טועה אז מען מיינט עס פעהלין נאר חלבנע, פון סטעארינאווע האט מען ניט צו רעדין דיא הונקעלע נאכט צו בעלייכטען, לײדער זעהן מיר אז דארט פעהלט גאר דאס עווינע ליכטעל, דיא ריינע פלאם וואס פון איהר ווירד לעבטיג אין יעדין ווינקילע אים יודישען הארץ, אונ עס שיינט ארויס דיא מדה טובה „נר למאור", פאר ווערכין מען מאכט א שענעם מי שברך יעדין שבת גלייך מיט „וכל העוסקים בצרכי צבור באמונה". א סימן אז מיר האבין רעכט, געהט אריין אין שענעם העללין טאג וועט איהר אויך געפינען „צלמות ולא סדרים", א פינסטערע וויסטע אונארדנונג.

אונטער דער גרעבליע איז אויך דא א שול וואס קריגט 100 רו"כ פונ'ם קעסטיל אונ הכנסה פון א באד, פיהרט זיך אויף דעם זעלבין שטייגער אונ לײדעט אויך מאנגעל אין ליכט.

אויסער דעם זענין נאך דא זאגענאנטע צווייא שולען אויף דער בילעפיליער גאס, אונ נעמירויוקע. פון דער קאהר שול וועלין מיר שפעטער בעזונדער רעדין. עס זענין נאך דא אנדערע וואס פיהרען דען נאמען שול אדער שולכען, זענין אבער מעהרסטענס פריוואט מנינים.

בתי מדרשים אונ קלויזען זענין דא אין איטליכען ווינקעלע, טהייל עטליכע אין איין הויז, מאנכע אין אייגענע געמיירטע אדער געבויטע הייזער, מאנכע אין געדונגענע, מאנכע נגידישע אין זייערע הייזער אונ הייסין טאקי אויף זייער נאמין. מעהרסטענטיילס איז א שרעק אריינצוקוממען אין דיא ענגע ניט ריינע קוטשעס. פון זייא זענין 51 חוץ דיא 6 אויס געגרעבענטע שולען בעווילינט פון דער רעגירונג, ווייל זייא עקסיסטירען פון פאר 1835, עס זענין אבער דער נאך צו געקוממען נאך 24 וואס זענין שוין ניט בעשטעטיגט פון דער רעגירונג. פיעל פון זייא האבין מיר מיט אייגענע אויגען בעטראכט אונ זעהער בעדויערט זייער צושטאנד.

גאנץ נאטירליך אז דיא בעפאלקערונג פערטהיילט זיך אין 81 בעטהייזער, איז קיין וואונדער נישט וואס אין דיא גרויסע שולען איז כמעט קיין מנין ניט דא בעמיטטעלטע בעלי בתים, עס קאסט פיעל געלד, יעדעס בעטהויז מוז האבין בעזונדערע הוצאות, דיא דירה ענטוועדער זיא איז געדונגען אדער אפילו איין אייגין לאקאל קאסט נתינות, רעמאנט וכדומה; יעדעס מנין דארף א חזן, שמשים, בעלייכטונג, בעהייצונג וכדומה, אזוי אז אללע לײדין מאנגעל; וועהרענד עס זאללין וועניגער זיין וואלט וועלוועלער געקאסט אונ דיא גרויסע שולען העטטען געהאט בכבוד זייער הצטרכות. א סאך גלייכער וואלט געוועזין שטאט דיא עלענדע פיצליך שטיבליך איינס נעבין דאס אנדערע, אין יעדער גאס א גרויסע שול אדער א בית המדרש. אום דיא לעזער א בעגריף צו געבין פון דער טרויריגען לאגע דיעזער בעטהייזר, מוזען מיר שילדערן דען צושטאנד פון דיא עטליכע ויאס מיר האבין דען ערשטין טאג בעזעהן אײדער מען האט געוואוסט ווער מיר זענין, צווישען ענג נעבענאיינאנדער שטעהענדע איינגעבויגענע פילל בעוואהנטע הייזליך, פיהרען שמאלע אומריינע געסליך צו מייסטענס חרבות וואס ווערין אנגערופען שילעכער, בתי מדרשים אדער קלויזין. דער איינטריט איז דורך א דונקעל פערפוידעט פארהייזעל, אין דעם ד' על ד' גרויסען שטיביל זיטצען מלמדים האלב אויס געטהין אונ קנעללען מיט יונגליך; בחורים, יונגע לייטליך אונ עלטערע יודען לויפין ארום אהין אונ אהער

מיט

מיט דיא לולקע ציבעכֿים וויא אין אַ קלוב ; אנדערע זיטצען לוידיג אונ שמועסען פוסטע זאכֿין, אדער וואס נאך ערגער איז — דערצעהלין נסים פֿונ'ם רבין. מען טרעפֿט אויך נאכֿמיטטאָג ערשט לייגען טלית אונ תפילין דאווינען שחרית. דיא טישען, דיא בענק, דיא שטענדערס, דאס באַלעמעריל, דער ארון קודש מיט דעם עמוד זעהן אָרום אויס, אזוי דיק פֿער־פֿאָלצעווט, צעשניצט, (געוויס עדות צו דיא נעגעל), האַלב צעבראָכֿין, ספרים זענין וועניג דאָ, נאר חסידישע טרעפֿט מען אויף דיא טישען, אויף דיא שטענדערס, אויף דעם שלחן. דאָרט ליעגט איינער בייא דער מזרח וואנד אויסגעשטרעקט וויא ביים טאטען אין ווייגהויז אונ חראָפּיט. זיך איין אויסרייד צו מאכֿען, האבין מיר אין יעדעם פֿערלאנגט איין אנדער ספר. אין איינ'עם האבין מיר געהאַט אַ שענעם שפאַס, מיר האָבין פֿערלאַנגט אַ ש"ך חלק א'. ענטוועדט אונז איין עלטליכֿער יוד: „עס איז ניט דאָ". — „וויא שיקט זיך אין אַ בית המדרש ווא מען לערנט זאלל קיין ש"ך ניט זיין ?!—", „עס איז געוועזין, נאר ער איז פֿערזעצט", דאס איז אונז שרעקליך אויפֿגעפֿאַלען ; זיך ניט צו פֿערראַטהען, האבין מיר פֿאר פֿאָרזיכֿטיג געהאַלטין זיך מיט דעם יודען אין אַ גישפרעך איין צולאָזין ; „וויא הייסט דאס בית המדרש?", „ר' ישראל הירש נעחים", „שוין לאנג בעשטעהט עס?", „אַ יאהר 30". „איז דאס איין אייגין לאָקאַל?", „יאָ, דער ר' ישראל הירש ע"ה האט עס גישענקט צו דעם צוועק", „וויפֿיל קאָסט דאס אַ יאָהר אויס האלטין?", „אזוי גרוים וויא אַ קערביל אַ טאַג, 350 רובל אַ יאהר", „האט עס עפּים הכנסות עולמות געלד?", „ניין, נאר פֿון בעלי בתים", „וויפֿיל קאָסט דא למשל אַ בעל בית?" „עס זענין דא וואס עס קאָסט זייא 40 רו"כ יעהרליך". „נאָ אונטער אזעלכֿע בעלי בתים זאלל מען מוזען פֿערזעטצען אַ ספר, אונ וויפֿיעל קענן מען עס גאר לייהען אויף איין חלק ש"ך". דארויף האט אונז דער יוד גאנץ נאַיוונע געענטווערט ; „געליגין האט מען אויף איהם 2 קערבליך אויף אַ דבר נחוץ; פֿאר אייך ניט אויף זיך, מען האט גערדאַרפֿט רייניגען דיא אבטריטען, וויא זאגט איהר, איז דאס ניט אַ דבר נחוץ?", וואהרהאפֿטיג אז מיר זענין געבליבען שטעהן פֿערבליפֿט אונ האבין ניט געגלויבט אונזערע אייגענע אויהרען, אין אַ מקום קדוש ווא עס דאווינט איין עדה פֿרוממע יודען ערב ובוקר זאלל מען אזוי וועניג געפֿיהל האבין, וויא בעליידיגט דאס איז פֿאר דעם ארט, פֿאר דער רעליגיע, פֿאר אונזערע הייליגע ספרים, אַ ש"ך צו פֿערזעטצן צו אַזא אומריינען צוועק! וויא דאווינען ניט דארט 100 מענשין, יעדער זאלל געבין 2 קאָפּיקים וואלט מען דאך פֿערשפּאָרט מחלל צו זיין אַ ספר וואס איז אזוי הויך געשאַצט בייא יודין, אונ דערווייל זאלל ווער ווייסט וויא לאנג קיין ש"ך ניט זיין אין ביהמ"ד! ווער דא איז שולדיג, דער גבאי (מן הסתם איז נאר איינער) אדער דיא בעלי בתים, זאללין דיא לעזער אורטהיילען, נאר דאס שיינט אונז געוויס אז אזעלכֿע שענדליכֿע מעשות ענטשטעהן דערפֿון וואס דער גבאי גיט קיין חשבון ניט, דעריבער האט ער קיין אויג צו פֿאָרדערן ביים עולם דאס נעטהיגע, אונ יעדער רעכֿענט איהם קאָסט גענוג, עס איז דא הכנסה מעהר וויא דיא הוצאה.

אונזער הלבשה איז אָבער דיא בית המדרשניקים אויפֿגעפֿאַללען, וויא מיר זענין געגאַנגען אין אנדערע קלייזליך האט מען אונז אָן געהויבען נאָך צו קוקין, אונ יודען קלערין דאָך תמיד איבער וואס קיין שונא דענקט נישט, האָבען זייא געמיינט, מיר זענין אַ רעוויזאָר אויף מלמדים, זייא רעכֿטין זיך אויף איינעם יעדען טאג, ווארין דעם זוממער האט זיך געענדיגט דיא צייט וואס דיא רעגיערונג האט ערלויבט דעם רב מיט

דעם

רעם סמאָטריטעל פֿון דער שולע מלמדישע סווידעטעלסטווים ארויס צו געבען. אין דיא שטעדטליך האָבין זייא דאָך אין דעם געדענקט און חאָבין דיא גאַנצע צייט גירעט דערפֿון, נאָר אין בערדיטשוב האט זייא קיינער נישט דערמאַנט און נאָך דער פֿעסט-צייגניססע; מען איז אַפילו אויף איהם דערפֿאר שטארק ברוגז. — אַ יושר גדול, פֿאר וואס איז ער עהרליך און וויל נישט טוהן געגען אַ קייזערליך געזעטץ! — עס קנעללין אָבער וייטער הונדערטער מלמדים אָהן סווידעטעלסטווים, אויף גאָטט'ס בעראָטהע, אַי, אז מען וועט זייא חאפּין, דארפֿין זייא און דיא בעלי בתים צאָהלען יעדער צו 75 רובל קנס פֿאר אַ תלמיד, עט רבש"ע וועט אויסהיטען! פֿון דעסטוועגען ציטטערט מען פֿאר אַ שיין, און אונזער ערשיינען האט אנגעמאכט אַ טרעוואָגע. פֿון איין קלייזעל האט מען גשיקט יונגליך צום אנדערן, „אַ רעוויזאָר געהט", עס איז געוואָרין אַ בהלה, תחלת האט מען זיך גאר אָבגעלייגענט; מיר טרעפֿפֿין אַ מלמד מיט אַ תלמיד זיטצין בייא 2 שטענדערס איינער נעבען דעם אנדערן, פֿארביידע זענין אָפֿפֿין ש"ס גמרא'ס בבא מציעא פרק המפקיד און אז מיר פֿרעגין: איהר לערנט נאר מיט איין תלמיד? ענטווערט דער מלמד אין אַ מקום קדוש; ניין, איך לערן פֿאר מיר און ער פֿאר זיך. דאָך אז מיר האבין אָנגעהויבין פֿערהערין דאס יונגעל אַ שטיקיל גמרא, האט שוין דער מלמד פערגעססין זיין לייגענען און האט זיך אינטרעסירט און אונטער געהאָלפֿין מיט אַ האלב וואָרט, מיט דעם פֿינגער — פליצום בעמערקען מיר, וויא מיר ווילען אריינגעהן אין אַ קלויז, לויפען אונז אנטקעגען יודען (מלמדים) אין דיא צעהראסטעטע קויטיגע טליתים קטנים, אין דיא זאָקען, דיא פאנטאָפֿעל אין דער האנד, אין דער יארמולקע, זייא פֿליעהען פֿייל פֿון בויגען אויף דער גאס ארויס, קוים האבין מיר געשטעלט אַ פוס אויף דער טהיער, שפרינגט ארויס אַ יונגעלע פֿונ'ם פֿענסטער און פֿאר איילעניש האט ער אומגעקעהרט מיט'ם אימפעט דען שטענדער און דיא אָפֿפֿענע גמרא איז געפאללין מיטום פנים אראָב, קיינער וואגט זיא ניט אויפֿצוהעבען. מיר האבין ניט געוואָלט פֿערדערבין אונזער איינדרוק, וואָרין באלד וועט דיא גאנצע שטאָדט אונז האלטין פאר אַ רעוויזאָר, און ביים פֿאָלק איז שווער ארויס צו נעהמין פֿונ'ם הארץ אזאַ חשד, האבין מיר אויפֿגיהערט צו געהן אינקאָגניטאָ, מיר האבין אָבער געלעגענהייט גיהאט שפעטער פֿיעלע אנדערע צו זעהן, אללע איין שטייגער. אונטער דיא פוסטקים האבין מיר גיזעהן דאס טרעגערישע שולעכֿען, שוין געכֿיר אַ פנים, חאָטש קליין, נאר ריין, מען קוממט נאר אריין צום דאווינען.

פֿיעלע פֿון דיא קלויזען פֿיהרען דען נאָמען פֿון אַ היילינגען; סאדוגירער, טשערנאָבלער, קאָריסטישובער, מאקאראָווער, טאלנער, טשערקאסער, טריסקער, סקווירער, רעזשישטשיווער, נאחמיסטריווקער, זינקיווער, אָסטרהער, ניסחיזשער, טשיטילניקער, (סאווראניער), בראסלאווער, קאָצקער, קארלינער, חבדניקים, פוילישע. חוץ דעם זענין נאָך דאָ אנדערע חסידישע סעקטען, נאָר זייא האבין נאָך ניט זוכה געוועזין צו אַ בעזונדער שטיביל מיט אַ געקראָנטין היילינגען; זייא דאווינין עטליכֿע צוזאממען אים אללגעמיינען הערשט איבער אללע דער סאדוגירער גייסט, דאס איז ניט צו גלייכֿען צו דיא פֿאָרצייטיגישע שולען אין אלטע גרויסע שטעדט: דעם רמ"א'ס, דעם מהר"ם'ס, דעם מהרש"ל'ם שול, דאָרט פֿיהרען זייא דאריבער דיא נעמען וויל דיא דאָזיגע גאונים האבין דאָרט בעשטענדיג גידאווינט, אָבער דאָ איז פֿיעללייכֿט

קיין אײנציגער פֿון דיא צדיקים נישט געװעזין, עבענזאָ איז עס נישט צו גלייבֿען צו דיא װאס הייסען נאך זייערע בעגרינדער, יענע האט געלד געקאָסט און האבין אויך דאָרט בתמידות געדאַװינט, קוממט זייא דער כבוד; דיא גוטע יודען דאגעגען, נישט נאָר עס קאָכט זייא נישט אַ קאָפּעקע, פֿערקעהרט מען צאָהלט זייא נאך צו פֿון צדקה געלד װאס פֿאלט אריין אין שול; נאָ, איז דאָך דער נאמען נאָר צו עהרען פֿון דעם קדוש װאס אַ סעקטע װעהלט זיך.

מיר האבין געהערט אַ תירוץ מספיק, אז דאס איז גאר א גרויסע טובה װאס עס זענין פֿיעל קלויזען, פֿערשפּאָרט צו זיין אַ מחלוקת צװישען דיא פֿיעלע כתות חסידים. גלייך דאס איז אַ טוז, און דאס איז רעכֿט, אז דאס קליינע, אָרמע, עלינדע, בידנע יודישע פֿאָלק זאָלל זיין צעטהיילט און צעשפּליטטערט אויף פֿיעלע סעקטען. דיא גאנצע קראַפֿט דורך װעלכֿער דיא װאונדערבארע װינציגע נאַציאָן האט זיך דערהאלטין טויזענדער יאָהרען אונטער אַזעלכע שרעקליכֿע פֿערפֿאָלגונגען, גלות און עלענד, האָבין מיר נאָר צו פֿערדאנקען דעם אײנעם הײליגען ערהאבנען פּרינציפּ — אַחדות: איין גאָטט, איין נאַציע, װאס יעדער יוד זאגט טעגליך און איז שטאָלץ דאָרויף — ה׳ אחד, ישראל גוי אחד; איין טאַטען אברהם אבינו, זייט 4000 יאָהר נישט פֿערמישט בלוט; איין תורה, דער תלמוד איז נאָר אַ פּירוש, צום סוף טהיילט זיך דאס גאָרשטש יודעליך, ערשט זייט 150 יאָהר, אין הונדערטער סעקטין, יעדער האלט זיך פֿון אײנען אנדערן הייליגען או זאָגען נאָר ער איז גאָטט׳ס מענש, נאָר זיין תורה איז הייליג, נאָר זיין דאװנין איז אָנגענומען ביי גאָטט, נאָר זיין נוסח התפלה געהט גלייך ארויף אין הימעל, נאָר אין דעם קלייזעל װאס פֿיהרט זיין נאָמען רוהט דיא שכינה, נאָר דיא רבנים, דיינים װאס ער װעהלט זענין ראוי להוראה, נאָר זיין שוחט איז כשר, נאָר זיין חזן איז מוציא דעם צבור, נאָר זיין בעדער קענן הײטצין און שמייסען לשם שמים, נאָר זיין מלמד פֿערשטעהט דיא קינדער מחנך צו זיין אין גאָטט׳ס װעג. אים שטיינס געזאָגט אז מען מוז שוין זוכען אַ זכות װאס זייא זענין אָבגעזונדערט, אַבי עס זאָלל חאָטש ניט זיין קיין מחלוקת; „מיין רבי איז דער רעכֿטער און דיינער איז אַ פּארך" װאס דער פֿון קוממט ארוים נישט איין מאָל אַ חילול השם און פּראָצעססען װעלכֿע קאָסטען קאסים געלד. װעה און װינד דאס צו זעהן און דאס צו הערין. יעדעס אמת׳ע יודישע הארץ קענן צועשפּריגגען אז מען בעטראכֿט דען אונגליקליכֿען צושטאנד פֿון אונזער טהייער יודענטהום, װיא אזוי דאס איז נעבוך געזונקען. נישט דיא צערשטרייאונג אין אללע װעלטטהיילע, נישט דיא אונטער-דריקונגען און בעשרעקונגען זענין אזוי געפֿעהרליך פֿאר דעם יודענטהום; אָט דאס איז טויזענד מאל ערגער, דיא צערשפּליטערונג אונטער זיך אלליין, דאס קען מען ניט אָנרופֿען שלום, און אַזאַ מין שלום ברענגט קיין גוטס נישט, דאס איז אַ שטיגער װיא אַ קראנקהאַפֿטער צושטאנד אין אַ קערפּער װאס שװעכֿט אָב אללע גלידער זייא זאָללען זיך נישט קעננען בעװעגען.

פֿון אללע שטעהט צום בעסטען דאס ב י ת ה מ ד ר ש אויף דער א ל ט ע ר ש ט אָ ד ט, חוץ װאס דאָרט דאװנין דיא גבירים האט עס אונטערשטע סקלאַדים און קלייטען אין דער יאַטקע װאס דיא הכנסה געהט דארויף. מען דארף זיך אָבער ניט טועה זיין אז דאָרט איז דאדורך מעהר ריינליכֿקייט און אָרדנונג, אַרום דעם בית המדרש איז פּשוט נישט צו צוטרעטען פֿאר שמוטץ. אקוראט אקעגען דיא פֿענסטער איז אַ ליידיגער פּלאַטץ, דאכֿט זיך אז דאָרט מוז יאָ ליעגען מיסט פֿון חמעלניצקים צייטען, און דאָ קענן מען זעהן האלב בערדיטשוב פֿון פֿאָרינט את פֿון אונטען. דיא גבאים און מתפּללים זענין ניט אזוי פֿיעל שולדיג

שולדיג, זייא האבין צו טוהן מיט אַ שווערען בעל דבר, זייא האבין שוין געוואָלט אב־קויפען ביים אייגענטהימער דען פלאטץ, נאָר מען קענן מיט איהם קיין מאָל ניט קוממען צו איין עק. ווערהרענד אונזער אנוועזענהייט האט מען מיט איהם ווידער אונטער האַנדעלט, מיר ווילּלען לעת עתה איהם פֿערשווינען, ווייל עס האט געהאלטען בייא אַ פֿערגלייך, אפשר וועלין זייא מיט איהם גיטליך פֿערטיג ווערין, ווענן נישט דאַרף מען איהם ארויס־שטעללען מיט דעם נאָמען פֿאר אַ שכן רע אין דיא צייטונגען, וואס האט קיין געפֿיהל נישט אז דאס איז דיא גרעסטע עבירה, אַ מקום קדוש אזוי צו בעליידיגען. איבריגענס פֿערשטעהן מיר נישט פֿאר וואס מען בעט נישט דיא רעגירונג זיא זאָלל איהם צווינגען דאס מיסט ארויס צו פֿיהרען און דען פלאטץ ארומצוימען מיט אַ וואנד; עס איז דאָך זעהר שעדליך פֿאר אללע איינוואָהנער אַרום.

---

# דיא קָאהר שול

מיר זענין ווייט דערפֿון צו גלויבען אז אללע יודישע שולען מוזין אזוי איינגעפֿיהרט זיין. נישט איטליכע געמיינדע איז אים שטאנד אַזאַ שול אויסצוהאַלטען, אַ קאָהר און אַ מוזיקאליש געבילדעטער קאנטאָר קאָסטין פֿיעל געלד, איינס העטטען מיר יאָ געווינשט אז יודען אין אללע שטעדט זאָללען זיך אַ ראיה נעהמען פֿון דיא אויפֿגעקלערטע, אָדער פֿון דיא דייטשען וויא זייא רופֿען זייא אָן, אָרדנונג און ריינליכקייט איינצופֿיהרען אין דיא פראָסטע שולען און בתי מדרשים אָהן קאָהר, דאס קאָסט שוין נישט טהייער און איז אוודאי נישט געגען יודישקייט לכל הדעות, פֿערק עהרט עס איז אַ חיוב, אַ מצוה, מיר שטעללען זיא דאָך בעזונדער, ווייל זיא שטעהט אויך אין בערדיטשוב אבגעזונדערט, דיא דאָרטיגי חסידים בעטראַכטין זיא נאָך צום בעדויערען נישט פֿאר קיין מקום קדוש, אויסער דעם האט זיא פֿאר זיך איין אייגענע געשיכטע וואס דארף פֿאר זיך בעשריבען ווערין.

פֿון דער קאָהר שול זעהט מען ארויס וואס ערנסט און אייפֿער קעננען בעווירקען, אז עטליכע געבילדעטע מענשין האבין געקענט אויספֿיהען אַ שעהן געביידע אין קורצער צייט אויסצובויען, דיא ערלויבנים פֿון דער רעגירונג צו ערהאלטען, און זיא פֿיין און אָרדענטליך צו ערהאלטען, וויא? אין בערדיטשוב וואו דיא גרויסע מאַססע הענגט אָן דעם חסידיסמוס, און דיא מעכטיגע אין שטאדט קוקען אויף איהר מיט קרומע אויגען, און העטטען גווים פֿערהינדערט דען בויא און דיא עקסיסטענץ פֿון דער קאָהר שול, אין וועלכער זייער פֿום קוממט נישט אריין, און אין הארצין האלטען זייא פֿאר נישט בכלל יוד דעם וואס געהט דאָרט אריין אַ קוק טוהן אָדער בייוואָהנען אפילו אַ צערעמאָניע, ניט נאָר דאווינין.

זייט איינִיגע יאָהר האָבין דיא וועניגע היינטוועלטיגע געפֿיהלט דאס בעדירפֿנים פֿון אַ גערעגעלטין גאָטטעסדינסט, עס איז קיין וואונדער נישט אז מענשין וואס דענקען איירָאָפּעאיש, זאָללען זיך קעננען געפֿיננען צווישען אַזעלכע וואס קוקען אויף זייא וויא אַ יוד אויף אַ בייז משכון. און גלאַט ווער עס האָט נאָר עפּיס געשמאַק קען שוין נישט איבערטראָגען דאָס געשוועטץ, דען ליאַרם, דיא אונאָרדנונג, דאס קלאַפּען, דאס טאַנצין,

דאס

דאס פליעסקין, דאס געוואלטיווען אין דיא קלויזען. ווענן דיא עכֿט פֿרוממע זאָללען דאס וועללען בערעכֿנען, וואָלטען זייא גידארפֿט ליבען דאס יודישע הארץ פֿון דיא אויפֿגעקלערטע, אז דאס פינטעלע יוד האָט זייא אַ בראָט געטהון נישט צו זשאַלעווען קיין געלד און קיין מיה זיך אַ גאָטטעסדיענסט איינצוריכֿטען; אויף דער אָרדנונג און דער ריינקייט קעננען זייא גאָר קיין פֿעהלער נישט אויסזעטצין.

עס פֿערדיענען בעזאָנדערס געלויבט צו ווערין צווייא פערזאָנען, דער גביר דער נדבן ר' משה יצחק הורוויץ, און דער אייפֿריגע בעפֿערדערער דער בילדונג ד"ר ראָטטענבערג, דער ערשטע מיט זיין אָפֿפֿענער האנד און זיין איינפֿלוס בייא דער רעגירונג, דער אנדערער דורך זיין פֿלייס, גוטען וויללען, אויפֿגעקלערטען גייסט, און דורך זיין בערייטוויללינגקייט צייט און מיה אויך געלד צו אָפּפֿערן צו יעדער גוטען זאכֿע, (ד"ר ראָטטענבערג און ה' אויערבאך זענין ביז איצט אייפֿריגע פֿלייסיגע גבאים), צו זייא זענין נאָך איניגע טהעטיגע מענשין צוגעשטאננען און מיטגעהאָלפֿין, ביז עס איז זייא געלינגען תחלת אין אַ געמיטהעט לאָקאַל אַ גערעגעלטען גאָטטעסדיענסט איינ-צוריכֿטען, און האבין עס אויף דער אַרט מיט שווערע אָפּפֿער און מיה עטליכֿע יאָהר ערהאלטען. באלד האבען זייא אָבער אָנגעהויבען פֿיהלען אז זייא פֿעהלט דער עיקר, איין אייגען לאָקאַל. ווער וואָלט זיך געקעננט פֿאָרשטעללען אז דער גאָרשטש מענשין, מעהרסטענטהיילס נישט זעהר בעמיטטעלטע, וועלין קעננען דאס אויספֿיהרען. אין בערדיטשוב איז עס אָבער געגאנגען וויא מיט עלעקטריציטעט; אין 2 יאָהר איז ארויס-געוואכסען זעהר א שעהנער טעמפיל אויף דער נייעסטען אַרט, פֿון ציעגעל געבויעט, אויף דער גרעניץ פֿון דער נייער שטאָדט; דער איינגאנג איז אָבער אָפֿפֿען צו דער אלטער שטאָדט. דיא שול האט געקאָסט ביז 17 טויזענד רובל, ביינאַהע דיא העלפֿט האָט דערצו געשטייערט רמ"י הורוויץ, דאס איבריגע האט ד"ר ראָטטענבערג און זיינע אסים-טענטין געזאַממעלט ביסליכֿווייס, חוץ דעם פֿלעגט ער כמעט גאנצע טעג אכֿטונג געבען אויף דיא מולערים און טעשלערים, איז געקראָכֿען אויף דיא הויכֿע וועגד און באלקיס, עס זאָלל קיין פֿאַלש נישט זיין, דעם חזן האָט ה' הורוויץ געשיקט אויף זיין חשבון קיין וויען צו ה' זולצער זיך פֿערפֿאָלקאָממענען אין מוזיק און חזנות אויף דער נייען אַרט, און ביז איצט האט ער בייא איהם קאָסט און קוואַרטיר. — דיא שול איז אינגעווייניג נאָך ניט אין גאנצין פֿערטיג, עס פֿעהלט נאָך אַ פאַססענד ארון קודש (דארויף האט דער געוועזענע בערדיטשובער ה' וואָלקענשטיין אין פעטערסבורג שוין געשיקט צווייא טאפֿעלן, לוחות מיט עשרת הדברות, בולטע פֿערגילדעטע אותיות, מערקווירדיג שעהנע ארבייט), דיא הילצערנע זיילען זענין נאָך נישט געשטיקאַטורט, מאַרמאָרירט אָדער געמאָהלט, נאָר דאס וועט שוין קוממען מיט דער צייט, דערווייל האָבין זייא גלייך געטוהן וואס זייא האבין אָנגעהויבען דאָרט דאווינין.

דער גאָטטעס דינסט איז שעהן און ערבויליך, דער ערשטע קאַנטאָר ה' שפיטצ-בערג האט אַ פרעכֿטיגע ביעגזאַמע באַריטאָן שטיממע און אַ ריינעם פֿאָרטראַג (דיבור), פֿערשטעהט גוט מוזיק און דיא געבעטע, ער ווייסט דאס ווארט איינצופֿאַססען דיא געהע-ריגע ווירקונג הערפֿאָר צו ברענגען. איז אויך געבילדעט און גילט פֿאר זעהר אַ גוטען געפֿעלליגען מענשען. זיינע האלטונג ביים עמוד איז מיט פֿיעל אנשטאַנד. דאס קאָהר איז פֿאַרטרעפֿליך פֿון איהם צו זאממען געשטעללט און איינשטודירט: איין טענאָר, וואס איז צו גלייך צווייטער קאַנטאָר, האט איינע העררליכֿע שטאַרקע און ביעגזאַמע טענאָר

שטיממע

שטיממע, פֿון איהם וועט ארויס וואַקסען איין אויס געצייכֿענטער קאָהר חזן, איז אויך דאביייא איין עדלער יונגער מאַן מיט יודישעס וויססען. אויך איין באס איז דאָ מיט אַ לעוועןשטיממע, דערצו זעהר אנגענעהם. דיא סאפראנע און אלטיסטען האבען אויך זעהר ניעדליכֿע שטיממען. דער אָרנאַט פֿונ'ם חזן און דעם קאָהר איז אויף וויענער אַרט. דאס פובליקום שטעהט זעהר אנשטענדיג, און בעטין רוהיג וויא עס דארף צו זיין. ליי־פערמאַנענטע בעלי בתים, טהיילס נאָך ניט אַללע פּלעטץ בעזעצט, טהיילס וויל עס זענין נאך נישט דא אזוי פֿיעל פערמאַנענטע בעלי בתים, טהיילס וויל פֿון דיא געהן ניט אללע יעדין שבת דאווינען אין שול, דאגעגען איז אימטער דאָ פֿיעל מענשין פֿונ'ם שטעדטישין פּראָסטע עולם און דאווינען גאַנץ ערנסט שטילל אנשטענדיג. דאס אלליין איז שוין אַ גרויס פֿערדיענסט, דאס פֿאָלק געוועהנט זיך אונבעמערקט מיט דרך ארץ צוא שטעהען פֿאר גאטט, און דאס קענן מיט דער צייט בעווירקען, אז אין דיא אַנדערע שולען, זאלל מען אנהייבען איין פֿיהערן אָרדנונג און שטיללע אַנדאַכֿט אפילו אהן קאָהר. יודען וויסען אליין אז עס איז ניט רעכֿט אזעלכֿע אונאָרדנונגען אין שול, נאר עס איז זייא שווער זיך אבצוגעוועהנן פֿון אלטע זיטטען, ביז זייא זעהן ניט אַ מוסטער פֿאר דיא אויגען. אַ כלל אים אלגעמיינען פֿערדיענט דיא קאָהרשול מיט דעם גאטטעסדיענסט אין איהר געלויבט צו ווערין. דאך דיא מעסיגע פֿרוממע, אָדער דיא וואס פֿערשטעהען אפילו שוין אז קאָראַל־געזאַנג איז ניט קיין פֿערברעכֿען, זעטצין אויס געוויססע פֿעהלער אין דיא נייע איינריכֿטונגען וועלכֿע זענין שטארק דער ווידער דיא אלטע יודישע געוואָנהייטען, דאדורך מיינען זייא איז דיא שול אזוי שלעכֿט אנגעשריעבין ביים דארטיגען עולם, עס איז אַ שרעקליכֿער איבער גאַנג פֿונ'ם אלטען צום נייען, צי דייטש, צי רעפֿאָרמירט נאך זייער אנזיכֿט, דאס פֿערהינדערט זייא דארט צו דאווינין. אונטער דיא אויפֿפֿאַללענדע רעפֿאָרמען וואס זייא רעכֿנען אויס, זענין דא טהייל וואס פֿערדיענען קיינע ריקזיכֿטען, אנדערע ווידער וואס זענין באמת געגען דיא אלטע יודישע זיטטען. אזוי למשל געפֿעללט זייא ניט דער ארנאַט פֿינ'ם חזן און דיא קליידונג פֿונ'ם קאָהר, זייא רופֿין עס אָן גלחיש. דאריבער האבין מיר שוין גערעדט אין אונזערע בלעטער. נאר לאָמיר קלערען וויא אזוי זאלל זיך דער חזן קליידען ביים עמוד? דייטש אין אַ קורצען ראק אדער גאר אַ פֿראַק מיט לאנגע פּאַנטאָלאָן און אַ הויכֿען הוט, איז געוויס ניט אנשטענדיג אים יודישען זיננע, און וועט קיינעסוועגס רעכֿט זיין פֿאר דיא פֿרוממע. פּראָסט יודיש, וואס פוילישע יודין רופֿין אָן יודיש, דאס הייסט אַ לאנגע קאַפּאָטע מיט אַ שטריימעל, אַ ספאדעק, אדער אַ סענדעריל, חוץ וואס דאס איז געגען דעם לאנדעס געזעטץ און אופֿגעקלערטע קענגען דאס באין אופן ניט צו לאָזין, איז דאך דאס באמת ניט דיא וואהרע קליידונג וואס אונזערע אָבות האבין געטראָגין בשעת זייא האבין מקבל געוועזין דיא תורה אויף דעם בארג סיני, און ווערהענד זייא זענין געזעססין אין ארץ ישראל; עס איז פשוט איינע אלטע פוילישע טראכֿט וואס איז געהייליגט געוואָרין בייא יודען אויס געוואָנהייט מיט דער צייט, היינט אז על פי דינא דמלכותא איז זיא אבגעשאַפֿט. צו וואס זאלל זיך דער חזן דאס פובליקים אויס זעטצין פֿאָרווירפֿע און געלעכֿטער? געבֿיר קענן מען שוין מלמד זכות זיין אויף דעם ארנאט, ער איז שוין אנגענוממען בייא יודין אין אללע איירָאָפּעאישע מדינות, טהיילוויזע אויך אין רוסלאַנד, וויא דיא אופֿגעקלערטע האבין איינגעפֿיהרט אַ גערעגעלטן גאָטטעס דינסט; דאס הייסט שוין ניט, מען טהוט נאך דיא קריסטליכֿע גייסטליכֿע, וואס איז אזוי שרעקליך בייא אונזערע פֿרוממע, נאר יודישע

חזנים

חזנים און רבנים אים אויסלאַנד, וואס אונטער זייא זענין דא גאַנץ כשרע עהרליכע
יודען, דער בערלינער רב ר' מיכל זאַקש ז"ל איז לכולא עלמא געוועזין אַ גרויסער למדן
און זעהר פֿרום, און איז אויך געגאַנגין ביים דאַווינין בייא דער דרשה אין איין אָרנאַט —
וכדומה פֿיעל. דאס מוז דאך יעדער מודה זיין, וויא פֿאַנאַטיש ער מעג זיין, אז פאַס-
סענדער איז געוויס, דער שליח צבור זאלל בשעת דען גאטטעס דיענסט ניט טראָגין
דיא אייגענע מלבושים וואס ער טראָגט אין גאס, אין דער היים, אין געזעללשאַפֿט;
ער דארף אויך מיט עפּיס זיך אויסצייכענין געגען דעם עולם בשעת ער שטעהט פֿאר
גאָטט, דאס ווירקט אויף דיא געדאַנקין, מיט עהרפֿורכט און אנדאַכט צו דאַווינין. איב-
ריגענס ווער הייסט זייא דאס אָנרופֿין אָרנאַט, גלחישע קליידער, לאָזען זייא עס אַ
נאָמין געבין טיזליק, וואס אונזערע זיידעס האבין געהאַלטין פֿאר אַ בכבוד מלבוש; דיא
קאַפּע איז דאך נאר אַ העכערע סאַמעטנע יארמולקע; וועט עס שוין ניט הייסין נישט
יודיש, פֿאר וואס דיא ארטהאָדאָקסין ציטטערן אזוי. אונטער דער פֿאָרם האט דאס בית
דין אין אדעסא מיט דארטיגע אלטע פראָסטע לומרישע פֿרוממע יודין, אונטער זייא אויך
חסידים, געכשרט דיא הלבשה פֿון דעם חזן אין דער גרויסער שול מיט דעם קאָהר, און
קוממען בייא געלעגענהייטין אין שול אריין, הערין דאס קאָהר און דאַווינין דארט
בציבור. נאך מעהר, דער געהייליגטער ר' דודיל טאַלנער האט אויך געדאַווינט אין
דער אדעססער שול און עס איז איהם געפֿאללען. בכלל דאַווינין אין דער אָדעססער
גרויסער שול מייסטנס פֿרוממע אויך אָרטהאָדאָקסע יודען, וואס בעדרים שובער קעננין
זייא ניט האלטין פֿאר דייטשען. עס געפֿעללט זייא אויך נישט וואס דער חזן טראָגט
דען טלית וויא אַ שאַרפּע אויף דען האַלז. צוואר זענין זיך היינט אזוי נוהג דיא לוב-
לינער חסידים אפילו ימים נוראים; דאך ווען זייא זאללין באמת וועלין דאַווינין אין דער
קאָהר שול עס זאלל זייא נאר געהן אום דעם, גלויבין מיר מען וואלט זייא דאס נאָכ-
געגעבין, דער חזן זאלל טראָגין אראָבגעלאָזט דען טלית. מיט דעם וואס דיא דאמען
גאַלעריען זענין גאר אָפֿפֿין, וועלין מיר געוויר נעניגט זיין דיא פֿרוממע רעכט צו געבין.
עס איז איינמאָל בייא יודען איינע אלטע זיטטע און געהער שוין צו מדות צניעות,
פֿרויען-צימער זאללין ניט זיין אין איין עזרה מיט מאנספערשוינען, וואס דען, עס איז ווידער
געגען דיא אייראָפּעאישע זיטטען און געפֿיהלע, דיא ווייבער זאללין זיטצין אונטער גראַטים
וויא תפוסים; דאריבער איז זעהר רעכט דיא היינטיגע איינריכטונג — פֿרייע גאַלעריען.
דאך זעהט עס ניט שעהן אוים אז בשעת דאַווינין קוקין מעננער ארויף און בעטראַכטין
דיא יונגע דאמען מיט זייערע טואלעטין פֿון אויבין ביז אראָב. אַ שול איז דאך ניט
קיין טהעאַטער, און אז דיא געלעגענהייט איז דאָ קען מען שווערליך זיך אבהיטין
ניט אַ קוק צו טהון. מיר גלויבין עס איז אויך זשעניערענד פֿאר דיא דאמען אליין;
יודישע דאמען בכלל זענין צניעות (קיישעכטערן), פלוצים זענין זייא אויסגעזעצט פֿרעמדע
בליקע; ווידער טהייל מאָל ווינין זייא ביים דאַווינין, שעמין זייא זיך צו ווייזין אַ פֿער-
ווינט פנים. דאריבער איז גלייכער צו מאַכין לייכטע פֿאָרהענגליך, דיא דאמען קעננען
גאַנץ גוט אראָב קוקין פֿון אונטער זייא און זענין רואה ואינו נראה. אזוי איז אין פֿיעל
שטעדט. ווייטער האבין מיר ניט געהערט אוים זעטצין אים אייגענטליכען דאַווינין קיין זאך
געגין דען שלחן ערוך. אויב מען האט דאָרט אבגעשאַפֿט איינינע לאנגע פיוטים,
דערמיט זענין חסידים געוואָהנט, בייא דיא קאָצקער, בעזאָנדערס ביים יעציגען לובלינער
האט מען אפילו דיא תפלות סקאסירט אהן ליארעם.

מיר האבין דארט בייגעוואהנט א חופה נאך האלבין טאג, דאמין זענין געשטאנין פון איין זייט רעכטס אין דער מעננער שול, אונטער זייא גאנץ פרוממע מיט פארוקין אדער גאר מיט הארבאנד, אללע זעהר אנשטענדיג, אויף דיא גאלעריען זענין פילל גיוועזין פרויען אונ מיידליך. דער חזן האט גידאווינט מנחה אונ האט גיזאגט דיא שמונה עשרה יודיש זעהר אנדעכטיג אונ ערבויענד, דיא פרוממע וויבער האבין זיך מחיה גיוועזין, אויך טהייל פון דיא פרוממע מענער וואס ערלויבין זיך שוין צו א חופה אין דער קאהר שול צו קוממען. קיין ברויטפריילינס איז דארט ניט איינגעפיהרט (זעהר געשיט) נאר ברויטהערדען. דיא כלה דרעהט מען ניט ארום 7 מאהל ארום דעם חתן. אים גאנצין ניהמט עס זיך זעהר פייערליך אויס. אז דאס איז אוודאי כשר, קעננין מיר יעצט מיט בעשטיממטהייט זאגין — מיר האבין געהערט פון דעם ווארשווער רב הגאון ר' בערוש מייזלש, וואס איז גיוועזין קראקאווער רב, אז אין דער אלטין יודישין קהלה מאכט מען חופות אין סאמע רמ"א'ס שול פון אלטע צייטין אונ וייבער געהען ארײן אין דער מעננישער שול. ווען דיא פארשטעהער דער דייטשין געמיינדע זאללין וועלין הערין אונזער שוואכע מיינונג, קעננין מיר זייא מיט גוטע געוויססען זאגין, אז ווענן עס זאלל אנקוממען אויף אונז, וואלטין מיר נאכגעגעבין מאנכע זאכין אונ געוויזין דער ארטהאדקסער פארטהייא אז מיר אויפגעקלערטע זענין נאכגיביגער, דאס איז ניט גאר קיינע חרפה אונד הייסט ניט פון פארטשריט ריקווערטס געהן; פערקעהרט עס איז דער גרעסטער כבוד קאנצעסיאנען צו געבין פון שלום וועגין, וועניגסטענס זיך צו רעכטפערטיגין פאר דער וועלט, אונ דרינין בעשטעהט ערשט דער וואהרער פארטשריטט טאלעראנט צו זיין געגין יעדע דענקונגסארט. נאטירליך מען דארף ניט צו וויט נאכגעבין, נאר זאלכע נארישקייטן זענין ניט ווערטה מען זאלל זייערטוועגין געבין דען געגנערין איין אויסרייד גערעכט צו זיין פאר דער מאססע. דערבייא איז גאנץ געוויס אז דיא שול וועט דאך צוציעהן נייע בעלי בתים, אונ מען דארף זייא האבין, אויסער דעם „ברב עם הדרת מלך" וועט עס נוטצין אין פינאנציעללער בעציהונג, מען דארף דיא איננערע אויסשמיקונג, אונ גלאט צום אויסהאלטין דער סינאגאגע, עס וועט לייכטער זיין פאר דיא פריהערע בעלי בתים. קענן זיין אנפאנגס וועלין זיך וועניגע ענטשליעסען, מיט דער צייט וועלין זייא זיך פערמעהרין, איינער שלעפט מיט צעהן.

איך שטרענג פרוממע אונ אפילו חסידים ערלויבין מיר זיך אויך אויפמערקזאם צו מאכען, אז איהר טהוט זעהר אונרעכט וואס איהר שטעלט אייך אזוי פיינדליך געגען דער דייטשין שול. מיינט נישט איהר זענט יוצא דערמיט וואס איהר פערענטווערט אייך: „מיר לאזין זייא לויפין, מיר פערפאלגען זייא נישט". דאס פערשטעהן יענע גאנץ גוט, איהר זאללט נאר האבין בכח, וואלט איהר זייא אוודאי ניט געלאזט דען ערשטין שטיין לעגין אונ וואלט זיא נאך איצט געשלאססין. דאך אייער גאר פון וויטין שטעהן, אייער פערבארגענע שנאה, אייער בעטראכטין דיא שול וויא א קירכע פון איינעם אנדערן גלויבין, שאדין זעהר פיעל דעם אללגעמיינעם אינטערעססע דעם יודינטהומס אונ אייער געמיינדע. דיא וואהרע פערשטענדיגע לומדים אונטער אייך דארפין מיר ניט אנוויזין דיא פיעלע שטעללין אים תלמוד, אים רמב"ם אונ אים שלחן ערוך, וויא דאס איז איין עבירה, א גאנצע גימיינדע צו בעהאנדלין אלס אויסגעשלאססין, וועגין פערענדערונגין וואס זענין ניט געגין דער תורה נאר געגען אלטע געוואנהייטען, אונטער וועלכע פיעלע זענין גראדע געגין דען כבוד פון אונזער רעליגיע. נאר לאמיר רעדין וויא

יודישע

יודישע בעלי בתים, וויא פּראַקטישע מענשין: ווייסט איהר דענן נישט אז וואס מעהר דיא פֿאַנאַטיקר ענטפֿערנין זיך פֿון דיא אויפֿגעקלערטע, מעהר שיידין זיך יענע אָב פֿון זייא, מעהר ערלויבין זייא זיך, מעהר ציעהן זייא צו זיך צו דאס יונגע דור. וואלט נישט פֿיעל גישייטער, פֿיעל פּאליטישער, פֿיעל פּראַקטישער גיוועזין, איהר זאָללט איבערלעגין אז דאס יונגערע דור, וואס איז שוין גיוועזין אין דער וועלט און גיזעהן אז אויסער בערדיטשוב זענין אויך דאָ יודין, און אמת פֿרוממע יודין, וואס האבין מעהר פּנים פֿון אונזערע; אז דאס יונגע דור קענן שוין ניט אריינגעהן אין אייערע קלויזין דאַווינין. איז דאָך גלייכֿער, פֿון אייך זאללין איינינגע, דוקא אזעלכֿע וואס גילטין פֿאַר עהרליכֿע יודין און געניססען אכֿטונג אונטער אללע קלאַססין, טאַקי לשם שמים דארט בעשטענדיג דאַווינין, אנדערע ווידער זאללין אמאָל אַ שבת אַ יום טוב, בייא געוויססע פֿייערליכֿקייטין אויך אהין געהן און מיט מאַכֿין דען גאטטעס דיענסט. מיר זענין אזוי איבערציינגט אז דיא אויפֿגעקלערטע וואלטין זיך דאדורך געפֿיהלט גישמייכֿעלט, עס וואלט בייא זייא אזוי אנגילעגט גיוועזין, אז זייא העטטין אליין געזוכֿט אייער געפֿיהל און אייערע אלטע גיוואהנהייטין וויא מעגליך צו שוינען, און דעמאָלט ערשט וואלט דער גערעגעלטע גאטטעס דינסט אלגעמיין גיוואָרין, און נאָר געשטיצט אויף דען שלחן ערוך. אוים ריקזיכֿטין געגין אייך וואלטין אללע געקוממין דאַווינין און ערנסט גידאַווינט. איהר ווייסט גאנץ גוט אז אין דער גמרא זענין דאָ אזעלכֿע ערצעהלונגין וואס תנאים האבין געטהון איינצוהאלטין געוויסע זאַכֿין און זייא ווערין דער פֿאַר גילויבט. פֿאַר וואס זאָללט איהר זייא נישט נאָכֿטהון?

---

# דאס יודישע שפּיטאל

אויף דער אנשטאַלט מעג דיא בערדישובער יודישע געמיינדע שטאָלצירען. מעגין טהייל אויסזעטצין פֿעהלער: עס איז נישט געבויעט און איינגעריכֿטעט פֿון גרונד אויס פֿאַר אַ שפּיטאָל, מעגען זייא בעהויפּטען מען וואָלט גיקענט פֿאַר פֿיעל וועניגער אויפֿבויען אַ נייא קראַנקענהויז מיט אללע בעקוועמליכֿקייטען, אומפּארטהייאיש געאורטהיילט איז עס אַ ציערדע פֿאַר דער געמיינדע, און צוועקמעסיג גענוג. אמת דאָס הויפּט-געביידע איז גיוועזין דער פּאלאַץ פֿונ׳ם קסיאָנדזשע ראַדזשיווילאָוו, און דיא פּאלאַטים קאָמוניצירען מיטאיינאנדער; אויך איז מעגליך אז מען זאָלל בויען אייגענס אַ שפּיטאל וואָלט מען אפשר דיא ציממער עטוואס העכֿער גימאַכֿט; מען וואלט אויך נישט פֿערשווענדעט אזוי פֿיעל געלד אויף דיא 2 גראָססאַרטיגע סאלאָנס מיט קאַלטען מארמאָר מאָזאיק, גיבס פֿערציערונגען, פֿערגאָלדונגען און טהייערע פּארקעטנע פֿוסבעדען. נאָר אז מען האט דאס אַללעס גיקריגען אַזאַ מציאה, און עס איז צו יעדער צייט אַ סך מעהר ווערטה, מוז מען נאָר לויבען דיא וואס האַבין דיא געלעגענהייט בענוצט, און דער געמיינדע אַזאַ פּראַכֿטגעביידע אנגעשאַפֿט. דיא לאַגע פֿון דעם האָספּיטאָל איז אין דער שענסטען פֿרייעסטען בילפֿילער גאס, ענטפֿערנט פֿון דער געדרעכֿטען בעפֿעלקערונג און דאָך אין שטאָדט; דיא ריינע לופֿט, דער רחבת ידים, איין אונגעהייערער הויף; דיא געביידען אין מיטטען, פֿאָרינט אַ גיטטער; דער גאָרטען, אַ גוטע ברוננע. אַ כלל אַללעס וואס איז נעטהיג און מאַכֿט דען אויפֿענטהאַלט אַנגענעהם. דיא פֿרויען

פאלאטעס

פאלאַטעס זענין שוין גאַנץ נייא געבויעט צו דעם צוועק , וואס איז דאָרט נישט דאָ אים אונגעהייערן רוים : געניג צימער פֿאַר קראַנקע אונ זעהר גרויס געשטעללט דיא בעטטען, אזוי אז דיא בעקוועמליכֿקייט אים רוים דערזעצט דיא היץ אונ מאַכֿט דיא לופֿט ניט קאַליע . חוץ דעם זענין דאָ גאַנץ בעזונדערע אָבגעשלאָסענע צימער, עס זאָלל זיך ניט טרעפֿפֿין איין עפּידעמיע אַ חאָלערא רחמנא ליצלן , זאָללין דיא חלאים קעננען געהאלטין ווערין בעזונדער . אז פֿאַר דיא גרויסע סאַליעס האָט מען ניט גיצאהלט , איז פֿאָרט זעהר שע־ן אז מען פֿיהרט אַהין אריין אַ נאַטשאַלניק , עס מאַכֿט עהרע יודען . אַזעלכֿע פּיסבאדען, טהירען אונ פֿענסטער, וואָלט מען זיך קיינעסוועגס פֿערגינען צו מאַכֿען אין אַ שפּיטאָל , אונ אזוי מאַססיוו קענן נאָר אַ שררה פֿאַר זיך בויען ; נאַטירליך וואָלט מען דיא וועגד ניט אזוי שפּאַליערט , אונ דיא פאטאלאַגין (סעפּיטען) וואָלט מען ניט אזוי פֿערציערט מיט גיבסארביטען . נאָר שאַדען קענן דאס גוויס ניט . פֿערקעהרט עס קענן מאַכֿען אַ גוטען איינדרוק אויף דיא קראַנקע . אונזערע חכמים רעכֿענען אונטער דיא דרייא זאַכֿען וואס מאכֿען פֿערגניגען דעם מענשען — אַ שעהנע דירה . אז דער אָרימער חולה וואס ווירד מייסטענס קראַנק דורך דער ענגען לופֿט , דורך דעם פֿינסטערן אויסזעהן פֿון זיין עלענדער וואָהנונג , פּליצים קיממט ער אריין אין אַזאַ ליכֿטיגער שטוב , יעדעס ווינקעלע פֿינקעלט , דיא אויסזיכֿט ארויס אין אַ גאָרטין אריין , אין זיין לעבען האט ער אַזאַ פראַכֿט ניט געזעהן , דאס אלליין הייטערט איהם אויף , איז איהם מחיה , שטערקט איהם , אונ דאס אלליין קענן זיין אַ האלבע רפֿואה . זייא האָבען דאָרט זעהר אַ ניעדליך שילעכֿען , איין אויסגיציייכֿענט בעדעל , סקלאַדים , מאַגאַזינס , אונ אללעס אָבגעטהיילט , אַ הערליכֿע קעך , אַ שעהן לאָקאַל פֿאַר דער אַפּטייק , אַ בעקוועמע וואָהנונג פֿאַר דעם בעשטענדיגען אַרצט ד"ר איינהאָרן , (חוץ איהם קוממט טעגליך ד"ר גאָלדענבערג מאַכֿען קראנקענבעזוכֿע) , אונ פֿאַר דעם סמאָט־ריטעל , אויך פֿאַר אללע דיענענדע . אויס׳ר דעם אללעם האט מען איינגעריכֿטעט דירות פֿאַר זקנים . אונ אַ פראַכֿט וואָהנונג ווירד נאך פֿערדונגען אונ גיט הכנסה דער אנשטאלט . דער פלאַטץ איז אזוי גרויס אז דיא אללע געביידען שטעהען גאַנץ פֿרייא אונ עס איז נאך דאָ גינוג רוים מען זאָלל בויען , דיא געמיינדע זאָלל מיט דער צייט דארפֿין ענט־שפּרעכֿענדע אנשטאלטין .

איבריגינס וויא מיר האָבין גילעגענהייט גיהאַט זיך גענוי׳א צו ערקונדיגען פֿון זיכֿערער קוועללע , וואָלט פֿיעללייכֿט נאָך איצט קיין שפּיטאָל ניט געוועזין , ווענן מען זאָלל ניט געוועזין דען פּאַלאַטץ פֿערטיג קויפֿען , ביז מען זוכֿט צו אַ פלאַטץ , ביז מען מאכֿט אַ פּלאַן , ביז מען איז זיך רעכֿט מיישב , ביז מען נעהמט ארויס דאס געלד , ביז מען נעמט זיך צום בויען , אונ עס ווירד פֿערטיג , דויערט אויך ניט ווייניג . אונ ווער ווייסט ערשט אויך וועלכֿע הינדערניססע מען וואָלט דאָ געשטויסען . עס איז אַ גרויסע הוה אמינא געוועזין אַז מען זאָלל ניט ראַזורעשין דיא 100 טויזינד רובל געמיינדע געלד זאָללין ארויס געגעבין ווערין , איבער פֿערשיעדענע אורזאַכֿען .

דיא איננערע איינריכֿטונג לאָזט גאָר ניט איבער צו ווינשען , בעטטען אייזערנע , גוטע מאַטראַצין , גוטע וועשע , שעהנע שאַפֿקעליך בייא דיא בעטען . בעהאַנדילט ווערין דיא קראַנקע זעהר אָרדענטליך . זייער עססין , זייער טרינקען צו דער צייט , קרעפֿטיג אונ נאַהרהאַפֿט לויט ערצטליכֿער פֿאָרשריפֿט , דאס ברויט איז פֿאָרטרעפֿליך ,

טהעע

טהעע אונ צוקער בעקוממען זייא אויך; וועך עס דאַרף, גיט מען גוטען וויין. אויפֿמערקזאמע בעהאנדלונג דער ערצטע, גוט בערייטעטע מעדיצין, גוטע בעדיענונג, אַ כלל אללעס וואס קענן בייטראגען צו היילונג אונ ערקוויקונג דער קראַנקען.

עס איז אַ גאנץ קאָמיטעט גיוועהלט צור פֿערוואַלטונג, נאָר בעזאָנדערס גיט זיך אָב מיט דעם שפּיטאל דער עהרווירדיגער גרייז הגביר ר׳ ישעיה הורוויץ. עס איז הערצער־העבענד צו זעהן, וויא דער העבֿער אכֿציג יעהריגע מאנן, וויא שוואַך ער איז שוין נעבאך, דיא אויגען, דיא פֿיס, דיענען שוין נישט אזוי, אינדעססען פֿאָהרט ער יעדען מאָרגען אין שפּיטאל אונ ברענגט דאָרט צו איינינע שטונדען, ער איז בייא דער אויפֿנאַהמע דער קראַנקען, אונ לייטעט דיא גאנצע אַנשטאַלט. קיין וועטער, קיין היטץ, קיין געלט וועט איהם אָבהאלטען טעגליך אים האָספּיטאל צו זיין, נאָר שבת באַטאָג קענן ער ניט פֿאָהרען, אונ געהן איז איהם אויך אונמעגליך, קוממט ער שבת צו נאַכֿט׳ס, דער ערנסט פֿון דעם מאַנן איז וואהרהאַפֿטיג צו בעוואונדערן, מען קענן זאַגין אז דיא מצוה, דיא בעשעפֿטיגונג, גיט איהם איין חיות, אונ ער לעבט אין דעם זכות פֿון דיא קראנקע, אזוי האט ער זיך איינגילעבט אונ איינגיוועהנט אין דער אנשטאלט, עס איז בייא איהם קיין זאַך ניט טהייער וואס איז נעטהיג צום וואָהל דער קראנקען, עס קאָסט איהם אויך פֿיעל געלד. נאָר דאס געלד איז גאָר נישט געגען דער מיה, געגען דער טרייקייט, געגען דער אויפֿמערקזאַמקייט וואס ער שענקט דעם אנשטאלט. אין איטלעכֿען ווינקעל איז ער פֿולל, אונ אללעס ליעגט איהם אויף׳ן קאפף. גאָטט מעג עס איהם בעלאָהנען אונ דערלענגערן דיא יאָהר פֿאַר דעם גוטס וואס ער טוהט אָן דיא קראנקע, אינ טאַקע פֿון דער אַנשטאלט וועגין. — מיר האַלטין עס פֿאר אונזער פֿליכֿט דיא אנדערע מיטגליעדער אויפֿמערקזאַם צו מאַכֿין אז זייא זענין אפילו נישט יוצא וואס זייא האָבין געוואָרפֿין דען גאנצין עול דעם אלטען שוועכֿליכֿען מאנן, עס איז פֿאר איינעם אַ יונגערן צו שווער זיך אופּאָרין, מכל שכן אַ יוד קין עין הרע אין דיא יאָהרען. פֿאר וואס זאָללין זייא איהם ניט מיטהעלפֿין, חאָטש יעדען טאג, יעדע וואָך איין אנדערער?

מיר מוזען אויך זעהר בעדויערן אז דאס גראָססארטיגע שפּיטאָל לייִדעט מאנגעל. עס האט נאָר זיבֿערעס דיא עטליכֿע טויזענד קערבליך פֿון דער טאקסע אונ אנדערע הכנסות, לויט דיא חשבונות וואס דיא גבאים גיבען יעהרליך אונ זענין אָבגעדרוקט אים „המליץ", דאס איבריגע איז שוין ניט פֿעסט; וועהרענד דיא הוצאות זענין 15,000 ביז 16,000 רו"כ יעהרליך, אַם מיינסטען וואונדערט אונז, אז אין בערדיטשוב איז אנדערש וויא אומעטום: דאס שפּיטאָל גיט טאקסע פֿון פֿלייש אונ פֿון עופות, דאס עקסיסטירט ניט אין קיין יודישער שטאדט. נאטירליך אז מען שטעלט דאס נישט אריין אין דיא קאָנדיציעס פֿונ"ם בעל טאַקסע, קענן מען פֿון יענעם נישט פֿאָדערן, אונ וואס ער גיט איז שוין נאָר אַ לאַסקע; פֿאר וואס זאָלל אָבער נישט בפירוש דאס שפּיטאָל בעפֿרייעט זיין פֿון טאַקסע?

הגביר ר׳ ישעיה הורוויץ זאָרגט דערפֿאַר אז דער קראנקער געהט ארויס פֿון דעם שפּיטאָל, זאלל מען איהם נאָך געבין פֿלייש גראַטיס, אונ עפּיס געלד, ער זאָלל דיא נשמה דערהאלטען. נאר דארויף וואָלט גידארפֿט זיין אַ זיבֿערע קאססע.

# דיא תלמוד תורה

איינען גאנץ ענטגעגען-געזעטצען איינדרוק מאכט עס אויף דעם מענטש, אז מען קוממט פונ'ס פרעכטיגען שפיטאל אין דער טרויעריגער וויסטער תלמוד תורה. דיא רעליגיאז נאציאנאלע פלאנצשולע, דיא עכט יורישע וואהלטהעטיגע אנשטאלט, וואס איז בייא יודען דיא וויכטיגסטע אונטער אללע מצות (ותלמוד תורה כנגד כולם), דיא אלטע יודישע איינריכטונג אויף וועלכער דאס יודענטהום שטאלציערט, אז איידער אנדערע פעלקער האבין נאך א בעגריף גיהאט פון דער וויכטיגקייט אללגעמיינער פאלקס בילדונג, אין צייטין ווענן דיא אריסטאקראטען, דיא גייסטליכקייט האבין גיהאלטין אז נאר זייא שטעהט אן צו זיין געלעהרטע, אונ דיא וויססענשאפט איז זעהר ירושה, זייער מאנאפאל; דעמעלט נאך ווענן אפילו דיא גראססען האבין געדענקט אז עס איז גאר שעדליך פאר דער מדינה דאס געמיינע פאלק זאלל לערנען דורך דעם זיך דערהייבען צו דער מדרגה פון אויפקלערונג, אויף וועלכער דיא רייכע אונ מיוחסים שטעהען; דעמעלט שוין, איז בייא יודען געוועזין א פפליכט צו זארגין זעלבסט פאר דיא ארמסטע קינדער, פאר יתומים, וואס קיינער האט פאר זייא קיין שכר לימוד צו צאהלען. דאסווארט פון דער גמרא: „הזהרו בבני עניים שמהם תצא תורה" — זייט אויפמערקזאם אויף ארמעלייטס קינדער, ווארין פון זייא וואכסט ארויס געלעהרזאמקייט. — בעווייזט אז נאך בימי הגמרא האט מען שוין דאס לערנען גיהאלטען פאר איין אללגעמיינעם פאלקס-אייגענטהום, אונ מיר געפינען אויך אז דיא אנשי כנסת הגדולה האבין פאלקסשולען געגרינדעט. זעלבסט אים מיטטעלאלטער, ווענן יודען זענין געוועזין שרעקליך גערריקט אונ בעשרענקט, ווענן זייא האבין געלעבט אונטער פעלקער וואס זענין געוועזין זעהר פערגרעבט, זעלבסט דעמעלט האט קיין יודישע געמיינדע ניט גיקעננט בעשטעהען אהן א תלמוד תורה, אזוי גוט וויא אהן א שול. — אט דיא הייליגע אנשטאלט וואס איז געווייהעט אונזער רעליגיע, אונזער נאציאנאל בילדונג, וואס דארף ערציעהען דיא פערלאזטע שעפעליך, זייא זאללין ארויסוואכסען אמת'ע יודען מיט איבערצייגונג, אונ גוטע זיטטען, צו גאטט אונ צו לייט. דיא אנשטאלט שטעהט אין בערדיטשוב אין זעהר איין ענג געסיל, בלאטע, שמוטץ ארום אונ ארום, אונ זעהט אויס אינגעווייניג אונ אויסענווייניג עלענד אז עס איז א שרעק צו קוקען. דער פארוואורף גילט נישט דיא עלטערע דורות וואס האבין געגרינ-דעט דיא תלמוד תורה; פערקעהרט זייא האבין גיהאנדילט עכט יודיש, אים פארצייטיגי-שען זינן, זייא האבין פערזארגט א ציעמליך גרויס צווייא שטעקיג געמויערט געמיינדע הויז צו דעם צוועק, אויף דעם פלאטץ פונ'ס אלטען בית עולם. עס וואלט אויך היינטיגע צייטען גענוג געוועזין אונ געקעננט צוועקמעסיג אונ פיין איינגעריכטעט זיין, נאר עס פעהלען דיא מיטטעל דערצו. דער גבאי ה' ר' שמואל מאנזאהן גיט זיך נעביך אונגעהייער פיעל מיה, גאר וויא פערצייטיגע יודען דיין לשם שמים, ער אפפערט זיין צייט, ער דענקט בעשטענדיג אן דער תלמוד תורה, זוכט, זשעברית צונאויף וויא מעגליך איז א קאפיקע, ער איבער וואכט זיא כמעט דען גאנצין טאג; ער איז בייא זיין פרומקייט ניט קיין פאנאטיקער, ער פערשטעהט גאנץ גוט וואס דיא צייט פאדערט, אונ וואלט מיט דעם לעבען גערין אללעס איינגעפיהרט אויפ'ם בעסטען אופן; וואס העלפט דאס אבער

אז

אז ער מוטשעט זיך וויא ניט איז זיא צו דערהאַלטען. יעדע אָרדנונג, יעדע נייע איינ-
ריכֿטונג קאָסט געלד, פֿון וואנין נעֶהמען? אז דיא גאנצע תלמוד תורה קריגט פֿון דער
געמיינדע קאַססע אים גאנצין 800 רו"כ יעהרליך, אונ דאס מען זאָלל אין דער דומע
נישט אויפֿהאלטין, אונ דאָ קוקט יעדער אין דער האנד, מוז מען טהיילען שבת,
דערוויילל ווערין וועניגער 40 רובל, פֿליעסט שוין נאָר אריין אין דער תלמוד תורה
קאססע 760 רו"כ. חוץ דעם האט זיא אַ זיכֿערע הכנסה 100 רו"כ פֿון דירות וואס
דיא פֿריהערידיגע נגידים האָבין גילאָזט עולמות. ווייטער הייסט שוין פֿונ'ם ווינד: דער
עולם שטעלט זיך מעמדות יאָהר-געלד אָדער הודש־געלד, ווער ווייסט נישט וויא וועניג
מען קענן רעכֿענין אויף מעמדות (אויסער פֿונ'ם צדיק'ס וועגין, דאָ טראגט יעדער אקעגען
אונ דער געפאסטעטער גבאי מיט'ם גראָבען קארג וועט שוין נישט אָבטרעטין חאָט'
טראכֿני); איינעם איז טאקי שווער, צום אנדערן דארף מען לויפֿען 10 מאָל איידער
ער האָט גראָד קליין געלד, דער דריטטער האָט גלאַט אַ שווערע האנד, דער פֿירטער
בלאָזט זיך גאָר אָן, עפים געפֿעללט איהם נישט, אַ פוסטע זאך, קוממט דיא אנשטאלט
צו שטראָפֿין, דער פֿינפֿטער זוכֿט איין אויסרייד. דערצו דארף מען ערשט האלטען איין
איינקאסירער אויף גיהאלט אָדער אויף פּ־אָצענט. אים גאנציין האט עס דאָך פֿערגאנגענעם
יאָהר (תרכ"ט) גימאַכֿט 331.80 רו"כ. נדרים ונדבות פֿון חתונות אונ בריתין 151.60
רו"כ. דאָ זעהט מען ווידער וויא וועניג דיא בערדיטשובער יודען אינטערעסירען זיך פֿאר
דער וויכֿטיגער אנשטאלט: דאָרט זענין יעהרליך (לויט דער שטאַטיסטיק פֿונ'ם רבֿ'ס
ביכֿער געמעלדעטע) איבער 400 חתונות אונ גיגען 800 בריתין; אויף דער אָרמסטער
חתונה מוז זיין אַ סעודה'לי, אויף דעם גימיינסטען ברית לעקיך אונ בראָנפֿין, אונ דיא
בעלי כיבודים מיט דיא געסט לעגען זיך געוועהנליך צונאויף אויף אַ קערמישיל, אין
שמחה אלא בבשר, מיט אַ גלעזיל משקה; דאָ וויא דאָרט קענן דיא צערמאָניע נישט
נימאַכֿט ווערין אָהן אַ מנין. ווענן יעדער אים דורכֿשניט זאָלל שטאָט משקה צו דער
סעודת מצוה נאָר געבין 10 קאָפּיקעס אויף דער תלמוד תורה, וואָלט עס גימאכֿט לכל
הפחות אים דורכשניטט אַ קערביל פֿון אַ שמחה, דאס הייסט, 1200 רובל אַ יאָהר.
נישט גלייכֿער וויא אַ פופיק מיט ווין? נאָך מעהר, פֿון נגידישע חתונות מיט בריתין
אלליין איז אויך וועניג 151 רו"כ, וויפֿיעל מען גיט דאָרט אוים אויף פֿלאָדינס מיט
אנדערע בעקערייען. — נאָך איין הכנסה איז דאָ, אַ נייע ערפֿינדונג, פֿון תכריכים; דאָרט
האַנדילט קהל, אָדער דיא חברה קדושה מיט ליינוואַנד, אונ אללעס וואס מען דארף צום
אויסשטאַפֿירונג דער מתים, אונ דערפֿון פֿאַלט אריין אויף דער תלמוד תורה 88 רו"כ אַ
יאָהר. איבער דעם געשעפֿט ווּעלין מיר נאָך האָבין גילעגענהייט צו רעדין. פושקים
בייא לוויות רחמנא ליצלן מאַכֿין 28 רו"כ, פושקים אין שטאָדט 63 רו"כ. דאַנן הערין
מיר נייעס, אין דער דאָרטיגען תלמוד תורה נעהמט מען שכר לימוד פֿון טהייל קינדער,
דאס האט גימאכֿט יענם יאהר 67.80 רו"כ. עס איז אפשר נישט קרום, מהיכי תיתא,
דיא וואס קעננין עפים צאָהלען וואס ניט איז, אַבֿי וועלוועלער וויא ביים מלמד, איז
קיין עולה נישט זייערע קינדער אויפֿצונעהמען אונ בייא זייא נעהמען גיצאָהלטט. דיא
פֿראַגע איז נאָר אויב דערמיט נעהמט מען נישט צו אַ פלאַטץ פֿון אַ בלוט אָרממאננס
קינד, אָדער פֿון אַ יתום. פֿאר אַזאַ קהלה וויא בערדיטשוב איז וועניג אז דיא ת"ת
נעהמט נאָר אויף 190 קינדער; עס געפֿינענן זיך אוודאי מעהר פֿעראָרמטע קינדער אונ
יתומים

יתומים. נאר וויא עס שיינט מוז עס דער גבאי טוהן, ווייל ער איז בענעטהיגט אין דער קאָפּיקע.

מערקווירדיג, מיר בעמערקין דאָרט ניט עטליכֿע הכנסות וואס זענין איבליך בייא יודען אויף דער תלמוד תורה: נדרים פֿון דיא 2 שבתים אים יאָהר וואס מען לייענט עשרת הדברות, אונ פֿון שבועות. לאָמיר רעכֿנען אים דורכֿשניטט זאָלל יעדעס מאָהל מאַכֿין קאָפּ אויף קאָפּ 1 קערביל אין אַ שול אָדער קלויז, קענן עס אויך איינברענגען אַ דריטטהאַלב הונדערט קערבליך יעהרליך. — היינט וואו איז פֿון תהלים זאגין לחולים, פֿון לוויות (עס זאָלל זיך נישט טרעפֿפֿין), וואס דיא אָרמע קינדער לויפֿין אוודאי פֿאָר-אוים אין דיא פֿרעסט, אין בלאָטים, אין דיא היטצען, אונ רייס׳ן זיך אוים דיא קעהל „צדק לפניו יהלך", אונ אויב עס איז אפילו דאָרט נישט מאָדע, דארף נאָר איינער איינפֿיהרען וועט שוין איטלעכֿער נאָכֿטהון. אונטער 1500 פֿערשטארבענע יעהרליך וויא זענין ניט 300 אַזעלכֿע וואס דיא לײדטראגענדע (אבלים) זאָללען קעננען עפּים געבען אויף דער ת׳ת, אזוי אז דורכֿגעגגיג זאָלל עס מאכֿין בידנע 300 רו״כ. זעהר אַ נאַ-כֿאמונגסווערטהע איינריכֿטונג האט גימאכֿט ד״ר גאָלדענבלום אין אָדעססע, ער האט איינגעפֿיהרט אַ בוך, אין וועלכֿען עס זענין פֿערשריעבען אללע יאָהרצייטען פֿון דיא שטאָדטלייט, אונ שיקט יעדען אַ צעטיל דערמאננען ווענן ער אָדער זיא האָבין יאָהר-צייט, יעדער וועד נאָר אים שטאנד איז שיקט דערפֿאר עפּים אָב אויף דער ת״ת אונ דאס מאכֿט אַ היפּשע סוממע געלד, דערפֿאר זאָלל מען לערנען משניות אונ זאָגין קדיש אין דער ת״ת. דאס וואָלט מען געמעגט איבראַלל איינפֿיהרען.

נאָר וואס האָט מען צו שמועסען פֿון אַ געמיינדע וואס דער גייסט דעס חסידיסמוס וואלטעט אין איהר, אונ זיין פּרינציפּ איז דאָך איבעראַלל, ניט צו דערלאָזען קיין שום נייע איינפֿיהרונגען, קיין שום תקנות, נאר דיא וואס געהען אוים פּונ׳ם צדיק, אָדער תקנות מיט נתינות וואס קעננען פֿערמעהרין דעם אָדער יענעם גוטען יוד׳ם איינקינפֿטע, דאס קענן מען אם בעסטין דערקעננען פֿון פֿאָלגענדעם פֿאקט. — בערדיטשוב האט דאס גליק זייט אַ רייהע פֿון יאָהרען צו האָבין איינען איינוואָהנער וואס מיר מעגען מיט בע-שטיממטהייט זאגין, זייא האָבין וועניגע אַזעלכֿע אין אללען בעציעהונגען; מיר מיינען ר׳ יוסלי ליכֿטענשטארט. עס איז נישט אונזער אבזיכֿט דיעזען מאנן צו לויבען, ער איז מפורסם גענוג אונ האט אונזער לויב ניט נעטהיג: נאָר דאס קעננען מיר מיט גוטע געוויססען זאגין אז מיר איבערטרייבען נישט, אונ זענין דאַריבער אים שטאנד עהרליכֿער אונ בעשטיממטער איבער איהם צו אורטהיילען, ווייל מיר קענען איהם זייט 35 יאָהר, מיר וואָרען נאָךביידע יונגע לייט, מיר האָבין 5 יאָהר צוזאַממען געוואָהנט אין לובלין אין איין הויז, אונ אין אינטימסטע פֿערהעלטניססע געשטאנען, וויא דאס ליעגט אים קאראקטער פֿון יונגע לייט לערנקינדער. ה׳ ליכֿטענשטאדט איז איין גרונדליכֿער למדן אונ האט דאס לערנען נישט פֿערנאַכֿלעסיגט זעלבסט אים געוויהל דעס גישעפֿטסלעבענס; דאבייא אַ רעכֿטער מושלם, שרייבט שעהן העברעאיש, פֿערשטעהט דייטש אונ פֿאָלניש; איז קלוג אונ ערפֿאַהרין, האָט פֿיעל אומגאנג גיהאט מיט בעססערע ערלערע מענטשין, וואָרין ער איז גיקוממען אין דיא העכֿסטע יודישע אויך קריסטליכֿע גזעללשאַפֿטין, ער האט פֿיעל וועלט אין זיך, ווייל ער איז געוועזין אין דער וועלט, אים אויסלאנד אונ אינגלאַנד, אונ איבעראלל האט מען איהם געוואוסט צו שעטצין; ער איז דער וואַהרער פֿייע בריה, עכֿטער אַדעל פֿון געבורט אונ קאראקטער; בעשיידען פֿרום, אונ גיהערט

צו

צו קיינער פּאַרטייא, ער קומםט אוים מיט אללע קלאססין, אזוי אז אין בערדיטשוב איז מען אויך אזוי פֿיעל אויף איהם מבינים, אז ער ווירד פֿון אללע פֿערשיעדענע קלאססין געעהרט אונ גיאַכֿטעט. דאָך האָט מען וויא עס שיינט דאָרט ניט פֿערשטאנען נוטצען צו ציהען פֿון דער געלעגענהייט, ר׳ יוסלי ליכֿטענשטאַדט אין געמיינדע אנגעלעגענהייטען צו צוציעהען; אפשר איז אויך דיא מניעה געוועזין פֿון איהם, ער האט זיך ניט געוואָלט מישען דאָ ווא עס הערשט אַ גייסט מיט וועלכֿען ער סימפּאטיזירט נישט. ענדליך האט מען איהם דאָך געוואונען פֿאר דער תלמוד תורה. ער האט איבערגענוממען גבאי צו זיין, אונ וויא מיר האבין פֿון זיכֿערע קוועללע געהערט, האט ער זיך ערינסט גענוממען דערצו, צוזאַממען מיט ה׳ מאנסאָן אונ האט ווירקליך אין פֿיעלער בעציעהונג דיא ת״ת אָנגעהויבען פֿערבעססערן, נאָר בייא אללע זאַכֿין איז דאָך דאס ערשטע דיא מיטטעל. איז צו איהם געקוממען אַ בראָדער סוחר אונ האט איהם פֿאָרגעלעגט אַ פּלאַן, ער וויל איהם געבין אויף דער ת״ת 3000 רו״כ יעהרליך פֿאר דיא פֿעדערן פֿון עופות וואס ווערין געקוילעט אין שטאָדט. אַ קלייניגקייט וואס מען וואָלט געקענט, וואס ער האט גיוואָלט פֿון דער אנשטאלט מאכֿין! אויף שלימזל דאַרף אָבער אין בערדיטשוב זיין איין איינפֿיהר זייט אַ צייט, אז דיא שוחטים נעהמען צו דיא פֿעדערן, אַ תקנה וואס עקסיסטירט גאָר ניט אין דער וועלט, וויא קוממען שוחטים צו פֿעדערן? וואס פֿאר אַ פּנים האָט דאס, דער שוחט זאָלל האָבין גישעפֿטין מיט דער מויד, אונ איהר קוקען אויף דיא הענד, זיא זאָלל איהם גוט אָבפּליקען דאס עוף? אז ר׳ יוסלי ליכֿטענשטאדט האָט דאס פֿאָרגעלעגט, הייבט זיך אָן: מען מוז זעטצען דאס בית דין. דיא דאַרפֿין פֿערלעגען אַ קלאָטץ — דיא חזקה, מיט אנדערע ווערטער, נאָך אונזער אויפֿפֿאססונג, אַ מאָנאָפּאָל פֿאר דיא שוחטים, דאַדורך האט זיך ר׳ יוסלי ליכֿטענשטאדט צוריק־געצויגען אונ דיא אנשטאלט ליעגט אויף איין מענשין וואס בייא זיינעם ערנסט אונ אייפֿער איז ער דאָך נישט אים שטאַנד אללעס צו בעזארגען, בעזאָנדערס וואס דיא צייט פֿאדערט, ובפרט אַז ער האָט נישט מיט וואָס צו פֿיהרען אונ מוז זיך מוטשין אונ דען קאָפּ פֿערדרעהען וויא מיט איז דיא ת״ת צו ערהאלטין:

פֿון דיא אויבין אייסגערעכֿענטע הכנסות זעהן מיר נאר ארויס 20. 1600 רו״כ (חוץ דעם איז צו גערעכֿענט צו דער הכנסה: כהמגיע למלמדים לתשלום השנה, לקאָלישער, להכותב, להבוכהאַלטער ולשמש 95. 337 רו״כ, מהמגוע ע״י הלוואה 50. 306 רו״כ, ס״ה 45. 644 רו״כ, עס איז פֿאר אונז ניט דייטליך). היינט לאמיר בעטראַכֿטין דיא הוצאות וואס בעטרעפֿין 2244.65 רו״כ: 9 מלמדים צו 120 רו״כ יעהרליך בעטרעפֿט 1080 רו״כ. (חוץ רגל געלד 13.50 רו״כ, אים שטיינס גיזאגט, מען קענן נישט אנדערש זאגין, טהייל מלמדים טהוען זייערס בשלימות, מיר האבין פֿערהערט מאנכֿע קינדער, זאגין זייא גאנץ קיין מעשה ניט אַ שטיקיל גמרא, חומש ווירד דארט גילערנט נאך דער אלטער מעטהאָדע מיט אללע אויסרעדענישין; נאטירליך דערקענט מען גאנץ גוט אז דאס איז איינגעדראָלבֿיט מיט דעם פֿינגער, מיט דעם קאנטשיקיל, מיט אַ ריס ביים אויהר, איידער מיט פעדאגאגישעם סיסטעם; דאס קינד זאגט מעהר נאך וויא אַ מאַשין, ניט ער האט אויפֿגעפֿאסט מיט׳ם שכל. דער בעסטער סימן איז מייסטענס קינדער פלאפערן נאר נאך וויא איין אנגעדרעהטער זייגער כסדר, מען טאר זייא ניט איבערשלאָגין. דאריבער איז אוך שווער זייא צו פֿערשטעהן, זייא מאָהלין דאס איינגחזורטע (מיט אויסנאַהמע איינינע אויסגעצייכֿענטע קינדער וואס עס וואלט אַ יושר גיוועזין

גיוועזין מען זאלל זייא ניט פֿערנאַכֿלעסיגן, פֿון זייא וואלט גיקאָנט ארויסוואַכסין לייט,
זייא זאָגין סקלאַדנע אונ פֿערשטעהן וואס זייא זאָגין) . נאר דאס האבין דאך יודין ליעב,
עס פֿרעגט זיך אבער צי איז טאקי נעטהיג ניט וועניגער וויא 9 מלמדים, יעדער זאלל
זיטצין אין אַ בעזונדער קויטיג שטיביל, בייא דעם טיש אויבענאָן, אונ דיא יונגליך אויף
ביירע זייטען אונטער דיא בענק. דערבייא קוממען אויס 4 קלאַססין אין 4 שילעכֿליך—
אַ ברכה פֿון גאטט, אין איין קליין צוואר קלאָמערשט צווייששטעקיג הויז מוזען זיין 4 זאַ־
גענאַננטע שילעכֿער? — פֿאר וואס זאלל מען ניט בעססער אויסהאקען וועגד אונ מאַכֿין
בעססערע גערייםיגע קלאַססין מיט רייגער לופֿט, אונ איין שילעכֿן וועט אויך גענוג
זיין. דער פֿאר וואלט מען געקעננט מאַכֿין עקאָנאָמיע — 4 מלמדים שטאט 9. — להי
קאַלישער 100 רו״כ, דאס איז אַ לעהרער פֿון דער שולע, ער אונטערריכֿטעט דארט
דאַכֿט זיך אין דיא ניערריגע קלאססין רוססיש לעזין (דער ראַבבינער ה׳ פעסים לערנט דארט
אומזיסט רוססיש, דאך לערנין פֿון 109 קוים 70 קינדער בייא איהם, אזוי אַ ווערטה לעגין
דיא דארטיגע עלטערן אויף דער לאַנדסשפראַכֿע, האטש זייא פֿיהעלן דאך אללײן וויא
דאס פֿעהלט זייא אויף יעדען שריטט, אונ האבין דאך ניט דיא מיטטעל אוים זייערע
קינדער ריינע לומדים צו מאַכֿין, וואס אפילו דערצו דארף מען אויך היינטיגע צייטין
קענין דיא לאַנדסשפראַכֿע). שוין פֿון דעם געהאלט וואס ה׳ ק אַ ל י ש ע ר נעהמט,
זעהט מען וויפֿיל מען פֿארלאנגט פֿון איהם אונ וויפֿיל ער קענן לייסטען. אַ לעהרער
מאַכֿט שוין מעהר אנשפריכֿע וויא אַ מלמד, אונ לאזט זיך שיין פֿאר זיין מיה בעססער
בעצאָהלין, קענן מען זיך משער זיין אז ערקריגט העלפֿט פֿון אַ מלמד, וויפֿיעל צייט ער
ווידמעט דער תלמוד תורה, אונ וויא עס איז חשוב זיין געגענשטאנד. איז נאך דעם עפים אַ
חידוש אז דיא קינדער האבין קיין חשק ניט זיין תורה צו לערנין? — אַ שרייבער נעהמט 75
רו״כ, וואס קענן מען לייסטין אין דיעזער מעכֿאַנישין איבונגסקונסט פֿאר דעם געהאַלט אין 9
קלאססין. אַ בוכֿהאלטער קאָסט 150 רו״כ. דיא שפעזע קומט אונז עטוואס ווילד פֿאָר. אין
זאַלכֿע קליינע אנשטאַלטין גיט מען געוועהנליך איבער איינעם פֿון דיא לעהרער דיא
שרייבערייען צו פֿיהרען, מיט אַ קליינער צולאגע צום געהאלט. עס ווירד דאך אללעס
געפֿיהרט יודיש, זעלטין אפשר אַ רוססיש פֿאָרמאַלנע פאַפיערל אין דער דומע אריין.
צו וואס אַ בעזונדערן בוכֿהאַלטער? אַ שמש 150 רו״כ יעהרליך. הייצונג, לעכֿט אונ
וואססער קאָסטין 60. 185 רו״כ, איז רעכֿט; עבענזאָ רעפעראַטורין אים הויז, סטאָראָזש,
סטראַכֿאָווקי 25. 147 רו״כ. הלבשה 40. 288 רו״כ. שיינט דאס איז וועניג. ווארין
דיא קינדער געהן נאַקעט אונ באָרוויס, אונ וויא מיר האבין ערפֿאַהרין קוממען פֿיעל
קינדער דאדורך ניט אין דיא בלאָטים אונ פֿרעסט, אונ פֿיעלע האלטין זיך אויך ניט אין
שולע לאנג, ווייל דיא עלטערן קעננין זייא ניט פֿערזאָרגין מיט אַ ווארם רעקיל אונ שטיוועליך
גיבען זייא זייא בעססיר אוועק אויף אַ שטעללע פֿאר אַ משרתיל אין אַ קלייד. וואלט
ניט אפשר מעהר יושר גיוועזין, ארבע כנפות ציצית אונ הייזליך וואס טרעפֿט ניט אָן
פֿיעל, זאָללין דיא עלטערן פֿערזאָרגין, אונ שטאָט דעם בעססער שטיוועליך אונ טווינדליך
צו מאַכֿין? בכלל וואונדערן מיר זיך דאריבער, אין אָדעססא איז אללעס טהייערער אונ אין
דער תלמוד תורה געפֿינען זיך נענין 350 קינדער, דיא דומע גיט ארוים אויף קליידער
300 רו״כ, אונ אללע קינדער ווערין פֿערזארגט מיט זוממער אונ ווינטער קליידער, אויך מיים־
טענס שטיוועליך אויף דעם ווינטער. נאטירליך עס ווירד דערפֿאר געזאָרגט ענדע ווינ־
טער דיא אלטע ווארמע טווינדעליך, אונ ענדע זוממער דיא אלטע לייגוועגדיגע רקעליך
אבצונעהמען

אבצונעהמען, דיא לאסט מען אויסלאטין און נייע ווערין צוגעמאכט וויפיל עס פעהלט. ספרים און איינבינדען 90 . 44 רו"כ, דאס דארף מען. נאר 10 רו"כ שינע פאר דיא מלמדים, אבוואהל עס איז אים גאנציין 10 רובל, דאך פינדען מיר עס פאר איבערפליססיג. דער מלמד דארף האבין א שיין פון דעם סמאטריטעל אז ער מעג אונטעררירכטין, דערפאר דארף ער צאהלין א געוויסע טאקסע (דאכט זיך 50 קאפ' א יאהר), נא דארף דאס דיא אנשטאלט טראגין? לא יהא א פאס, מוז קהל צאהלין פאר איהרע דיענענדע? דאס געהער צום מלמד.

איינס פון דיא וויכטיגסטע זאכין אין איין ארימער שולע פעהלט גאר, נעמליך; בעקעסטיגונג, ווענינסטענס יתומים און דיא ארמסטע. אם אין קמח אין תורה, זאגין אונזערע חכמים, אז דאס קינד האט נישט צו עססין איז עס נישט אים שטאנד צו לערנין און קענין גאר ניט אויסשטודיערין דיא גאנצע שולע. פאר וואס זאלל ניט אין אזא כרך זיין איינגעריכטעט א טיש, ענטוועדער פון געמיינדע געלדער אדער א פריוואט געזעללשאפט, א דאמען פעראיין דאס צו בעשטרייטין. דאראן דענקט מען נישט אין אזא גרויסער פרוממע שטאדט וויא בערדיטשוב, ובפרט אז דיא ת"ת איז דאך גאר כשר, מען לערנט נאר גמרא און חומש מיט אללע פרישטשיווקים, חלילה קיין דקדוק, קיין לשון קודש, ווער שמועסט אנדערע טריפה פסלין חלילה וחלילה, אט א קאפעלע יוצא צו זיין, דעם שטן דאס מויל צו פרשטופפין. ווייטער איז אזא חאאס, אזא סדר הלמוד, אזא פנים וויא א תלמוד תורה און א הקדש גאר אין געבענשטע צייטין וואס עהרליכע אלטע ווייבער בענגין נאך זייא.

שיינט עס וואלט דאך גלייכער גיוועזין דיא אופגיקלערטע זאללין איבערנעהמן דיא אנשטאלט צו לייטין. חלעבין מיר קענגין וועטין, ד"ר ראטטענבערג אדער איין אנדערער פון דיא דארטיגע יודישע ערצטע, וכדומה פון דיא געבילדעטע זאללין איבערנעהמען מיט צו העלפין ה' מאנזאהן צו זיין איפער, נאטירליך מען זאלל זייא דיא נעטהיגע מיטטעל דערצו געבין, וואלטין זייא יא איינע ארדנונג איינגעפיהרט און עס וואלט אללעס גיוועזין. נאר אז איהר וועט אייך אבבריהען הייסע חסידים דיא הייליגע ת"ת איבערצוגעבין דיא לייט, וויא איהר רופט זייא; זעהט ווידער ארייגצוקריגען ר' יוסילי ליכטענשטאד אדער איינען אנדערן וואהלדענקענדען מענשין. וויא לאנג נאך וועט איהר ניט וועללין בערעכנין אז אויף דעם שטייגער האט דיא תלמוד תורה גאר קיין צוועק נישט? ערשטענס פון דיא קינדער קענין זעהר ווענינע דורכגעהן דיא גאנצע שולע, און דיא וואס ענדיגין שוין גאר, וואס טראגין זייא ארויס אפילו אין דער גמרא, קיין לומדים זענין זייא ניט, מיט דיא עטליכע בלאט שנים אוחזין, מיט המפקיד, נערה שנתפתתה, מיט פתח פתוח וכדומה; קיין ישיבה האט איהר ב"ה אויך ניט אין אזא גרויסער שטאדט, דאס זענין אלץ פון דיא זאכין וואס דער חסידיסמוס האלט פאר איבערפליססיג. צווייטענס דענקט איהר באמת אז אללע קינדער קאננין און מוזין אויסוואכסין לומדים. ווייסט איהר דען ניט פון דער ערפאהרונג אז זעלבסט בעל־בתישע, נגידישע קינדער, וואס דיא טאטים האלטין זייא דיא בעסטע מלמדים, אז זייא האבין פארט ניט דיא פעהיגקייטין, בלייבין זייא דאך גראבע יונגין, און פון דיא וואולע קינדער וויפיעל בלייבין ביים לערנין? איינער אונטער טויזענד. קוים האט ער חתונה מוז ער זוכין פרנסה און פערקנייטשט דיא גמרא אויף תמיד, ביז ער פערגעסט דאס ביסיל גירסא דינקותא. ווער שמועסט אז ער ווירד א חסיד און ליעגט אפ גאנצע חדשים ביים רבין און

גאנצע

גאנצע טעג אין קלייזיל, קוקט ער דאך ערשט קיין ספר נישט אָן. ווענן האט ער צייט צו לערנין: אַ האלבער טאג געהט איהם אַוועק מיט נקיות און מקוה און דאווינין, דער נאך מוז מען דאך זוכין אביסיל תיקון, קריגט מען התלהבות איז דאך מעהר מצוה צו רעדין פֿונ׳ם רבין און דערצעהלין און הערין נסים; אז עס לאָזט זיך גאר אויס שמיעסעכטס, פֿאר לאַנגווײלע, האט מען עפּיס וויכטיגערע ספרים אריינצו קוקין וויא גמרא מיט תוספות און ש״ך, וואס איז מבלבל דיא מוחות; דער תקוני הזוהר, איז נוטצליכער, חאָטש מען מעג איהם נישט פֿערשטעהן, דאס אריינקוקין אין איהם דער־לייכט דיא אויגין, דעם שכל, ווער שמועסט דיא נייערע ספורי נסים וואס וואק־סין וויא שוואמין, דיא ספרים מיט גוט יודישע תורות טראגין דיא נשמה אויף דריגים אין הימטעל ארײן; דיא וועט מען ניט פֿערזעטצין פֿון אַ דבר נחוץ ווענין וויא אויבין איז גישטאַננין. איצט בערעכנט אייך וואס קענן שוין ווערין פֿון אייערע תלמוד תורה יונגליך? רעכינט גענויא דיא שטאטיסטיק צווייפֿעלן מיר זעהר אויב איין קינד אין אַ יאָהר קומט צו אַ צוועק ער זאלל ווערין מיט דער צייט אַ לֹמדן, נמצא קאָסט איינער 2200 דו״כ; בנאמנות צו טהייער!

אנדערש וואָלט גיוועזין איהר זאָלט קלאַסיפֿיציערין דיא קינדער. אללע מעגין לערנין חומש, נ״ך, אנהייבין גמרא. נאָר דיא וואס מען זעהט אז זייא האבין ניט דאס פֿלינקע קעפּיל צום עדלין סבהרלי אין ש״ס, זאללין זיין איינגעריכטעט ווערקשטאַטין ווא זייא זאָללין לערנין עפּיס אַ מלאכה וואס קענן זייא מפֿרנס זיין; דערבייא זאָלין זייא ווייטער לערנין תנ״ך, חיי אדם, אַ דין צו וויססין, דאס דאווינין איבערזעטצין, זייא זאָללין פֿערשטעהן פירוש המלות, און אויסערדעם זאללין אללע לערנין דיא לאנדעס־שפראַכע, שעהן שרייבין, רעכנין, וואס אהן דעם קענן היינטיגע צייטין קיינער נישט אויסקוממען, און דיא פֿייערדיגסטע חסידים, זאָגאַר גוטע יודין זענין מודה, אז דאס איז נאָטהווענדיג און שאַדט גאר נישט צום יודישקייט. פֿערקעהרט מיר זענין איבער־צייגט אז דאס קענן נאר בעססער דערהאלטין דאס יודענטהום, אז מען לעגט נאר אַ גוטין יודישין פֿונדאַמענט. ווארין אז דער מענש האט אַ זיכער שטיקיל ברויט איז ער ניט אזוי דער געפֿאַהר אויס־געזעצט, אויס מאַנגעל זיך צו ווארפֿין אויף אַ שטאַנד וואס ענט־פֿערינט איהם מעהר פֿונ׳ם יודענטהום. — עס וועט אייך קיין געוויססענהאַפֿטער אויפֿגעק־לערטער מענש ניט הייסין מאַכין אויס דער תלמוד תורה אַ שולע, מען זאלל דאס גאנצע געוויכט לעגין אויף וועלטליכע געגענשטענדע; נאר גאנץ פֿערנאַכלעססיגין דיא פראַקטישע זאַכין בעגעהט איהר אַ זינד נעגין דיא קינדער אליין, געגען זייערע עלטערין, געגען אייער אייגענען געמיינדע, געגין דעם יודענטהום, נעגין דער מדינה און נעגין דער רעגיערונג, ווייל איהר פֿערמעהרט ליידיגגעהערס וואס טויגין צו גאר נישט אויף דער לעבטיגער וועלט. דער עיקר איז אבער — זוכט מיטטעל דיא תלמוד תורה זאלל האבין אַ זיכערין פֿאָנד, און וועהלט צו טעהטיגע פֿערשטענדיגע, עהרליכע, אייפֿריגע, פֿלייסיגע מענשין, וועט איהר זעהן וואס פֿאר אַ תלמוד תורה איהר וועט האבין, אז גאטט און לייט וועט ניחא זיין און איהר וועט נאך מזכה רבים זיין, פֿון אייך וועלין זיך אללע קהלות אין יענער געגענד אַ ראיה נעהמין, זייא וועלין זיך מקנא זיין אָן אייך און אייך נאָכטהון.

## חברה אלמנות ויתומים

יערען פרייטאג נאכמיטטאג ווערין געטיילט בולקים, זעהר שעהנע ווייסע חלות פאר ארימע אלמנות פערהעלטניסמעסיג זייערע פאמיליען, מען גיט אויך אלטע שוואכע ארימע לייט. אויך פערזארגט מען יתומים אין גיט זייא אוועק צו בעלי מלאכות. דיא חברה נעהמט 800 רו"כ פון דער דומע דאס איבעריגע פון פרייע נדבות, אום גאנצין ביז 4000 רו"כ יערליך אונ דאס געהט אוועק. מיט דעם זאמלין אונ טהיילין גיט זיך אב בעזאנדערס איין מענש, וואס איז שוין אזוי געניטה אז ער קענן אויסענווייניג אללע נעמין פון דיא ארימע פאמיליען, אונ ווייסט אקוראט אוים וויפיעל נפשות יעדע בעשטעהט. ער איז דיא גאנצע וואך בעשעפטיגט מיט דעם זאמלין אונ בעזארגין אללעס; עס איז דאהער קיין עולה ניט ווען ער געניסט אויך דער פון, ער איז דאך אלליין אויך א געמיינער מאן, דערצו איז ער א כבד פה, נאר צו דעם עסק א בריה נפלאה. דיא פערטהיילונג געשיהט אין א ווייבערישער שול אונטער דעם ביהמ"ד; אין איין וועגס האבין מיר גילעגענהייט גיהאט צו זעהן וויא יודין דאווינין, זייא מעגין יא זאגין „מטעמקים קראתיך ה'"; פשוט אים קעללער פון דעם ביהמ"ד זענין נאך 2 בתי תפלה מיט ווייבערישע אבטהיילונגין, אים זוממער איז דארט שטארק דונקיל; מיר בעגרייפין נישט וויא אזוי דיא פראסטאקים וואס דאווינין דארט קענין דארט זעהן צו זאגין דיא הארטע עברי אינ'ם פייט. — מען האט אונז פערשפראכין צו געבין אונ נאכצושיקין א חשבון, ביז נון האבין מיר ניט ערהאלטין. בכלל פרעדיענט דיא חברה אללען לויב, נאר עס וואלטין גידארפט זיין פארנעהמע אונאינטערעסירטע זאכפערשטענדיגע גבאים, וואס זאללין דיא אבערפערוואלטונג איבערנעהמען אונ יעהרליך איינען אויספיהרליכען חשבון ארויסגעבין געדרוקט, דאס וואלט דעם עולם מעהר אנערעגט דיא צוועקמעסיגע חברה צו בעדאכטין, אונ זיא וואלט גיקענט מעהר לייסטין, אויך אין וואכענטאג דיא שטארק נויטבעדירפטיגע צו העלפין.

---

## חברה הכנסת אורחים

דיא חברה האט צו פערדאנקין איהר עקסיסטענץ ביז היינט דעם וואהלטהעטיגין גביר ר' יוסף ליב קאמינקע ז"ל. ער האט זיך שטארק אינטערעסירט א רייהע פון יאהרין זיא אויף דעם פיינסטין אופן צו ערהאלטין, אונ וועניגסטענס מיט א לאקאל אויף אימטער צו פערזארגין, ער האט נעמליך געליגין איינעם אויף א הויז 1000 רו"כ, אונ גימאכט מיט איהם א פערמליכין אקט, אז מען דארף פון איהם קיין מאהל ניט אבפאדערין דאס געלד אונ קיין פראצענט מזומן, דערפאר איז דיא דירה צו דעם צוועק, דארט זאלל מען בעקעסטיגין אורחים מאננספערשוינען, ווייבער אויך יונגליך, וואס קוממין קיין בערדיטשוב פרנסה זוכין אדער דורכפאהרענדיג. אין פריהערע צייטין, בחיי ר'

יוסף

יוסף ליב ע"ה, פֿלעגט מען געבין אויף וועטשערים אין דער וואָכֿין, היינט איז נאר
שבת 2 סעודות, פֿרייטאג צו נאַכֿטס אונ שבת באַייטאָג. יעדער ארימטאַן קען געניסין
פֿרייא 3 שבתים. מיט דעם בעשעפֿטיגט זיך אַ יוד מיט זיין ווייב, ער נעהמט צונאויף
נדבות, אונ זיא פֿערזאָרגט אליין דיא קעך,ביידע טהיילין אויס דיא פּאָרציעס. פֿאר
גימיינע לייט איז דאס אַ גרויס אפּפֿער, אַ שווערע ארבייט, וואס אַיז קיינעסוועגס דער־
מיט בעצאָהלט וואס זייא האבין אויך דערפֿון דאס לעפּיל גיגעכֿטס, דירה ובבלל זייער
ביידנע אויסקוממעניש. דיא קעסלין דזשווינגין אונ ביז 70 פערשוין מאַנכֿמאָל צו בעדיע־
נען, שבת אונ אללע ימים טובים זעלבעסט פסח, איז ניט צו בעצאָהלין. ממילא פֿערש־
טעהט מען אז דאָ וויא איבעראלל זעהט מען דייטליך עס פֿעהלט אַ בעל בית פֿון אַ בעס־
סערער קלאַססע מענשין, אַ מענש מיט אָרדנונגסליבע, זאַכֿקענטניס אונ ענערגיע.
מיר האבין ביינעוואָהנט אַ פֿרייטאג צו נאַכֿטס ביים טיש. דיא אורחים קריגען יעדער צו
קעלישיקליך בראָנפֿין, ברויט צור זעטט, צושטיקליך פֿיש, זופּ אונ שטיקליך פֿלייש.
וויפֿיעל ניט איז, פֿיש אונ פֿלייש אין בערדיטשוב קאָסט געלד. אוודאי וואָלט ניט גע־
שאדט עס זאללין זיין גאָבלין, זייא זאללין ניט דערפֿון גראַבלין. מיט דיא הענד; אויך
דארף דאס לאָקאל רחמים, עס זעהט אויס וויא אַ חורבה; צו דער מעננער אבטהיילונג
מוז מען ארונטערגעהן וויא אין אַ גרוב, צו דער וויבערישער דאגעגין, דורך אַ גוט
שטיקיל הייזיל קלעטטערן אויף טרעפּ וואס מען קענן דאס געניק ברעכֿין. גאַאז בע־
לייכֿטונג איז נאך דאָרט ניט נוהג. קיין חשבון פֿון דער חברה עקסיסטירט ניט, נאר
דער מתעסק זאָגט, ער נעהמט צו זאַמען אונ גיט אויס ערך 800 רו"כ יעהרליך.

---

# אנדערע חברות

עס עקסיסטירען דארט נאך פֿיעל חברות, יעדע קלויז איז בעגרינדעט אויף
אירגענד א וואָהלטעהטיגין אדער רעליגיעזין צוועק, נאר דאָ קענן מען שוין ניט דער
געהן קיין חשבון, עס איז גאר שווער צו וויססין זייער נאָמין אונ זייער בעשטיממונג,
וויל זייא זענין ניט בעשטעטיגט, זייא זענין אפילו ניט בעקאַננט דעם ראבבינער, איינע
פֿון דיא חברות איז מפורסם, דאס איז ווירקליך זעהר אַ וויכֿטיגע, נעמליך חברה
סנדקאַות. מיר קעננין דיא תקנות פֿון אזעלכֿע חברות אין אלטע שטעדט: צו פֿער־
זאָרגין ארימע קינדבעטטערינס מיט אַ העבאממע, אויסהאלטין דאס וואָכֿענבעטט, דעם
ברית, דערפֿאר קוממען דיא כבודים דער חברה. אין בערדיטשוב וויסט מען קיין
חשבון נישט. אמת דא דארף מען ניט ארויסשטעללין מיט דיא נעמין דיא געמיינע לייט
וואס דיא חברה האט אונטערשטיצט, נאר על כל פנים דיא הכנסה אונ וויפֿיעל אין
יאָהר אונ וואס יעדער האט גיקאָסט, מיט וואס מען האט זייא אונטערשטיצט. מען דארף
געווים ניט חושד זיין דיא גבאים פֿון אַזאַ וויכֿטיגער חברה אז זייא מאַכֿין חלילה מיס־
ברויך, שטעקין אין קעשינע ארייך. נאר אזעלכֿע נדבה געלדער דארפֿין נאָך געבֿיר
בעקאַנט גימאַכֿט ווערין זייערע איינקינפֿטע אונ אויסגאבען, ווייל אין מיטטען איז דער־
בייא דאָ אַ סעודת מצוה. עס קענן זעהר זיין אז דיא בעלי כבודים לעגין זיך צונאויף
פֿון

פון זייער קעשינע און מאכין א קערמישיל, בעזע צונגען זענין דאך אומעטום דא, קענן מען חושד זיין אז דאס איז פון צדקה געלד, און דאס וואלט באמת געוועזין א גרויסע עולה; מיט א פלעשיל בראנפין מיט עטליכע גראשידיגע לעקיכליך אדער קיכליך קענן מען זעהר גוט יוצא זיין; ווער עס האט תאות בשר ויין און זוכט נאר איין אויסריד, דאס צו בעלעשען מיט דעם טיטעל סעודת מצוה, מהיכי תיתי דענן ניט, נאר פון אייגענער קעשינע, נישט פון א קאססע וואס פיהרט דען נאמען צדקה, און דערצו קענן שטייערן אזעלכער אויך וואס גיט בפירוש ניט אויף געבראטענס דיא בעלי כיבודים. נאר א חשבון קענן ארויס־וויזען זייער ריינקייט, און דאס זענין דיא גבאים מחוייב, חוץ יושר און שכל, נאר פשוט א מצות עשה: הסר ממך עקשות פה. — פון א חברה תיקון ספרים האבין מיר דארט ניט געהערט, זיא איז איבריגענס ניט נעטהיג, אין קיין ביהמד"ר איז ניט דא קיין כך ספרים, און דאכט זיך זייא ווערין אויך ניט שטארק אבגעניצט. — עבענזא איז אונז נישט פאר־געקוממען קיין חברה מלבוש ערומים, וועניגסטענס קלינגט זיא ניט אין שטאדט.

א שאד א שאד, וואס דיא חברה „משכיל אל דל" האט אויפגעהערט; דאס איז געוועזין דיא שענסטע און ניטצליכסטע אין בערדיטשוב, שיינט אינטריגענגייסט האבין זיא צערשטערט. עס האט אפילו ניט נעהאלפין דאס וואס מען האט זיא ראזגלאסעט אין אללע צייטונגין און דיא בראשירע וואס עס האט איבער איהר געשריעבין דער שטיפטער און לייטער פון דער חברה ה' אבראמאוויץ; צו בעדויערין האט ער אויך בערדיטשוב פערלאזט און לעבט צוריק-געצויגען אין זיטאמיר, און איז ערביטטערט פון דיא קרענקונגען וואס ער האט געליטטין. דאריבער וועלין מיר איין אנדערס מאל רעדין.

פון רעליגיעזע חברות האבין מיר געלעגענהייט גיהאט צו ערפאהרין פון א זאָ־גענאננטע חברה ש"ס און חברה משניות. נאר נישט אויף דעם מתנגדישען שטייגער פארצייטענס, און נאך היינט אין אלטע שטעדט, מען זאלל טעגליך ערב ובוקר לערנען א שיעור צוזאממען חאטש א מנין; ניין, גלאט איטלעכער לערנט פאר זיך, גלייב איהם אויף נאמנות. פראוודע עס זענין יעהרליך עקזאמינים, מיר מיינען סעודות.

איינע פון דיא וויכטיגסטע חברות וואס פערדיענט גילויבט צו ווערין, איז דיא ערשט פאריגעם יאהר געגרינדעטע, און פון דעם מיניסטער בעשטעטיגטע, חבורת משרתי וחניכי הסוחרים", צור געגענזייטיגען אונטערשטיצונג פון דיא חברה לייט וואס דיענען בייא סוחרים. דיא תקנות זענין אב געדרוקט, לשון קודש און רוסיש, זייא זענין זעהר צוועקמעסיג. יעדער מיטגליעד גיט 2 רו"כ בייא איינטרעטין אין דער חברה, און ניט וועניגער פון 25 קאפ' חודש געלד, אויבער וועגן ער איז ניט אים שטאנד קענן דאס קאמיטעט איהם בעפרייען חאטש ער מעג האבין עפיס א שטעללע. דערפאר האט דער געפאללענע וואס געהט ארום אהן א שטעללע אנשפרוך אונטערשטיצט צו ווערין פון דער חברה קאססע ביז ער קריגט א בעשעפטיגונג, ענטוועדער בתורת מתנה אדער אלס אנלייהע, עבענזא אז ער ווירד קראנק וכדומה צופעללע. אויך דארפין דיא גבאים זארגין פאר איהם ער זאלל בעקוממען א שטעללע. דאס קאמיטעט האט אויך דאס רעכט צוזאממענצונעהמען פרייע נדבות, און בייא פייערליכקייטען און פאמיליענפעסטע, און מעגין פערווענדען דיא פראצענט פון דעם פאנד וואס ווירד געגרינדעט אויס דיא איינקויפס-געלדער. דאס קאמיטעט בעשטעהט אויס א פרעזידענט, קאסירער, און 3 מיטגליעדער געוועהלט אויף 3 יאהר. אללע יאהר אים מערץ דארף זיין א גענעראל פערזאממלונג פון אללע היימישע מיטגליעדער, דאס קאמיטעט לעגט פאר חשבון פון

הכנסות

הכנסות מיט הוצאות, בעלעגט אללע דאָקומענטע פֿון דיא וואס האָבין ערהאלטען אונ־טערשטיצונג פֿון דער קאַססע, סאַי גישענקט אָדער גיבאָרגט, נאָר דיא קוויטונגען פֿון דיא מתנות ווערין דערנאָך פֿערניכֿטעט. דער חשבון דארף פֿערעפֿפֿנטליכֿט ווערין אין דיא צייטונגען. דיא גענעראל פֿערזאַממלונג קענן אויך פֿאָרשטעללין דער רעגיערונג מאנכעס צו ענדערן אים אוסטאַוו אָדער גאָר דיא חברה אויפֿצולעזען.— אים יוני 1869 זענין געוועזין 240 מיטגליעדער. איינקויפֿגעלד איז אריינגיפֿאַללען 840 רו"כ. חודש געלד 720 רו"כ, נדבות 20. 475 רו"כ, פראָצענט פֿון דיא בילעטין 40 רו"כ. צוזאממען 20. 2075 רו"כ. דאַרויף האָבין זייא אויסגעגעבין: אונטערשטיצונג אויף פֿערפֿאַללען 11. 426 רו"כ, הלוואות 93 רו"כ, דרוקען אוסטאַווען אונ ביכֿערפֿיהרונג 80. 19 רו"כ, ס"ה 91. 538 רו"כ. געפֿינט זיך 1406 רובל אין בילעטין, 29. 130 רו"כ מזומן. קוויטליך אויף 93 רו"כ. דעם חשבון האט דורכֿגעזעהן דיא אסיפה כוללת דען 18 יוני 1869 אונ בעשטעטיגט; אונטערשריעבען אויף דעם חשבון זענין: דער פרעזידענט. מרדכי זילבערמאנן. קאסירער, אבא גאנז. טשלענים, מרדכי בילענקע. זאב קאָסטעצקי, ברוך שלמה (פֿאמיליע נאמען איז פֿערצוקט), אברהם זאב בראדעצקי.— אָט דיא חברה האט אַ פנים וויא אַ היינטיגע חברה אונ וועט געוויס בליהען, אז דיא לייטע וועלין זיך נאָר האלטען אָן דיא תקנות אונ וועלין ניט דערלאָזען צו קיין כפליאָטקים, צו קיין אינטריגען, וואס דערפֿון שטאַממט ארויס מחלוקת, אונ דאס איז וויא דיא בראַנד וואס חאַפט זיך אריין אין אַ קערפער אונ פֿעצרעהרט אונ פֿערניכֿטעט איהם אים גאנצען. מיר האָפֿפֿען אָבער אז דער ערפֿאָלג פֿונ'ם ערשטען יאָהר וועט זייא שוין אַנקוראַזשירען ווייטער אזוי צו פֿיהרען.

---

# חברה קדושה

מיר האָבין שוין געשילדערט דאס רעליגיעזע, וועלטליכֿע אונ געמיינדע לעבען פֿון בערדיטשובער יודען, איצט לאָמיר נאָך אַ בליק טהון אויף דעם סוף פֿונ'ם מענשליכֿען לעבען; דער עולם זאגט: „דער טוידט בעווייזט דעם אמת". לאָמיר בעטראַכֿטען וויא אין בערדיטשוב איז פֿאָרצייטענס אונ יעצט געזאָרגט פֿאַר דעם ערדערנעם געפֿעס וואס דרינען האָט זיך אויפֿגעהאלטין אַ צייט דער געטליכֿער אָטהעם, דיא עדלע נשמה.

דאס יודענטהום האָט פֿון תמיד אָן מיט גרויס כבוד בעטראַכֿט דיא ערדישע איינ־הילל פֿונ'ם לעבענדיגען גייסט וואס האט אין איהר גיהערשט, זעלבסט דערנאָך ווענן דיא זעלע איז ארויסגעפֿלויגען פֿון דער ענגען שטייג. דיא גרעסטע אכֿטונג האָט אונזער געזעטץ געבאָטין נעגען אַ טוידטען קערפער, אָהנע אונטערשיעד וואַס דער לעבעדיגער מענש איז געוועזין; בעווייזט אין בעדויערט זאָלל יעדער שטערבענדע ווערין פֿון דיא וואס האָבין זיך מיט איהם אָנגעקעהרט אונ וועלכֿע עס זענין מיט איהם אין נאָהנטער פֿערבינדונג געשטאַנען. מכֿלא איז שוין אויסגעקומען אז דער גרעססערער מענש, וואס האָט זיך מיט זיינע גייסטער־פֿעהיגקייטען, מיט זיינע מעשים טובים אויסגעצייכֿענט, דער האָט געהאט אַ גרעססערן צירקעל וואס האָבין מיטגעפֿיהלט דען שמערץ איבער זיין טויט; אויסער דעם, איז קיין שום אונטערשיעד אין דער בעהאַנדלונג דער מתים,
אללע

אללע נעהען אין לייווענדענע תכריכים, אללע גראָבט מען אַ גלייך קבר, אללע איז מען גלייך מטהר אונ טהוט זייער רעכֿט, אפילו דאס נארישע מחילה בעטען גילט בייא יעדען. עס איז אַ מצוה בייא יודען זיך מתעסק צו זיין מיט דער קבורה. נאָכֿצוגעהן צו דער לויה, ביים אָרימען וויא ביים רייכֿען, ביים למדן, ביים גנעלעהרטען, וויא ביים פּראָסטאק, אונ דאס הייסט „חסד של אמת". דאריבער איז פֿון אַלטע צייטען אין אללע יודישע געמיינדען אַ חברא קדישא, אין איהר זענין דיא גרעסטע לייט פֿון שטאָדט, יעדער שטייערט עטוואס יעהרליך אָדער חודש געלד אין דער חברה קאַססע, חוץ וואס ער גיט ביים איינשרייבען. יעדער בעשעפֿטיגט זיך מעהר אָדער וועניגער מיט בעשטעטונג דער לייכֿען. עס האט תמיד גיגאָלטען פֿאר אַ כבוד בייא יודען צו זיין אַ חברה קדושה מאנן, ווער שמועסט אז איינער האט דיא זכיה גיהאט געוועהלט צו זיין פֿאר אַ גבאי, האט ער זיך טאַקי אָבגעגעבין מיט דער מצוה גאנץ ערנסט. חוץ דעם איז אין אללע אלטע שטעדט פֿאָרהאנדען אַ חברה ביקור חולים (צו נעכֿטיגען בייא קראנקע פֿון אללע קלאססען, אונ צו זאָגען ווידוי מיט גיפֿעהרליכֿע חולאים, שטעהען אונ זאָגין דיא פֿאָרגעשריבענע געבעטע בשעת יציאת נשמה, אונ אָבהעבען), אונ אַ חברה נושאי המטה, וואס זענין זיך מתעסק אלליין מיט אללע מתים פֿון נאָך יציאת נשמה ביז צו דער לעצטע לאָפּאטע דאס קבר צו פֿערשיטטען. אללע מיטגליעדער האבין עס נאָר געטהון לשם מצוה, נישט פֿאר דעם מינדעסטען אינטערעססע; אויסער איינער אָדער צווייא חברה קדושה שמשים וואס פֿלעגין נעהמען געצאָהלטס. — וואָלטין נאָר נישט געוועזין מאַנכֿע מיסברייכֿע אונ אונפּאַסענדע מנהגים, וואס האָבין זיך איינגעשלייכֿט אין דיא חברות קדושות, וואַהרשיינליך אין שפּעטערע צייטען דורך געוויססע אומשטענדע, אונ אַביסיל ווייל יודען זענין דורך זייער שלעכֿטען לאַגע אין מאַנכֿע בעציעהונג, אים גייסט געזונקען אונ דאדורך מאַנכֿמאָל ניט געפֿיהלט אז זייא געהען אַוועק פֿון דעם הייליגען פּרינציפּ אויף וועלכֿעס דיא חברה קדושה איז געגרינדעט — גלייכֿהייט נאך דעם טויט אונ אכֿטונג פֿאר דעם מת, מיט דעם וואס זייא האָבין איינגעפֿיהרט פֿאר אַ תקנה, בייא יעדער פֿערזאַמלונג דער חברה, פֿון יעדען מת פֿאר חברה געלד צו טרינקען, אונ ווידער נאך בעליעבען זיך אויסצוביטהען קבורה געלד, אונ לאָזען דאס מת ליעגען ביז מען גיט ניט על כל פנים משכנות אויף וויפֿיעל זייא פֿערלאנגען; וואָלט נאָר דאס נישט געוועזין, פֿערדיענט געווים דיא חברה גענאַננט צו וועַרין „קדושה" — דיא הייליגע.

דאַריבער קענן מען דערקעננען אַם בעסטען דען קאַראַקטער פֿון יעדער יודישע געמיינדע, אָן דער אַרט וויא דיא חברה קדושה איז געפֿיהרט געוואָרין פֿאָרצייטענס אונ יעצט. דאס בית עולם, דיא מצבות זענין דיא בעסטע עדות. טרעפֿפֿט מען דאָרט אַ גוטע צוים ארום, אלטע מצבות גוט ערהאלטען, כמעט אויף אללע קברים עפּיס אַ צייכֿען, איין אלטער פנקס, אַ בוך וואו עס זענין איינגעשריעבען אללע וואס ליעגען דאָרט כסדר, כדי מען זאָלל קעננען לייכֿט געפֿיננען יעדענס קבר, דאס בעווייזט אז דיא גבאים האָבין תמיד מיט שכל אונ טרייא פֿערוואלטעט דיא חברה; פֿערקעהרט איז אַ צייכֿען אז דאָרט איז מען ניט געשטאנען אויף דער מדרגה.

קוממט מען אין בערדיטשוב אויף דיאביידע הייליגע ערטער, דערקעננט יעדער אויפֿמערקזאַמע בעאָבאכֿטער, אז גאר אין אלטע צייטען האָבין געמוזט זיין גוטע גבאים אין דער חברה קדושה, נאָר מיט דער צייט איז עס פֿערנאכֿלעסיגט געוואָרין. דאס גאנץ אלטע בית עולם איז ארומגעצוימט מיט אַ שטארקער ציעגעל מויער, נאָר אויף טהייל

ערטער איז זיא וויא עס שיינט איינגעפֿאללען אוים אלטקייט, האט מען שוין פֿערשטעלט מיט שטיקער הילצערנעם פארקען. דאָך פאססען זיך דאָרט גאנץ פֿיין ציעגען, אַ בעווייז אז עס זענין דאָ אריינגעגנג פֿאר זייא. מצבות זענין גבליבען זעהר וועניג, טייכטענס שטיינערנע, אויך יונגרע הילצערנע. זייא זענין צעשטרייעט, נאָר אויף טהייל ערטער טרעפֿפֿט מען גאנצע גרופפען, אַם מייסטען אויבענאָן זעהט מען עטליכֿע שורות. מיר האָבין זיך מיה געגעבין צו געפֿינֿען דיא עלטעסטע מצבות, בעזאָנדערס פֿון גזירת ת״ח, עס איז אָבער אוממעגליך געוועזין; דענן מייסטענטהיילס זענין זייא כטושטש אונ טיעף פֿערזונקען אין דער ערד, גערארע מיט דעם פרט. נאָר איין מצבה (ר׳ אליעזר בן ר׳ הירש) האָט זיך גוט ערהאלטען פֿון י״ג אייר תצ״ט (איבער 130 יאָהר), זיא שטעהט נאָך פֿרייא גערארע, אונ דיא שעהנע בולטע אותיות זענין גאנץ דייטליך. נעבען דער מצבה שטעהט אַ בוים זעהר איין אַלטער, ער איז אזוי דיק אים אומפֿאנג אז 2 מענשין מיט אויסגעברייטעטע ארמע קעננען איהם ניט ארומנעהמען. בשנת תקל״א איז דאָרט געוועזין ניט איצט גידאַכט אַ שטארקע פעסט, מיר האָבין געפֿונען דייטליך איין מצבה פֿון יענער צייט, זיא איז פֿון איינעם געוויססען ר׳ ליבר, וואס זאָלל ארויסקוממען פֿון דיא פֿערטריעבענע אוים שפאניען, זיין נאָמען דערמאַננט מען נאָך איצט אין בערדיטשוב מיט העכֿסטער אַכֿטונג, ער איז געוועזין אַ גרויסער למדן, וואָהרהאַפֿט פֿרום, זעהר קלוג אונ געלערנט, אויסעראָרדענטליך וואָהלטהעטיג אינ איין עסקן במצוות. בעזאָנדערס האט ער זיך אויסגיצייכֿענט וועהרענד דער פעכט, אונ האָט זיך געפֿאָרעט מיט דיא קראַנקע אונ דיא געשטאָרבענע, ביז ער איז ענדליך אלליין גיפֿאַללען אלס אָפֿפֿער פֿון זיין אייפֿער פֿיר דיא מענשהייט. ער איז געשטאָרבען צום אללגעמיינען בעדויערן אַין דער פעסט, וויא עס צייגט דיא גראבשריפֿט, אונ פֿאָרצייטענס האָט מען נאָך נישט געוואסט וויא היינט צו איבערטרייבען דיאשבחים פֿון טוידטע. זיינע נאַכֿקאָממען עקסיס-טירען נאָך ביז איצט אלס אַכֿטבארע גייסטעסענטוויקעלטערע פֿאמיליע, אונ נעננט זיך מיט שטאָלץ „ליברזאָהן", אויף זיין פֿאָרנאָמען. דיא לעצטע מצבות דאָרט זענין פֿון תקנ׳ח, (71 יאָהר), זעהט מען דאָ נישט גאנץ דייטליך אז אין אלטע צייטען האָט דיא חברה גיזאָרגט פֿאַר אַ שטיינערנעם פארקען, פֿאר אַ גוטען מצבה שלעגער וואס האט געקריצט אויסגיצייכֿענט שעהנע דייטליכֿע בוכֿשטאַבען בולט מיט פאססענדע פֿער-ציערונגען. נאָר מיט דער צייט איז דיא חברה געזונקען, חאָטש בערדיטשוב איז גרעססער גיוואָרין אונ דער וואָהלשטאנד האָט געבליהט. מיר זענין געניינט צו גלייבען אונ דאַכֿט זיך יעדער אונפּאַרטהייאישע מענש וועט מסכים זיין צו אונזער מיינונג, אז דאס איז אזוי פֿערוואהרלאָזט גיוואָרין, זייט דער צייט וואס דער חסידיסמוס האט דאָרט אזוי שטארק איבערהאנד גענוממען. זייא האבין גאָר קיין געפֿיהל נישט פֿאַרגעשיכֿטע אונ ארכע-אָלאָגישע מאָנומענטע, דאַריבער איז קיין וואונדער נישט וואס אין בערדיטשוב, אַ יונגע שטאָדט (אים פֿערגלייך מיט דיא אלטע יודישע, שוין ניט צו רעדין פֿון פראג, וואָרמס, לובלין וכדומה, וואס מען געפֿינט ביז איצט נאָך פֿיעל גאנץ אלטע מצבות), צום סוף איז שוין אויף דעם אלטען בית עולם כמעט קיין שפור ניט דאָ פֿון דיא אלטע גרעבער. קיין פנקס מאן דכר שמיה, קיין רעגיסטער פֿון דיא נפטרים האט מען גאָר נישט וואס צו רעדין. אבי אויף דער אויסענווייניגסטער וואנד שטעהט אויף עטליכֿע שטעללין: כהנים זאָללין נישט נאָהנט צו געהן. דאָרט מיזען וואַהרשיינליך ליגען אַזעלכֿע וואס מען פֿלעגט פֿאָרצייטענס לעגען אונטער דעם פלויט: מאבד עצמם לדעת, „גרויסע פֿערברעכֿער.

היינט

היינט זענען דיא ביינער פֿון עהרליכֿע פֿרוממע מענשין מקנא דיא שלעכֿטע; לעצטערע ליעגען זיך רוהיג אונטער אַ מויער, קיינער קענן זייא נישט טרעטין מיט דיא פֿיס, און כהנים טארען גאָר אין זייערע ד׳ אמות קיין פֿוס נישט שטעללין, און אויף יענע דאָפּטשעט מען, ווייל מען ווייסט שוין גאָר נישט אויב דאָרט זענען גאָר קברים, און ציעגען עססען דאס גראָז וואס וואכסט אזוי שעהן פֿון דעם פֿעטטקייט וואס זייערע פֿערפֿוילטע קערפּער גיבען צו. אַ פינקס, אַ רעגיסטער איז אוודאי פֿאָרצייטענס געוועזין, יעצט גאָר נישט.

נאָך אַ בעוויז אז דיא פֿערנאַכֿלעסיגונג און דיא אונאָרדנונגען האט מען נאָר צו צו-שרייבען דעם חסידיסמוס, דאַרף מען נאָר ארויסגעהן אויף דעם צווייטען גאָטטעסאקער וואס איז געגרינדעט געוואָרין תקנ״ח, שוין ווענן דיא חסידים האָבין איבעראַלל דיא אָבערהאנד געקריגען, פֿון אָנהייב אָן איז שוין קיין אָרדנונג ניט איינגעפֿיהרט געוואָרין. דאס נייע בית עולם טהיילט זיך אויך אין צווייא אבטהיילונגען — דאס אלטע און דאס נייע. דאָך איז אונז שווער געוועזין ארויסצופֿינדען דאס יאהר ווענן מען האט אָנגעהויבען לעגען אויף דעם נייען. דיא קברים זענין קאָפּ אויף קאָפּ, אָהן אָבגעטהיילטע וועגען און סטעצקים, אזוי אז מען מוז טרעטין אויף קברים. דיא מצבות זענין מעהרסטענס היל-צערנע, און זעלבסט דיא ווייכֿע זאַמדשטיינערנע זענין על פי רוב געשטיצט אויף היל-צערנע פֿונדאמענטע, נאָר דיא ארבייט איז נאָך ערגער, קיין פֿאָרם, קיין אותיות, קיין צווישענרוים צווישען איין וואָרט און דעם אנדערן, דערבייא שוויבעלט און גריבעלט יעדע מצבה מיט גראָבע גרייזען, איז עפּים אַ חידוש אז עס איז אונמעגליך צו לעהזען אפילו דיא נייע, מכל שכן אלטע מצבות. אויף שלימזל איז דאָך שוין אזוי אין דער וועלט — אללע שטוממע רעדין אַ סך: דיא בורים וואס שרייבען דאָרט אויף דיא מצבות, האָבין נאָך ליעב אסך אָנצופלוידערן און פֿליעהען אין היממעל מיט זייער פּאָעזיע. שבחים זעהט מען דאָרט, אז דיא גרייזען זאָללען דאס ניט אָבלייגענען, וואָלט מען באמת אין 100 יאָהר אַרום געמיינט אז אונזערע דורות זענין געוועזין סאַמע מלאכים, „איש חשוב" איז דער טיטעל פֿון דעם מינדעסטען. דענקט איך וויא וועניג פּיעטעטסגעפֿיהל דאָרט איז. — אין דער ערשטער חאָלערא (1831) קענן מען זיך דענקען וואס דאָרט האט זיך געטהון, אין דער ענגער פֿערפעסטעטער לופֿט, האָט מען פשוט ניט אוספּעיעט יעדען אַ בעזונדער קבר צו גראָבען, איז דאָרט דאָ אַ שטיק פּלאַטץ וואס דאָ האָט מען דיא חאָלערע מתים בעגראָבען, איז ער ניט אַרומגעצוימט, און אפילו נישט איין מצבה פֿאר אללע מיט איין אויפֿשריפֿט: „קברת המתים בחולי רע בשנת תקצ״א". פֿיעל וואָלט דאס גידארפֿט קאָסטין? נאָר וואס האט מען צו רעדין פֿון דער צוים, אַ פּנים אויף דעם פּאַרקען אַרום גיט מען יאָ אַכֿטונג. דאס איז נאָר אַ הילצערנער (ער קאָסט געווים אויך ניט וועניג, דערבייא האָט גראָסען אַנטהייל גיהאט, וויא מיר האָבין געהערט, דער ענערגישע גביר ר׳ יוסף ליב קאמינער), נאָר אין פֿיעל ערטער צום איינפֿאללען, אים גאנצין זעהר שוואך און פֿערפֿוילט, אויך זעהר ניעדריג, אזוי אז דאָרט פּאסען זיך גאנץ געמעבליך חזירים, פֿון קיין רעגיסטער איז גאָר ניט צו דענקען, ווענן עס זאָלל ניט זיין איין אויפֿזעהער איין עלטליכֿער יוד וואס טראָגט דאס גאנצע אויף׳ם קאָפּ אויסענווייניג, וואָלט קיינער, בעזאָנדערס פֿרעמדע וואס קוממען אויף קבר אבות, ניט גיקעננט אָבזוכֿען וואו ווער ליעגט, אַזאַ תאָאָס איז דאָרט, אָהן סימנים און אָהן אַ פֿערציי כֿנים. היינט בערעכֿינט נאָר איבער 70 יאָהר שטעהט שוין דאס בית עלמין, אין דער צייט זענין שוין געוועזין עטליכֿע חאָלערעס און אנדערע עפּידעמישע קראנקהייטען, מעג

מען

מען זייא געווים רעכענען צו 2000 מתים דורכשניטטליך א יאָהר, מאַכט אויס 140,000 ליעגען דאָרט נאָך אין אַ גרעסערער אונאָרדנונג פֿון דער וואס זייא האָבין געלעבט, אונ פֿון דער שטארק איבערוויגענדער צאָהל, איז קיין זכר ניט געבליבען אפילו אין אַ בוך.

מיר זענין אויך געוועזין אין דעם שטיביל פֿונ'ם בעדדיטשובער רב ר' לוי יצחק ז"ל, דאס איז געבויעט וויא אַ מערת המכפלה, אין איין אבטהיילונג ליעגט ער מיט דיא זיהן אין דער אנדערער אבטהייילונג דיא פֿרויא מיט דיא טעכטער. מערקווירדיג, מיר האָבין עס שוין אין עטליכע צדיקים-שטיבליך בעמערקט, אז אויף דיא קברים איז גימאַכט אויס האָלץ שוואַרץ אָבגעפֿאַרבט אין אַ פֿאָרם פֿון א זאַרג, דאָ לעגט מען אריין דיא קוויטליך. אַ הידוש, דאס הייסט ניט: „נישט יודיש"; נאָר אַ פנים זייא מעגין. מיליאָנען קוויטליך ליעגען דאָרט אונ לאָמפען ברעננען. בייא דער טהיר זיצט איין איינקיל אונ נעהמט אָב פֿאָשלינע פֿאר יעדע פֿאָר פֿים וואס וויללען אריינגעהן צום צדיק, אָדער ווייבער צו דיא צדיקות, אונ אַ שרייבער זיצט דערנעבען אונ צייכענט דיא קוויטליך.

ביז פֿאר עטליכע יאָהר האט דאָרט עקסיסטירט אַ חברה קרושה מיט גבאים פֿון דיא פֿאָרנעהמע, ביז אינטריגען אונ קריג האבין געבראַכט דערצו אז דאס איז בטל גיוואָרין. זייט דעמאָלט איז דיא פֿערוואַלטונג איבערגעגעבין געוואָרין צווייא מענשין וואס לעבין דערפֿון; אין דער לעצטין צייט איז עס שוין איבערגעגאַנגין צו איינעם בירושה, עס ווירד שוין דארויס אַ יודישע חזקה. מיר ווילען נישט בעהויפטין אז דיא בעזאָלדעטע פֿערוואַלטער מאַכין מיסברויך, זייא מעגין זיין וויא עהרליך, האט דיא זאך אים גאנצין אנגוואָרען איהר הייליגקייט, איהר אלט יודישין קאראקטער. פֿון מענשין וואס דארפֿין שוין מיט בעוויליגונג דער גימיינדע דערפֿון געניעסין, קענן מען שוין נישט ערווארטין קיין שום וועזענטליכע פֿערבעססערונג, זאָלכע קענין שוין נישט זעלבסטשטענדיג אונ לשם שמים זאָרגין פֿאר נייע נעטהיגע איינריכטונגין, זייא האנדלין שוין מאַשינענמעסיג. — מען האט אונז זאגאר גיגעבין אַ חשבון פֿון 4 אונ 5 וואָכין, מיר קעננין פֿון איהם אָבער ניט קלוג ווערין. עס איז אויפֿגעטראָגין איינקינפֿטע פֿון 4 וואָכין 119,85 רו"כ, פֿון וועמין דיא הכנסה איז איינגעגאנגין אונ וויפֿיל יעדער האט גיגעבין מוז מען שוין גלייבין אויף נאמנות. הוצאות דאגעגין זענין אויסגירעכענט: 3 שמשים 22 רו"כ, 4 שמשתים 14,55 רו"כ, מתים פֿיהרער 14 רו"כ, משגיח 8 רו"כ, תיקון עירוב (דיא מתים אין בערדיטשוב דארפֿען אַ פנים איין עירוב) 4.80 רו"כ, שלשה אנשים (פֿאר וואס?) 3 רו"כ, נכד ר' פב"פ (איז דאס אַ מין פענסיע!) 20 רו"כ, לעצמי (דאס איז וואהרשיינליך דער פֿערוואלטער אונ אליין בוכהאלטער) 32 רו"כ. דיא אללע אויסגאבען שטעהן אין איין רובריק אונ צוזאממענגערעכענט 118.35 רו"כ; דאנן קומט ערשט גרעבער פֿאר 50 קרקעות גרויסע אונ 67 קליינע 5.25 רו"כ, נושאי מטה בעד 4 וואָכין 14 רו"כ, נדבה חודש (ווער איז דיא גיוועזין?) 6 רו"כ, רייניגין דאס וואססער פֿונ'ם אלטין (ניט גאנץ אלטין) אונ נייעם ב"ע (שיינט אז דיא מתים אין בערדיטשוב מישען זיך ניט איינס מיט דעם אנדערן, אין איין ברוננע איז וועניג צום טובלין) 8.82 רו"כ, 2 פֿונט ליכט, טינט אונ פאפיער 52 קאָפ', דיא שמשים פֿון דער חברה קדושה מעות חטין (ניט פֿון מעות חטין געלד? נאר פֿון דער חברה קאססע) 8 רו"כ, 21 שאָק ברעטער 5.25 רו"כ, ארבע כוסות למשמשים 8.10 רו"כ (אָה, טאַקי אַ כום וויא חברה קדושה שמש איז געוואָהנט, 3 שמשים קוממט אויס יעדען 2,70 רו"כ אויף אַ שמש, אָדער געניסין נאך אנדערע דערפֿון?!), סטאָראזש ביים משגיח'ם הויז 2,50 רו"כ

רו"כ; דיא צוויטע רובריק בעטרעפט 78,24 רו"כ, צוזאממען 196,59 רו"כ. וויזט זיך אוים אז דיא פֿערלוואלטער האבין דערלעגט 76,74 רו"כ דעם טאטענס ירושה. — פֿון 5 וואָכֿין איז דיא הכנסה גיוועזין 198,75 רו"כ, הוצאות 3 שמשים 27.50 רו"כ, 4 שמשתים 18,19 רו"כ, מתים פֿיהרער 17,50 רו"כ, משגיח 10 רו"כ, תיקון עירוב 3,25 רו"כ, שלשה אנשים (אפשר אברהם אבינו'ס אורחים) 3,75 רו"כ, נכד ר' פב"פ 25 רו"כ, זיך 40 רו"כ; חופרים 53 ג' 88 ק' 29,10 רו"כ, נושאי מטה 13,75 רו"כֿ, נדבה חודש 6 רו"כ, 14 זאסטיפים נייע 3,20 רו"כ לכותב 4 רו"כ, 5 לאָפאַ־טים 1 פֿונט נרות 55 קאפ', קוויטאנציע ליורשי דא"ק ט"ב 1,65 רו"כ, טינט 15 קאפ', סך הכל 203,59 רו"כ. צוואר פֿיעל ווענינער, נאר אלץ דערלעגט 4,84 רו"כ. פֿון וואנין נעהמען דיא ביעדנע לייטע צו דערלעגין? וואהרשיינליך ווארטין זייא אויף אַ פֿעטט מתיל, ווענין זיא זיך אָבזוכֿין. — זאגט איך וואס איהר ווילט בער־דיטשובער נכבדים אז דיא אָרדנונג איז גוט, האט אונז ניט פֿעראיבעל, אונז גיפֿעללט זיא כלל וכלל ניט. חלעבין עס איז ניט ווערטה דאס וואס טינט האט געקאָסט אזא מין בוכֿהאלטונג. — וואס העלפֿט דאס אבער אז אויף אללעם איז מאָנאָפאָל, און דאס איז דאס בעסטע סיסטעם, יעדער וויללֿ זיך זיין אַ שענער יוד און ניט מבטל זיין איינגע־פֿיהרטע תקנות, טאָמיר וועט מען איהם איבער 120 יאָהר ניט וועלין צודעקין דיא מטה מיט'ם בערדיטשובער רב'ם ווייסע זשיפּעצע, וואס ליעגט וויא אַ רעליקיע אים ארון קודש פֿונ'ם בית המדרש, גאר איין קדושה מיט ספרי תורות, און דאס איז דיא גרעסטע זכיה בייא דאָרטיגע פֿיינע בריה'ס! דאדורך קוממט מען גלייך אין גן עדן אריין.

---

# בילדונגס אנשטאלטין

לאָמיר איבערגעהן צו עפים פֿרעהליכֿערס, האָטש מיר וואלטין דארט אויך געווינשט בעססער, נאר אלץ מעהר אָרדנונג, מעהר נוטצין. אין בערדיטשוב זענין דא 2 קאזיאָ־ננע שולען פערווי ראזראד, און 1 ווטאָראָי ראַזראַד. אין דיא 1 און 2 ראזראַדני וואס זענין אים הויזע ד' ה' ר' משה יצחק הורוויץ זענין מיר גיוועזין בשעת פריפֿונג, האבין מיר געפֿונגען אז דיא קינדער פֿערשטעהן גוט דיא געגענשטענדע, אין דער צווייטין האבין זייא אַ גוטין בעגריף פֿון דקדוק, איבערזעטצין תנ"ך אויף רוססיש סקלאדנע, אין דער ערשטען קלאססע רעכֿנען דיא קינדער זעהר גוט און ערקלערין גאנץ דייטליך רוססיש. אוודאי וואלטין גיקעננט זיין אין דיא שולען מעהר קינדער, נאר ספּאָסיבא דערפֿאַר. דיא בלאסטיטעלים זענין ה' מ"י הורוויץ און ד"ר ראָטענבערג, לעצטער גיט זיך זעהר פֿיעל מיה, בעזוכֿט עפֿטער דיא איהם אנפֿערטרויעטע שולען, שאפֿפֿט נעט־היגע מיטטעל און איבערוואכֿט דען אונטערריכֿט.

אויסערדעם איז דא אַ פריוואט קנאבין פאנסיאן פֿון 2 לעהרער ה' ה' קאָלישער און וויינשטיין, זיא האט פֿריהער געבליהעט, איצט איז זיא געפֿאללין, וויל עס זענין ווענינ שילער און דיא סאָדערזשאטעלים דענקין זיא איפֿצוגעבין, געווים אַ שאָד.

וויטער האבין מיר אָנגעקוקט חדרים איז אַ שרעק צו זעהן, דיא וויסטע דירה,
דיא

דיא פֿערפֿעסטעטע לופֿט, דער ליארם, דיא אונאָרדנונג. אונ אַזעלבֿע זענין דא 180.

שבת-שולע, דיא איינריכֿטונג האָט מען צו פֿערדאנקען דעם דארטיגין ראב-בינער ה' פעסים, ער פֿיהרט עס שוין מיט ענערגיע עטליכֿע יאָהר אונ עס געהט גאנץ גוט. שבת נאָכֿמיטטאָג קוממין זיך צונאויף 60 אונ מעהר שילער פֿון פֿערשיעדע האנד-ווערקער אונ משרתימליך אונ לערנין דארט חומש, דאווינין אונ רוססיש. ה' פעסים האט צוגעצויגען נאך מענשין צו זיך וואס העלפֿין איהם אונטערריכֿטען אונענטגעלטליך, זייא פֿערדיענען מיט לויב אונ דאנק ערוועהנט צו ווערין: ר' דוד הירש פאָהליאַק, ר' אהרן פערלצוויג, ר' יחיאל ליבערזאָהן, ה' גאָלדפֿארב, ה' טערנאָווסקי קאַנדידאנט, אונ ר' משה מאיר סאָקולאָווסקי לערנט זייא שרייבין אין אַוואָכֿין טאָג. דיא תלמידים פראָפֿעטירען פֿערהעלטניסמעסיג פֿיעל. ניט לאנג האט ה' פעסים געקריעגין 100 רו"כ פֿונ'ם מיניסטעריום דער אויפֿקלערונג (דער פֿון געהט אראָב 10 פ"צ אויף אינוואלידען) צום אויס האלטין דער שולע, וועט ער פֿערשפֿאָרין צו זאממלין נדבות.

מעדכֿען-פאנסיאָנען זענין דאָרט 3, איינע האלט אַ דייטשקע, אין איהר געפֿיננען זיך 25 יודישע מיידליך אונ 7 קריסטליכֿע; דיא צווייטע האלט אַ רוססין, דארט איז אויך אונגיפֿעהר אַזאַ פֿערהעלטנים, איןביידע ווערין דיא קינדער זעהר מילד בעהאנדילט אונ פֿערשטעהן גוט דיא געגענשטענדע, איןביידע ווירד אונטערריכֿטעט יודישע רעליגיאן; מיר האבין גראד געטראָפֿין בשעת ה' קאלישער האט אין דער רוס-סישען אונטערריכֿטעט רעליגיאָן, האבין דיא קינדער זעהר בעפֿריעדיגענד געענטווערט אויף אללע פֿראגין, דיא דריטטע „Первонач. част. дѣвич. пансiонъ" האלט אַ יודין, דאָרט געפֿיננען זיך ביז 90 שילערינען. מיר זענין געוועזין בשעת עקזאַמינים, האָבין קליינע מיידליך אויסגעצייכֿענט גוט ערקלערט מיט אַ שענער אויסשפראַכֿע, רוססיש, דייטש, אויך פֿראנצעזיש, דעקלאמירט גערדיכֿטע, געשריעבען פֿאַסט אָהן פֿעהלער אויף דער טאַפֿעל, אנאליזירט אונ ערקלערט, אויך רעכֿנען, שענשרייבין אונ האנד-ארבייט לערנט מען זייא. וואס עס איז אונז בעזאָנדערס ליב געוועזין צו הערין, דיא פיצליך קינדער האבין איבערזעצט דאס גאנצע דאווינין אונ פרק (רוססיש נאך ה' לעווין) פֿאָרטרעפֿליך. — מערקווירדיג אין בערדיטשוב וויא כמעט איבעראַלל שיקען דיא פֿרים-מסטע זאָגאר חסידים עהער מיידליך אין דיא שולען, איידער יונגליך. מיר ווייסין, בייא זייא הייסט עס — אַ יונגיל איז אַ שאָר אָבצורייסין פֿונ'ם לערנען, אונ אַ מיידיל מעג לערנין שפּראַכֿען אונ אנדערע געגענשטענדע; דאבייא איז עס אויך בעקוועהמט פֿאַר דיא עלטערן, זייא פֿערשפֿאָרען אכֿטונג צו געבין אויף זייא אין דער היים. אפשר דענקען זיך אנדערע זייא וועלין דאדורך קוממען צו אַ בעססערן שידוך, אַ גוט לערינקינד איינזעטצען, ווייל דער מחותן וועט רעכֿנען, זיא וועט זיין דיא אשת חיל, זיא איז דאך שוין אַ מלומדת, אונ דער זוהן וועט בלייבין ביים לערנען. — אין אונזערע אויגין איז דאס שוין אַ מודה במקצת — קודם כל זענין זייא שוין מודה אז וועלטליכֿע געגענשטענדע אונ שפראַכֿען זענין ניט אפיקורסית, אז ניט טאָר מען קיין מיידליך אזוי גוט ניט לאזין שפיעלען מיט פֿייער וויא יונגליך. זייא שטיצען זיך דאך נאר אויף דער גמרא: „כל המלמד את בתו תורה כאלו מלמדה תפלות", דאריבער לאזין זייא דיא טעכֿטער ניט לערנין גמרא; דאס בערעכֿטיגט זייא אבער נאך נישט צו לערנען אזעלכֿע געגענ-שטענדע וואס פֿיהרען אראָב פֿונ'ם דת, איז געדרונגען אז זייא אליין זענין איבערצייגט

מען קענן אללעס קעננען און דאבייא בלייבען א גאנץ עהרליכער יוד. נאר עס איז זיך
שווער אבצוגעוועהנען פון'ם אלטען שטייגער, ובפרט אז עס זענין נאך דא אזעלכע וואס
שרייען דארויף נאגעוואלט, מייסטענס פוסטע הסידים, בעזאנדערס אבער מלמדים אויס
אינטערעססע, און איטליכער האט מורא אויפצוברעכען, ער איז געבונדין מיט פרנסה,
מיט קרעדיט, מיט דעם כבוד, מיט שידוכים, אן דעם רבין, אן זיינע אגענטען, אן
דיא טעללער לעקער וואס ליעגען דיא צדיקים אין דיא אויהרען, מען מעג זייא רופין
ביים רעכטין נאמין — זייערע געהיימע פאליציע. דערוויל זעהט עס אויס וויא איינער
רעדט: „איך וויל מיך נאך האלטין ביים אלטין, מיינע אייניקליך לאזין שוין זיין וויא
נאטט וויל, אבי איך בין ריין”. זייא מעגין באמת גאנץ זיכער זיין אז דיא מיידליך
וואס ענדיגין אפילו איינע פון דיא פאנסיאנין, וועלין זייא שוין זייערע קינדער אנדערש
ערציהען, און דער עיקר איז דאך דיא מאמע, דיא ווירטין אים הויז. נאר מיר
זענין שטארק מסופק אויב דיא מיידליך וועלין זיך לאזין פערשלייערן מיט איין אויס-
געוויקט יונגעלע, א מין אייניקיל מיט פערגלייזטע אויגין און א געגאלט קעפיל; חיבא
דיא עלטרן וועלין זיא צווינגען; אזוי וועט זיא מיט איהם לעבין. דיא פאלגין פון זאלכע
שידוכים זענין יעדין בעקאננט. דערבייא דאכט זיך אין חסידות אריין וועט יענער מחותן
עובר זיין אויף „בהמתך לא תרביע כלאים”, און דער כלה'ס פאטער וועט זיך אפשר
איבערלעגען „וויא קומט דער קרבן (זיין געבילדעט קינד) צו דעם מזבח (צו א חסידיש
פיין בחוריל וואס נעהמט אין זיך אריין תיקון וויא דאס מזבח נסכים)? וועט ער וועללין
מיט איהר שוין א פאססענדען שידוך טהון, ווא וועט ער קריגין? אז ער לאזט זיינע זיהן
ניט לערנען וויל יענער טהוט אזוי, און יענער קוקט אויף איהם. — דאריבער וואלט
א יושר גיוועזין, אז דיא וואס פערשטעהן שוין אז עס איז קיין פערברעכין מיידליך צו
בילדען, זאללין זייא טאקי אין זייער אייגענעם דאפפעלטין אינטערעססע דיא יונגלעך
אויך גוט ערציעהן, ערשטנס זייא לטובה, און צווייטענס יענער זאלל נאכטהון, וועלין
ביידע האבין מיט וועמין זיך משדך צו זיין. — מיר זאגין איך נישט דווקא אין דיא קא-
זיאננע שוללען; ממילא דענקט דיא רעגירונג זעהר גוט מיט אונז, נאר לעכטפאכט
זאלל אויך בלייבין צו פערגרעססערן דיא אללגעמיינע איעזדנע שולען. היינט
בערעכענט וויפיעל געלד יודען געבין אויס אויף דער איינזייטיגער ערציהונג, וואס פון
100 געהט קוים ארויס איינער וואס קענן עפיס לערנען, און פון דיא קוים איינער וואס
בלייבט ביים לערנין, און נאך וועניגער וואס ערנעהרין זיך דערפון בריוח און בכבוד.
ווארין רבנים אין קליינע שטעדטליך, דיינים און מלמדים, האט מען ניט וואס מקנא
צו זיין.

עס איז קיינע מעגליכקייט גענויא צו בערעכנען וואס דיא חדרים שלעפין ארויס
געלד ביים פאלק אין בערדיטשוב. נאר מיר קעננען שלעניש זיך מאכין א בעגריף. עס
איז גענוג פון דעם פרינציפ אויסצוגעהן, אז יעדער מלמד אין לוידין און אין צרות
דארף פערלעבין א יאהר, איינער מעהר דער אנדערער וועניגער, אבער אים דורכשניטט
דאס וועניגסטע קאפ אויף קאפ 180 מלמדים צו 200 רו"כ, איז שוין 36000 רו"כ; דירה
דארף דער דרדקי מלמד א גרעססערע, וויא ענג ער מעג זיטצין, דער גמרא מלמד איין
אלקער, טהייל קנעללען אין ביהמ"ד, ביעדנע קענן אויסקוממען אויף א מלמד 40 רו"כ,
בעטרעפפט 7200 רו"כ; בעהעלפערס מעג מען רעכנען לכל הפחות אויף יעדען מלמד
איינעם, ווארין ווענן דער הלכה תוספות מלמד ברויך שוין קיין בעהעלפער, דערפאר
דארף

דארף דער דרדקי עטליכֿע, אויך דער גמרא מלמד; גאָר וואָלוויל קאָסט דורכֿגעננינג אַ בעהעלפֿער 100 רו"כ, האבין מיר נאך 18,000 רו"כ; היינט ווא איז ראש חודש געלד דעם מלמד, דעם בעהעלפֿער אונ דעם בעהעלפֿעריל, לעכֿט וכדומה קלייניגקייטין, לאָמיר אָננעהמען גאר וואָלוויל צו 10 רו"כ אויף אַ חדר, בעטרעפֿט 1800 רו"כ; בעהייצונג אין טהייל אונ וואססער קנאפּ אללע צו זאממען 1000 רו"כ, צוזאממען קאָסטין חדרים מיט מלמדים 64,000 רו"כ. דיא 3 קרוינס שולען קאָסטין געווים 7000 רו"כ, אונ דיא תלמוד תורה מיט שווערער נויט 2200 רו"כ. קאָסט אין בערדיטשוב דיא ערציעהונג דער מעננליכֿען יוגענד אונגעפֿעהר 73,000 רו"כ, חוץ פריוואט לעהרער וואס גיבען שטונדען אין פֿערשיעדענע געגענשטענדע, מעג מען אויך רעכֿנען האלב אומזיסט 2000 רו"כ. אַ שפאס 75,000 רו"כ! —

עבען זאָ שווער איז צו דערגעהן וויפֿיעל קינדער עס לערנין אין דיא אללע אנשטאלטין, מיר מוזען אויך נאר זוכֿען משער צו זיין: בייא דרדקי מלמדים פֿיעל, בייא גרויסע כתות וועניג, דאכֿט זיך מען מעג אננעהמען צו 20 אויף אַ מלמד, זענין 3000 קינדער; קאָסטעט דורכֿשניטטליך אַ קינד איבער 20 רו"כ, דאס קאָסט געווים, וועגן ניט מעהר; אונ דאס פֿאללט מעהרסטענס אויף דעם מיטטעלן אונ געמיינעם בעל בית.

וואלט ניט גלייכֿער גיוועזין דיא געמיינדע זאלל בעססער זארגין אללעם צו ארדנען אויף דעם שטייגער: אויסגעהן פֿון דעם גרונדזאטץ אז דער עיקר איז דיא רעליגיע, נאר מען דארף עפּיס פֿאר דער וועלט, פֿאר דער מדינה, פֿאר דעם קינדס תכלית אויך זארגין; מען דארף דער רעגירונג צוליעב טהון אונ איהר ענטגעגין קוממען אונ דערמיט מקדש השם זיין, אונ וויזין וואס יודען זענין, אז בייא זייא איז דיא ערשטע פֿפֿליכֿט קינדער ערציעהן. אַ שטייגער, מען זאלל מאכֿין אין יעדער גאס פֿערהעלטנישמעסיג דער בעפֿעלקערונג, איינע, צווייא, אדער דרייא עלעמענטאר שולען (גיט זייא אַ נאמען דרדקי חדרים); דאכֿט זיך וועט גענוג זיין אויף גאנץ בערדיטשוב 15 שטאט דיא דרדקי חדרים. יעדע שולע זאָלל אויפֿנעהמען 100 קינדער, נאר עס זאללין זיין 2 אבטהיילונגען, אין יעדער אבטהיילונג 50 שילער. דערצו זאלל מען דינגען 2 גערייטמינע צימער, רעכֿנען 100 רו"כ; 2 לעהרער (מעג זיין 1 דרדקי מלמד אונ 1 לעהרער זאגאר 2 מלמדים אויב זייא זענין פֿעהיג צו לערנין מיט אנפֿענגער רוססיש ליינען אונ צאהלען אונ אָנהייב שענשרייבען) צו 300 רו"כ; אַ בעהעלפֿער 100 רו"כ; איין אונטערבעהעלפֿער 50 רו"כ; בעהייטצין, בעלייכֿטין אונ וואססער 50 רו"כ; פֿערשיעדענע קליינינקייטין 25 רו"כ. וועט קאָסטין אַ שולע 925 רו"כ, אללע 15 שולען 13,875 רו"כ; קוממט אויס אויף 1500 שילער, צו 9.25 רו"כ, אדער 77 קאָפּ' אַ חודש. וועלכֿין אריממען קאָסט ניט דאס חדר מיט דיא נעבין זאַכֿין וועניגסטענס אזוי פֿיעל. —

אין דיא שולען זאלל מען אריינגעהמען קינדער ניט יונגער פֿון 6 יאָהר, אונ אָנהייבין מיט זייא אל"ף בי"ת נאך דער נייעסטער מעטהאָדע, קען מען ברענגין מיטטעלמעסיגע קינדער אין אַ יאָהר בהדרגה זייא זאללין געלייפֿיג זאגין עברי, אויסענווייניג קעננין קריאת שמע, אפשר אויך אשרי, אונ ברכת הנהנין, אויך אנהייבין חומש. נאך אונזער מיינונג איז גלייכֿער בראשית, דאס ווירקט שטארקער אונ איז אנציעהענדער פֿאר קינדישע פֿהאנטאַזיע. נעבין דעם לערנען זייא שפּיעלעדיג רוססיש לעזין, אַ פּאָר אינטערעסאַנטע פֿאבלען אויסענווייניג, זייא זאללין אויך פֿערשטעהן דען אינהאלט אונ וויססען וואס איטלעכס וואָרט בעטייט. ציפֿפֿערן צייכֿנען אונ דערקעננען אונ צוזאממענשטעללען צאהלען

פֿון

פון 2 אדער 3 ציפפערן. אנפאנג שענשרייבן יודיש אונ רוססיש. — דאס אללעס וועלין גוטע לעהרער מיט פעראגאגישע פעהיגקייטן אים. שטאנד זיין צו לייסטין אין 6 שעה טעגליך, פון 9 ביז 12 פארמיטטאג, אונ פון 2 ביז 5 נאכמיטטאג. אונ אזוי פיעל קענן א יודיש יונגעל בלייבן אין חדר, עס זאלל איהם ניט אנשטרענגען. נאטירליך אין מיטטען מוז מען זייא לאזין אללע מאהל אויסרוהען, זיך שפילען אונטער אויפזיכט אונ איבערהויפט זאל מען מיט זייא ניט שטרענג פערפאהרען, דאס קינד זאל ניט בעטראכטען דאס חדר פאר א תפיסה, דעם מלמד פאר א קאט אונ דאס לערנען פאר א שטראף. דאס איז שוין אין דער פעדאגאגיג בעוויעזען אז מיט מילדע פיהרט מען בייא קינדער מעהר אוים.

ווידער 10 העכערע שולען, איטלעכע זאלל האבין 3 קלאססין, דיא ערשטע קענן זיין געטהיילט אין 2 פאראלעללען, א' אונ ב'; יעדע זאלל אופנעהמען 150 קינדער. דא זאללין דיא אין יענע שולען גוט פארבערייטעטע קינדער אין דער ערשטען קלאססע לערנען: חומש ספר בראשית מיט א ווערטליכער ריינער איבער-זעטצונג, אהן אויסרעדענישין. פונ'ם וואכענדיגין דאווינין וויא מעגליך איז, פירוש המלות; אלגעמיינע אנפאנגסגרינדע פון דקדוק; קורץ געפאסטע ביבלישע געשיכטע, העברעאיש פון דער תורה מיט רוססישע איבערזעטצונג; דיא נעטהיגסטע דינים פון הלכות תפלה. אים רוססישען — געלייפיג לעזין אונ מאנכעס איבערזעטצין; עטליכע געדיכטע אונ פאבעלן אויסוויינינג; אללגעמיינע שפראכרעגעלן אונ דיקטאנדע אויף דער טאפעל. רעכנען —- חיבור אונ חיסור; שענשרייבן, העברעאיש, רוססיש אונ דייטש אונ לאטיינישע שריפט. — אין דער צווייטען קלאססע — שמות ויקרא; משניות; פעלים שלמים מיט דיא כנוים; אויסלעגין לשון קודש; קורצע ביבלישע געשיכטע ביז חורבן בית ראשון. רוססיש — איבערזעטצין, גראמאטיק דיא רעדע טהיילע אונ דאס צייט-ווארט; ריכטיג שרייבען אונ אנאליזירען. דייטש לעזין. כפל אונ חילוק. שענשרייבין. — אין דער דריטטען קלאססע — במדבר דברים, יהושע שופטים (ווענן מעגליך), אנהייבין גמרא מיט רש"י, רש"י פון חומש. דקדוק — פעלים נחים כפולים אונ מורכבים, שמות אונ מלות. קורצע יודישע געשיכטע פון בית שני ביז איצט. דינים פון שבת, יו"ט, ימים נוראים אונ האלב פעסטע, מיט תעניתים גאנץ בקיצור, נאר דאס וואס יעדער יוד דארף וויססען צום פראקטישען געברויך. רוססיש בעססער פערשטעהן, קליינע אויפזעטצע מאכין, גראמאטיק דיא איבריגע רעדעטהיילע קורץ געפאסט, געדיכטע אונ פאבעלן אויסווענדיג אונ איבערזעטצען סקלאדנע אינ'ס דייטשע. דייטש אביסיל איבערזעטצען אים רוססישען, קורצע גראמאטיק, תשבורת מיט אויפגאבען, שעהן אונ שנעלל שריי-בען, מעגליך איך עטוואס רוססישע געשיכטע אונ בעגריפפע פון געאגראפיע. לערנען קענן מען 7 ביז 8 שעה אין טאג — פון 9 ביז 1, פון 2 ביז 6.

דירה וועט קאסטען דאכט זיך צו 200 רו"כ א שולע, מלמדים מיט לעהרער וואס זאללען אונטער זיך איינטהיילין דיא געגענשטענדע אונ דיא שטונדען, קעננען אויף יעדער שולע גענוג זיין 4 (חוץ א שרייבלעהרער), יעדען צו 350 רו"כ, (איינעם דארף מען האבען א סטארשי וואס זאלל לייטען דיא שולע, דער פאר דארף מען איהם געבין א דירה, אדער מעהר געהאלט 150 רו"כ) דארפין זיין גוטע לעהרער, ווארין זייא קעננען אויך זיך בעשעפטיגען נאך אין איין שולע, אדער בייא טהייל בעלי בתים פריוואט שטונדען, פון אנדערע געגענשטענדע, אדער ווידערהאלען. שענשרייבער 150 רו"כ, שולדינער 100 רו"כ, בעהייטצונג, בעלייכטונג אונ וואססער וכדומה 75 רו"כ. מאכט אוים

אוים 2125 רו"כ אַ שולע, 10 צחאָממען 21,250 רו"כ, קוממט אוים אַ שילער לויט 1500 אין אללעַ, צו — 16'. 14 רו"כ (16 . 1 רו"כ אַ חודש) בחצי חנם.

פֿון דיא שולען וועלין דיא קינדער ארויסגעהן מיט אַ גוטען בעגריף פֿון יודען אונ יודענטהום, וועלין וויססען אללעס וואס אַ יוד דאַרף וויססען אים פראַקטישען רעליגיעזען לעבין, אונ שטארקען זייער גייסט צו יודישקייט. דערצו וועלין זייא קעננען דאס נעטהיגע צו דעם וועלטליכֿען לעבען, זייא קעננען שוין אין קיין שטאנד ניט פֿערלוירען ווערין, וועלין קעננען רעדין מיט אַ קריסט, שרייבען אונ לייענען אַ בריוויל, מאַכֿין אַ חשבון, וויססען וויא אזוי דיא וועלט זעהט אוים, אונ וואס אים פֿאַטער-לאַנד איז פֿאָרגעגאנגען. אזוי וויא ניט יעדער טאַטע איז אים שטאנד, אונ ניט יעדעס קינד איז פֿעהיג, אונ האָט חשק וויטער צו שטודירען, אז מען ועט זייא אוועקגעבין צו בעלי מלאכות אָדער אין קלייטען, וועלין זייא טאַקי ארויסוואכסען, פֿיינע מאָראַלישע, רעליגיעזע אונ ניטצליכֿע מענשין.

האָבין מיר שוין פֿערזאָרגט 3000 קינדער, בלייבען נאָך 600, אזוי פֿיעל קענן מען רעכֿנען קינדער מיט מעהר טאַלענט אונ פֿלייס צו פֿערשיעדענע אנדערע גייסטיגע אָדער טעכֿנישע שטודיען. וועלין מיר פֿאָרשלאָגען א פשרה אויף 3 חלקים: פֿערפֿאָל־קאָממנונג אים תלמוד, צום אויסבילדען רבנים, דיינים אונ שוחטים. ניטצליכֿע גוט בעלוינענדע מלאכות, פראקטיש אונ טהעאָרעטיש; אונ אנלייטונג צו סיסטעמאטיש קלאססישער אָדער רעאלבילדונג.

1) אַ ישיבה פֿון 6 כתות מיט אַ ראש ישיבה אַ בעריהמטען רב אַ חריף אַ בקי אונ אַ בעל מדרש, וואס איז אַ גיטער בעל לשון קודש, אונ איז ניט פֿרעמד אין אנדערע חכמות אונ לשונות מיט 800 רו"כ געהאלט, צו איהם נאָך 5 מלמדים אויך בעקאַנטע לומדים אונ קלוגע מענשין מושלמים, יעדען 400 רו"כ; אַ דירה זאָלל מען צורעכֿט מאַכֿין דיא יעצטיגע תלמוד תורה, דאָרטין קעננען זיין זעהר שעהנע גרייטיגע צימער, אז מען וועט טהייל וועגד ארויסנעהמען אונ סקאַסירען איבריגע 3 קלייזליך, גענוג איינס. בעהייצונג, בעלייכֿטונג אונ וואססער וכדומה, אויך 200 רו"כ; 3 לעהרער אויף רוסיש, דייטש, מאַטהעמאַטיק, געאָגראַפֿיע אונ געשיכֿטע, צו 200 רו"כ; ס"ה 3600 רו"כ. רעכֿנען אויף 200 ישיבה'ניקים, וועט קאָסטין איינער 18 רו"כ יעהרליך, אָדער 1.50 רו"כ אַ חודש. 6 יאָהר איז דאכֿט זיך גענוג בייא גוטע מלמדים אונ איינ־געפֿיהרטער אָרדנונג דיא בחורים אויף אַ דרך ארויסצופֿיהרען, זייא זאָללין שוין קעננען זיך אלליין וויטער פֿערפֿאָלקאָממנען, אונ פֿון זייא וועלין זיין טיכֿטיגע רבנים דיינים אונ שוחטים. זייא קעננען זיך אויך לייכֿט פֿאָרבערייטען צו האלטין עקזאַמין אין דער ראבבי־נערשולען אונ וועלין זיין קאַזיאָנני אונ דוחאָווני רבנים. — איין צרה איז נאָר, איטלעכֿע קלאַססע חסידים וועט וועללין אז דער ראש ישיבה אונ דיא מלמדים זאָללין זיין פֿון זייער רבינ'ס פֿאָהן. דאַריבער איז גלייכֿער גאָר צו וועהלען אַזעלכֿע וואס געהערין צו קיינער פארטהייא, אַבי זייא זענין לומדים, עהרליכֿע יודען.

2) אַ רעמעסלענני שולע, אַזאַ שטייגער וויא אין זיטאָמיר, זאָלל קאָסטין 9000 רו"כ, קאָסט אַ שילער 45 רו"כ, $3\frac{1}{4}$ רו"כ לחודש.

3) אַ יודיש פראָגימנאזיום מיט אַ פאראַרעלל קלאססע, צו זאָרגין פֿאַר דיא עלטערן וואס ווילען שוין זייערע קינדער בילדען היינטיג וועלטיג. איבערהויפט אז דיא קינדער האָבין טאַלענט אונ חשק דערצו. דאָ זאָלל מען טאַקי לערנען אללע וועלטליכֿע

געגענשטענדע

געגענשטענדע; רוסיש, דייטש, פראנצעזיש, לאטיין, געשיכטע, געאָגראפיע, כעמיע, פהיזיק וכדומה, אקוראט וויא אין דיא קרוינס אנשטאלטען; דיא מעלה וועט אָבער זיין, דיא קינדער וועלין שבת אונ יום טוב פרייא זיין, אונ וועלין גוט לערנען זייער רעליגיע, ידישע ספרי מוסר אונ אללעס נעטהיגע דאס יודישקיט אין זייא צו בעפעסטיגען. אזא שולע עקאָנאָמיש איינגעפיהרט קענן קאָסטין 9000 רו"כ, אויף 200 שילער, הייסט 45 רו"כ יעהרליך, $3\ ^3/_4$ א חודש.

אין איניגע שולען קעננען איינגעריכטעט ווערין שבת שולען פאר לערניונגליך בייא בעלי מלאכות אונ משרתים'ליך, זייא זאָללין זיך בעססער אויסבילדען. זייא זאָללין מוזען קוממען אהין וועניגסטענס 3 מאָל אין דער וואָך. דאס קאָסט ניט טהייער, לאָמיר רעכנען 275 רו"כ אים גאנצין.

לויט אויפגעשטעללטין חשבון בערך וועלין אללע שולען דארפען קאָסטין 57000 רו"כ, א חילוק אין 17.700 רו"כ געגען דעם וואס דעם עולם קאָסט איצט אָהן א צוועק. בכללות אים דורכשניטט גענוממען וועט קאסטין א שילער בערך 15.83 רו"כ א יאָהר, 1.32 רו"כ א חודש.

יעדער פערשטעהט אז דיא ציפפערן וואס מיר האָבין דאָ אויפגעשטעללט זענין נאָר געשטעלט בערך, עס קענן זיין אז מיר האָבין זיך אירגענד טועה געוועזין, אויף איין אָרט וועניגער, אויף דעם אנדערן מעהר געצייכענט, נאָר בכלל איז דאכט זיך ריכטיג. עבענזאָ האָבין מיר דיא פראָגראמס נאָר פאָרגעלעגט א געוויססע פאָרם, דיא געמיינדע קאָנן מאנכעס ענדערן. אונזער אבזיכט איז נאָר געוועזין צו ווייזען אז מיט א סדר קענן מען א בעססערן תכלית דערלאנגען אין אללען בעציעהונגען, אונ פיעל וועלוולער.

וויען דיא בערדיטשובער פרוממע גרויסע לייט זאָללין זיך נאָר וועללין צום הארץ נעהמען, אז דער יעצטיגער צושטאנד איז זעהר שלעכט, דעם פאָלק קאָסט פיעל געלד, חאָטש דיא צייט איז ביטטער, אונ רובא דרובא אָהן א צוועק, דיא קינדער וואכסען אוים אונ וויסען זיך ניט צו וואס צו נעהמען; זייא זאָללין וועללען בערעכנען וויא דיא רעגיערונג, וויא דיא קריסטען אונטער וועלכע מיר לעבען קוקען דארויף; זייא זאָללין וועללען זיך אומקוקען אז דער צייטגייסט רוהט ניט, אין אללע קלאססען פיהלען שוין עלטערן, אונ בייא דיא פרומסטע חסידישע קוממען שוין קינדער צום שכל, אז קעננען איז נעטהיג אונ ניטצליך אויף דער וועלט, נאָר ווייל זייא האָבין ניט קיין אָרדענטליכע יודישע שולען, חאפין זייא זיך צו וויא צו א פערבאָטענער פרוכט אונ פערבלאָנזין גאָר; זייא זאָללין זיך דערמאננען אָן דעם וויכטיגען וואָרט פון אונזער תלמוד: „כל ישראל ערבים זה בזה", דאס הייסט יעדער בעזונדער אונ דער כלל זענין פעראנטוואָרטליך פאר יעדען איינצעלנעם פעהלער, נאָך מעהר אז מען קענן דאס בעוואָרנין אונ פערהיטען; פאָלגליך יעדעס יודישע קינד וואס געהט אראָב פונ'ם גלייכען וועג אונ פערנאכלעסיגט דאס יודענטהום, פאללען זיינע פעהלער צו לאסט דעם גאנצין יודענטהום, אללע יודען, יעדער געמיינדע, יעדעם איינצעלנען. זייא זאָללין דאס אללעס וועללין איינזעהן, וואָלטין זייא זיך גענוממען דערצו. מיר האבין דאָרט קעננען געלערנט זעהר פראקטישע קלוגע וואהרהאפט פרוממע אונ אייפריגע מענשין, זייא זאָללין זיך נאָר נעהמען דערצו וואָלטין זייא עס בעשטיממט לייכט אויסגעפיהרט. דיא רעגיערונג וועט עס זעהר גוט אויפנעהמען, דערפאר זענין מיר זייא ערוב; מיר האָבין איבער דען פלאן גערעדט מיט גרויסע לייטען אונ מיט איניגע פאָרעטשיטעלס; דיא שול בעהערדע וועט צו פריעדען

זיין

זיין אראב צו פאטערין דעם קלאפאט צו פערזארגין דיא יודישע שולען. אונ דאס זענין מיר איבערצייגט, קוים וועט בערדיטשוב מיט דעם ביישפיעל פאראנגעהן, וועלין אללע אנדערע שטערט אין יענע גובערניעס נאכטהון. דיא שולבעהערדע וועט גאר איבערנעהמען דיא אבעראויפזיכט אין אללעם וואס בעטרעפט דען אונטעררירכט, וועט בעשטעטיגען לעהרער, דיא פראגראמם אונ איבערוואכען אונ קאנטראלירען אויב מען בעפאלגט זייא; דיא אדמיניסטראציע וועט זיא גערן איבערלאזען דער געמיינדע.— נאטירליך מוז דיא געמיינדע איינקוממען מיט א פראשעניע אונ ביילעגען א פריגאוואר ווא עס זאלל שטעהן דייטליך וואס זייא וויללען, אונ אז זייער וואונש איז אללע יודישע קינדער רעגעלמעסיג אונ צוועקמעסיג ערציעהען אין גוט גערעגעלטע שולען. זייא מוזען אבער אויך געבין א בעוויז אז זייא מיינען עס ערנסט, אונ אז זייא זארגין דערפאר דיא זאכע זאלל א קיום האבין, היינו אז זייא גיבען צו דעם צוועק פון דער געמיינדע קאססע. למשל דיא געמיינדע זאלל איבער זיך נעהמען דירה געלד פאר אללע שולען פון דעם קעסטיל צו צאהלען; דאס וועט בעטרעפין אין ערך פון 5000 רו"כ; צו צאהלען פאר 5 פראצענט ארימע קינדער 3000 רו"כ, דערפאר האט זיא דאס רעכט אזוי פיעל צו בעפרייען פון שכר לימוד; זיא ברענגט זיך דערמיט איין א בעזונדערע תלמוד תורה צו האלטין, אונ דיא ארימע קינדער ווערין ערצאגען צעטהיילט אונטער בעל־בתישע; דער נאמען תלמוד תורה בלייבט דאך אין דער ישיבה. 1000 רו"כ אויף קליידער אונ שטיוועליך פאר געמיינע קינדער, צושטייער אויף ספרים אונ ביכער. דאס איז איין ערך פון 9000 רו"כ. דערפאר וואלטען זייא געקעננט פערשפארין דיא 5500 רו"כ ליכט־פאכט, ווארין אז מעהרערע געמיינדע וועלין בעטען זייא וויללען מען זאלל זייא בעפרייען פון דעם שטייער, אונ זייא וועלין זעלבסט זייערע שולען פערזארגין, וועט געוויס דיא נתינה בטל ווערין, נאר גלאט וועט דיא רעגיערונג געבין דיא 5500 רו"כ צו א בעססערן צוועק, אונ דיא בעשטעהענדע שולען שליעסען. חוץ דעם 2200 רו"כ וואס דיא תלמוד תורה קאסט אין לידען אונ אין צרות. איז שוין דא 7700 רו"כ; היינט וויפיעל קאסט דערנעבען. אויף דער ערשטער איינריכטונג זאלל אויך דיא געמיינדע בעשטיממען א געוויססע סוממע, דאס איבריגע איז לייכט דארט צווישען דיא גבירים אונ נגידים צו זאמלען, וויא אויך אויף צו גרינדען א יודישע ביבליאטעק. בייא גוטער פערוואלטונג וועלין אויך זיין עקאנאמישע סוממען, קענן דאס אויך פערווענדעט ווערין צו נעטהיגע זאכען. ווער שמועסט אז דיא געמיינדע אנגעלעגענהייטען בכלל מיט דער טאקסע זאללין געארדנעט ווערין, וויא מיר וועלין שפעטער רעדין דערפון, קענן דאס קעסטיל זעהר גוט געבין נאך 3000 רו"כ, יעדעס יאהר איניגע מלמדים אונ לעהרער וואס האבין זיך אויסגעצייכענט דורך פעהיגקייטען אונ פלייס צו בעלאהנען מיט א מתנה; קראנקע, אלטע אונטערשטיטצען; קינדער וואס צייכנען זיך אוים ביים עקזאמען נאגראדים צו געבין.

מיר מוזען נאך אויף עטוואס אויפמערקזאם מאכין. אים פראגימנאזיום אונ אין דער רעמעסלעני שולע קוממט אוים 45 רו"כ א שילער, דאס איז צו טהייער פאר עלטערן. צוואר וועלין זיך דיא פרוממע אויף דעם פראגימנאזיום ניט מצער זיין, לאז טהייער קאסטין וועט ניט איטליכער אים שטאנד זיין קינדער אריינצוגעבין; נאר דאס איז נישט גיזאגט, מיר רעדין דאך דא מען זאלל אללע צופריעדען שטעללין; ווען ניט וועט אפשר דיא רעגיערונג דאס נישט בעשטעטיגען. עס איז אבער דערצו אויך דא איין עצה; ערשטינם האט ה' ר' משה יצחק הורוויץ שוין אנגעצייגט דער נאטשאלסטווא אז ער

שענקט אַ הויז אויף אַ פּראָגימנאַזיום. צווייטענס מוז מען ניט פֿערלאַנגען אין יעדער שולע זאָלל בערעכֿינט ווערין אַקוראַט מיט דער קאָפּיקע וויפֿיעל זיא קאָסט און אַזוי פֿיעל פֿאָדערן, ניט מעהר ניט וועניגער, מען מוז מאַכֿין אַ הערכה. למשל אין דיא עלעמענ־טאַר שולען קענן מען זעהר גוט שטעללין 12 רובל אַ יאָהר (צו צאהלין פֿאַר אַ זמן 6 רו"כ, מיטטעלע בעלי בתים קוואַרטעל-וויז 3 רו"כ, געמיינע בעלי בתים אללע חודש פינקטליך פֿאָראויס 1 רו"כ און 10 פּראָצענט גאָר אומזיסט), וועט מאַכֿין 16,200 רו"כ; אין דיא 3 קלאַססיגע 18 רו"כ אַ יאהר (9 רו"כ אַ זמן, 4.50 רו"כ אַ קוואַרטיל, 1.50 רו"כ אַ חודש, 10 פּראָצענט גראַטים) 24,300 רו"כ. מאַכֿין שוין דיא בײדערלייא שולען 40,500 רו"כ, דיא געמיינדע ניט צו שטייער (אָבגערעכֿינט אויף קליידער און ספרים 8000 רו"כ, ה' הורוויץ'ס הויז 1000 רו"כ, איז שוין דאָ 49,500 רו"כ, דיא 275 אויף דיא שבת שולען, בלייבען בערך 50,000 רו"כ. פֿעהלין נאָך 7000 אויף אללע 3 העכֿערע שולען, וואס קאָסטין 21,600 רו"כ. קענן מען שוין מאַכֿין אין דער ישיבה פֿאַר דיא וואס קעננין צאָהלען 20 רו"כ אַ יאהר (אַ זמן 10 רו"כ א. ז. וו.), וואָלט גימאַכֿט 4000 רו"כ, אראָבוואַרפֿין 25 פּראָצענט אָרימע גוטע בחורים, מאַכֿט 3000 רו"כ. אים פּראָגימנאַזיום אויך 20 רו"כ אַ יאהר, און נאָר 15 פ"צ פֿרייא (וואָרין געוועהנ־ליך שיקען אַהין מעהר בעמיטטעלטע), 3400 רו"כ. אין דער רעמעסלענני שולע קענן מען רעכֿנען האַלב אָרימע אומזיסט און דיא אנדערע העלפֿט, ד"ה 100 קינדער צו 20 רו"כ, מאַכֿט אויך 2000 רו"כ, צוזאַממען איז שוין דאָ 8400 רו"כ.

צום איינריכֿטען, פֿערוואַלטען און איבערוואַכֿען דער שולען זאָלל מען וועהלען און בעטין דיא רעגיערונג זיא זאָלל בעשטעטיגען אַ קאָמיטעט פֿונ'ם קאַזיאָנני רב, איינעם פֿון דיא מורי הוראה, 2 פֿון דיא פֿרוממע גבירים, 2 פֿון דיא אופֿגעקלערטע, און 2 נייטראַלע, וואס זענין ניט קיין חסידים ניט קיין דייטשען, ווערין אללע פּאַרטהייען זיין בעפֿריעדיגט, זייא זאָללין האָבין אין דער האַנד דיא גאַנצע אַדמיניסטראַציע פֿון דער שולע. חוץ דעם זאָלל אין יעדער גאס געוועהלט ווערין אַ קאָמיסיע פֿון איינגע געניטע מענשין וואס וואָהנען דאָרט און האָבין צייט זיך אָבצוגעבין, אַזוי פֿיעל מיטגליעדער וויפֿיעל שולען עס זענין דאָ דאָרט, יעדער זאָלל קוממען טעגליך אכֿטונג געבין עס זאָלל אללעס געהן וויא דאס פּראָגראַם שרייבט פֿאָר, בעאָבאַכֿטין יעדען מלמד, יעדען לעהרער, יעדעם קינד, און זיך מערקען זייער טעלענט און פֿליים, וואַכֿען איבער אָרדנונג. יעדער פֿון זייא מעג אַ קוק געבין וויא עס געהט אין אנדערע שולען, כדי ער זאָלל וויסען אויפֿמערקזאם צו מאַכֿין בייא זיך וואס דאָרט איז בעססער. אללע וואָך זאָללין דיא קאָמיסיעס זיך צונאויפֿקוממען צוזאַממען מיט דיא בעזאלדעטע לייטע דער שולע און איבערשמועסען איבער דיא נעטהיגע זאַכֿין, און וואס זייא וועלין בעשליעסען זאָללין זייא פֿאָרשטעללין דעם קאָמיטעט, וואס האט אויך יעדע וואָכֿע פֿאַר זיך אַ זיטצונג, נאָר איין מאָל אין חודש צוזאַממען מיט דיא קאָמיסיעס.

מיר אַפּפעלירין בעזאָנדערס צו איינגע איינפֿלוסרייכֿע און אַכֿטבאַרע מענשען וואס יעדער פֿון זייא קענן ווירקען אויף זיין קרייז. פֿון דעם בית דין ווענדען מיר זיך צום מורה הוראה ר' יוזפּא און בערופֿען זיך אויף אונזער געשפּרעך מיט איהם, ער איז אַ קלוגער למדן, דענקט און רעדט זעהר לאָגיש און סקלאַדנע, ער פֿערשטעהט איין עסק, און זיינע ווערטער קעננען פֿיעל ווירקען. — מיר זענין איבערצייגט אַז אין הארץ דענקט דער אנדערער ר' . . . . . אויך בעססער וויא ער

שטעלט

שטעלט] פֿאַר. וויא מען אונז פֿערזיכֿערט זאָלל ער זעהר גוט לערנען, אויסער דעם איז ער ניט פֿרעמד אין ספרי חול, מען זאָגט זאָגאַר ער פֿערשטעהט גוט מאַטהעמאַטיק, אונ דער מענש וואס האט שוין געלערנט אויפֿלאָזען איינע מאַטהעמאַטישע אויפֿגאבע, אונ דורך געוויססע רעגעלן שליעסען פֿון בעקאַננטע איף אונבעקאַננטע צאהלען אונ גרעסען, וויא אללעס מוז ארויסקומען ריכֿטיג מיט דעם שכל אונ מיט זיכֿערע בעווייזע, אַזאַ מענש מוז שוין לאָגיש דענקען, ער ווייסט גאַנץ גוט אַז נול מאָל נול בלייבט אַלץ נול אונ ניכֿטס. מיר בעדויערן זעהר אז אַזאַ בעגאבטער מענש האַט זיך אריינ־גילאָזט צו ווייט אים חסידיסמוס, ניט אנדערש עס רייצט איהם דער שטאָלץ צו זיין דער סאַדוגערער פֿערזאָרגער אין דעם קאנט, אָדער ער קוואָקיט מיט דער צייט אלליין גוטער יוד צו ווערין. דאַריבער פֿאָהרט ער פֿיער פֿינף מאָל אין יאהר קיין סאדוגירא אונ זוימט זיך־דאָרט עטליכֿע וואָכֿין. מיר בעגרייפֿען אפילו נישט וויא דיא שטאדט לאָזט עס צו, ממה נפשך דארף מען איהם נעטהיג, וויא שיקט זיך ערזאָלל אללע מאָל אוועק־פֿאהרען אונ לאָזען דיא געמיינדע, וועניגסטינס זיין קרייז, לעער. אורלויב פֿון דיא פֿאָר־שטעהר, נעהמט ער אוודאַי נישט, דאס איז בייא יודען ניט נוהג; גלאַט ער איז זיך אַ סאַמאָוואָליעץ, ווענן ער ווילל פֿאהרט ער זיך אַוועק, אונ דער עולם וואס דארף איהם לאז זיך שלאָגען קאָפּ אין דער וואַנד. פֿון קהל'ס וועגין פֿאהרט ער נישט, קיינער בעט איהם נישט דאַרום, וואס נוצט איין אומגעבעטענע טובה. אלא קענן מען זיך אָהן איהם בעגעהן, אלס קשה פֿאר וואס קוממט איהם גיהאַלט פֿונ'ם קעסטיל. נאָך אללעס שיינט עס, ווייל ער איז אזאַ קלוגער, קענן זיין זיינע געוויסען פלאַגען איהם וואס ער האט זיך אריינגילאָזט אין חסידות אונ פֿערנאַכֿלעסיגט אללעס; ער קענן אָבער שוין נישט צוריק, דאַריבער זוכֿט ער זיך צו בעטייבען, אונ וויא מיר האָבין געהערט, אויך האבין מיר זיך אלליין איבערציינגט, איז בייא איהם בעשטענדיג אַ בית משתה, אונ אין בית המבֿרש האלט ער אויך פֿון דער משקה; מיט דעם ציעהט ער צו זיך צו חברה, דער־צעהלט זייא נסים פֿונ'ם רבין אונ דערמיט פֿערשטערקט ער זיין איינפֿלוס אויף דעם פֿאָלק. מיר קעננען עדות זאגין וואס אונזערע אויגין האָבין געזעהן.— אַכֿטבארע מענשין האבין אונז נעראָטהען מיר זאָללין ניט אָנמאַכֿין קיין קנאה אונ זאָללין זיין בייא ר׳ . . . . זעניִן מיר צוגעפֿאָהרין, אין פֿאָרהויז האבין מיר געפֿרעגט, האט מען אונז ניזאָגט, ער איז דאָ, מיר קוממען אריין אין שטוב, זיצט מעהר וויא אַ מנין אַרום אַ גרויסען טיש, פֿאר יעדען שטעהט אליהו הנביא'ס כוס (נישט קיין קידוש גלעזליך) מיט רויטהען וויין; דאס טישטוך איז רויטה וויא איינגעטונקט אין בלוט, נאָר גוט פֿער־טריקענט, וויא פֿון נעכֿטען. אויבענאָן זיצט אַ מענשיל וואס זעהט נישט מעהר אויס וויא פֿון אַ יאהר 40, אַ מיטטעלער וואוכס, דאס פנים איז אַנגענעהם, דיא האָר דונקעל רוסיאווע, אַ שעהן מיטטעלמעסיג בערדיל דרובנע קרייזלעך, דיא באַקען פֿערפֿלאַמט, דיא דונקעל־ברוינע אויגען זענין רעטהליך, דאָך בלישטשיט אויס זייא ארויס חכמה, אָנגעטהון אין אַ פיוש זיידענער קאַפאָטע מיט אַ גארטעל אויפֿ'ם בויך, אַ וויילען גלאַנצע־דיגען פֿילצענעם קאפעליש אויבען אריינגעקנייטשט וויא אַ יארמולקע צו נים שפיעלען, דער ברייטער ראַנד ארויפֿגעבויגען וויא אַ וואליק אַרום. אין דעם בילד דערקעננען אללע בערדיטשובער זייער געריהמטען מאן: נעבען איהם רעכֿטס איז געזעסין איין אלטער יוד מיט אַ גרויער באָרד אונ אַ געפּאַסטען קאַרג אונ האט וויא דער פֿאָרזיטצענדע זיך שטארק

פֿערטיעפֿט

פּערטיפּט אין דעם רויטהען זאַפּט. ווייא מיר זענין צוגעקוממען איז שטילל גיוואָרין און דער פֿון אויבענאָן האט זיך אויפֿגעהויבען (נאָך אַ סימן אז ער איז דער בעל בית און אז ער איז אַ מענש וואס ווייסט זיטטען, ניט ווייא פּראסטע חסידים וואס מאַכֿען חוזק אוים דרך ארץ און קוקען זיך אויף קיינעם נישט אום); קוים האָבען מיר אָנגעהויבען צו רעדען צו איהם, ענטווערט ער — ער איז ניט ר' . . . . יענער איז ערשט וואס אויסגעגאַנגען, מיר האבען מיט כוונה געזאגט: „אזוי ער איז ניט אין דער היים, אַ שאָד חלעבין", מיר האָבען אפילו אויף איהם מלמד זכות געוועזען: ערשטענס, קיין ליגענד האט ער נישט געזאָגט, ער איז דאך טאקי אין דעם צושטאַנד ניט געוועזען ער, צווייטענס עך האט זיך געשעמט וואס מיר האָבין איהם געטראָפּין אין אַזוי לאגע, און ווא ווערט ער אונז אויפֿנעהמין אז דיא שטוב איז פֿולל פֿון דורך ווינזויף דערהיצטע חסידים און יונגע לייטליך וואס פּראַקטיצירען אין דער קונץ, און האלטען אין איין האַנד אַ וואססער גלאָז מיט דעם אלטען נח'ס ערפֿינדונג, אין דער אנדערער אַ פּאפּיראָס און זענין מקיים „משנכנס יין יצא סוד" — נאָך יעדען שלוק לאָזין זייא ארוים רויך פֿונ'ם מויל, און דאס איז דאָך שוין לאַנג בעקאַנט אז אינ'ם רויך פֿון טאבאק ליעגט דער סוד פֿון חסידות. תחלת איז אונז אפילו קשה געוועזין, מיר שעמען זיך ניט אויסצוזאָגין, אז מיר האָבין זיך ניט געקענט דערמאנגען, י"ב אלול אַ יודישען יומא דפגרא, לכבוד דעם פּייערטאג ספּאס וואס איז גראָד געפֿאַללין אין דעם טאַג, וועלין חסידים ניט הוליען. שפּעטער זענין מיר ערשט געוואָהר גיוואָרין — עַס איז ר' שלום'ס יאָהרצייט דעם ריזשינער ר' ישראלטשי'ס פֿאטערס ז"ל. עס איז אונז שוין ניט איין מאָל קשה געוועזין, וואס איז דיא גדולה בייא חסידים, אין דעם טאג וואס זייא האבין פֿערלוירען זייער צדיק, שטאַט צו טרויערן ווייא דער יודישער שטייגער, ווייא קוממט עס זייא זאָללין נאָכֿטהון ניט יודען וואס נאָך דער בעערדיגונג און 40 טאג נאך דעם טוידט מאַכֿט מען אַ סעודה פֿון דער נשמה וועגען? נאָר מן הסתם איז רעכֿט על פי סוד. איבריגענס וואונדערט אונז וואס דיא דרוקער מאַכֿין נישט אַ שפּעקלאציע צו דרוקען אַ לוח פֿון חסידים וועגין מיט אללע יאָהרצייטען פֿון דיא גוטע יודען, זייא וואָלטען געוויס פֿיעל אָבגעזעצט. צו וואס ניצט דעם חסיד דעם ליידיגעהר דיא פּראזדניקעס מיט דיא ירידים אין לוח, פֿאַר איהם האבין מעהר אינטערעססע זיינע נייע הייליגע טעג, און ער דאַרף דאס אלץ טראגין אויפֿ'ם מוח אויסענ-ווייניג צו געדענקען. מיר האבין שוין נעקלערט וואס וואָלטין חסידים גיזאגט אז אופֿגע-קלערטע זאלל איינפֿאללען אוים זייערע גרויסע לייט'ס יאָהרצייט אָדער געבורטסטעג ימים טובים צו מאַכֿין, ווער שמועסט זייא זאללין אין דיא טרויערטעג פֿון חסידים זיך פֿרייען, וואָלטין זייא געוויס געשריענן נאגעוואלט — דיא אפּיקורסים טהוען נאך נישט יודען, מאַכֿין זיך לוסטיג אז אַ גוטער יוד איז געשטאָרבין, זייא אלליין מעגין. — נאָך דעם אללעמין קעננען מיר פֿון דעם אמת ניט אוועקגעהן, אז דער ר' . . . זאָלל נאָר וועללין אַביסיל צייט שענקען איבער צו קלערין אונזער פּלאַן, האט ער שכל גענוג איינצוזעהן אז מיר מיינען באמת לטובת הכלל און וועט געוויס ניט שטערען אַזאַ וויכֿטיגע זאַך, מיר זענין איהם חלילה קיין שונא נישט און ראָטהען איהם ער זאָלל זיך נישט אקעגען שטעללין און ניט אינטען אַרום אינטריגירען, ובפרט אז ווייא מיר האָפֿפֿען וועט עס דעם רוב געפֿאַללען; עס קענן איהם שאַדען, ווייא אזוי? דארף מען איהם נישט לעגען קיין פֿינגער אין מויל אריין.

מיר האָפֿפֿין דאָך ער וועט זיך פֿון אונזערע ווערטער ניט בעליידיגט פֿיהלען און דאדורך

דאדורך וויא איף להכעים אונז וועלין צעשטערין א גוטען פלאן וואס מיט זיין קלארען פערשטאנד קענן ער זעהר גוט בעגרייפען וויא ניטצליך וויא עהרליך עס וואלט געוועזין. ובפרט אז מיר מיינען ניט איהם צו בעליידיגען, נאר אויף געוויססע זאכין אויפמערקזאם צו מאכין, ווייל מיר אכטען אונ שעטצין זיין תורה זיין חכמה. מיר האבין דאס גליק ניט געהאט מיט איהם מינדליך זיך אוים צו שמועסען, מוזען מיר עס טהון שריפטליך.—

מעהר רעכנען מיר אבער אויף דען איינפלוס אונ אויף דער קלוגהייט פון דעם דארטיגען גביר ר׳ משה יוסף חאדאראווער, ער איז צוואר אויך א חסיד אונ א מחותן פון ר׳ דוד׳יל טאלנער, אונ חאטש ער גיהערט ניט צו זיין בעזונדער כת, צו דעם אדער יענעם רבי, בכלל האלט ער פון אללע. נאר דאס קענן קיינער ניט לייגענען אז ער איז באמת איין עהרליכער יוד, א למדן, א פרוממער אינ א רעכטשאפפענער מענש, האלט פון ארדענטליכע מענשין, זייא מעגין אפילו ניט זיין קיין חסידים; טהוט זעהר פיעל גוטס פאר ארימע לייט נאך זיין אלט יודיש סיסטעם, מיט זיינעם, אונ דורך נדבות זאממלין; ער אליין גיט זיך אב דערמיט צונאויפצונעהמען געלד אויף הייטצונג ווינטער אונ מעות חטין אויף פסח אונ בעשעפטיגט זיך אלליין מיט דעם צוטהיילען; פראהלט נישט מיט זיין גוטס אונ פערלאנגט נישט קיין לויב, קיין דאנק. מען האט אונז פערזיכערט אז ער דערהאלט דיא ביעדנע ארימע, אונ וואס ער טהוט איז נאר לשם שמים, ער איז ניט קיין צבוע, נאר איין וואהרער בעל צדקה. דערצו איין עושר אונ איין ערפאהרענער סיחרישער אלטער יוד, א גרויסער איש מכובד. מיר ווינשען זיך פונ׳ם גאנצין הארץ אונזער פלאן זאלל נאר איהם געפעללין, זענין מיר זיכער אז ער וועט מיט גאטטעם הילף אנגענוממען ווערין, עס דארף איהם נאר קאסטין איין ווארט, וועלין זיך שוין געפינגען פיעל וואס וועלין עס אונטערשטיטצען, דווקא פון דער חסידישער פארטייא. עס זענין דארט פיעלע דא וואס האלטין מיט חסידים, זייא זענין דאך זעהר קלוגע פיינע מענשין, אורטהיילען זעהר ריכטיג אונ פערשטעהען וואס דיא צייט פערלאנגט. אזוי למשל איז הגביר ר׳ חיים טראכטענבערג א ערליכער מענש וכדומה אנדערע. מיר צווייפלען ניט אז אזעלכע לייטישע גבירים אונ בעלי בתים וועלין איינזעהן אז אונזער פארשלאג איז טאקי אין דער יראה אריין לתכלית ג׳ט. אט דאכט זיך דאס איז דער רעכטער וועג יודישקייט צו דערהאלטען. נאר פון דער פרוממער קלאססע קענן אויסגעהן א גערעגעלטע ערציעהונג פאר יודישע קינדער אויף עכט רעליגיעזעם פונדאמענט. אונ ווער אן גאטט גלייבט, ווער עס האט אים הארצען ליעב זיין אמונה זיין נאציאן איז מחויב דערצו צו העלפין. אונטער שטרענגער אויפזיכט פון קלוגע פרוממע מענשין מוז יעדער מודה זיין אז עס איז קיין אחריות ניט וועלטליכע געגענשטענדע צו לערנען. איז דענן נישט דא צווישען חסידים אלליין מאנכע משלמים, וועגן אויך וועניג וויל זייא פערנאכלעסיגען עס, אבער עס זענין דא, אונ דאס האט זייא גאר נישט געשאדעט.

פון ניט חסידישע אכטבאר׳ע מענשין ווענדין מיר זיך צו ר׳ יוסילי ליכטענשטאדט, ער איז דער מאן וואס קענן אין אללע בעציעהונגען אין דער אנגעלעגענהייט מיטווירקען אונ האפפין אז ער וועט בייא אזא וויכטיגער זאך אוועקלעגין זיין מאקסים, זיך אין אללגעמיינע קהל׳ס זאכין ניט צו מישען, דא האנדעלט עס זיך אין א וויכטיגער זאך לשם שמים אונ ער איז פעהיג דורך זיין אנזעהן אונ זאכקעננטניס פיעל צו ווירקען. — א שאד וואס הגביר ר׳ הירש קאמנקע זיצט נישט בעשטענדיג אין בערדיטשוב

אונ

את ציעהט זיך איבער הויפּט צוריק פֿון געמיינדע אנגעלעגענהייטן; זאָנסט וואָלט ער געקעננט זעהר ניטצליך זיין דער זאַכע.

אונטער אויפֿגעקלערטע העבין מיר הערפֿאָר צוויא איינפֿלוסרייכע אונ וואָהלגע-זיננטע מענשן; הגביר ר' משה יצחק הורוויץ אונ ד"ר ראָטטענבערג. דער ערשטער מיט זיין חשיבות בייא נאטשאַלסטווא, מיט זיין אנזעהן ביים פֿאָלק, דורך זיין וואָהל-טהעטיגקייט, מיט זיין גוטען וויללען יודין ניטצליך צו זיין; דער אנדערער מיט זיין ענער-גיע, מיט זיין בילדונג, מיט זיין געניטשאַפֿט, וויא אזוי דעם עולם צו נייגען, ווייל ער האט שוין פֿיעל גוטעס געשטיפֿטעט אונ דאריבער זיך צוטרויען ערוואָרבען, דאַבייא איז ער דער מענש וואס האט שוין ניט איין מאָל בעוויזע געליעפֿערט, אז דארט ווא עס האנדעלט זיך עפּיס אין איין אַללגעמיין ניטצליכער אנגעלעגענהייט, געפֿינט ער בייא זיינער ערצטליכען בעשעפֿטיגונג צייט אונ אָפּפֿערט זיא גערין דעם טובת הכלל. מיר וויסן עס זענין דארט דאָ נאך אנדערע זעהר אכטבאַרע ערצטע, וויא ד"ר וואָלקענ-שטיין, ד"ר איינהאָרן, ד"ר גאָלדענבערג וכדומה געבילדעטע מענשין, אונ דיא וועלין זיך אויך ניט אבזאָגין אנטהייל צו נעהמען אין דער וויכטיגען זאך. יעדער פֿון זייא האט אבער זיינע פפליכטען קינדער צו ערציעהען, וועהרענד ד"ר ראָטטענבערג האט דיא דאגה ניט, אונ פֿאר זיך איז ער ב"ה פֿערזאָרגט, זענין זיינע וואָהלטהאטען זיינע קינדער. אים אללגעמיינען האָפֿפֿין מיר אז אונטער דיא אללע קלאססין וואס מיר האָבין ערוועהנט וועלין זיך אנדערע ניט בעליידיגט פֿיהלען פֿאר וואס מיר האָבין פֿון יעדער נאר דיא איינציגע אנגערופֿין מיט דיא נעמין. דיא זאך איז צו ערנסט אום פֿון כבוד, פֿון קנאה וועגין זיא צו צערשטערין. איבעריגענס מעגין זייא אונז הייליג גלויבין אז מיר האבין דאָ קיין מינדעסטע אַבזיכט ניט, דיא צו שמייכלען אונ אנדערער אראָבצוזעטצין; דיא פערזאָנען זענין אונז גראָד אויפֿגעפֿאללין אויף דיא געדאנקען מיר וויסן גאנץ גוט אז זייא זענין נישט דיא איינציגע. זייא האבין אבער נאר נישט אנגעוואָרען, זייא קעננען זיך מעהר קונה שם זיין, אז זייא וועלין אין דער טהאַט בעווייזין זייער פֿער-שטאַנד, זייער גוטען וויללען אונ זייער אייפֿער פֿאר טובת הכלל. אונזערער זייטס זאגין מיר צו מיט אללעם מעגליכען אייך בייצושטעהן צו יעדער צייט ווענן מען ווענט זיך צו אונז ווענדען, אינ ווינשען זיך עס זאלל מקויים ווערין בייא אייך: „דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב". דער יודע נסתרות וייסט וויא ערנסט מיר מיינען עס מיט אייך.

---

# דער קלוב

עס איז געוויס איינס פֿון דיא ניטצליכסטע צייטגעמעסע איינריכטונגען, פֿערזאמט-לונגסערטער צו מאכין ווא מען קענן אונזשעניערט אריינקומכען אין א בעססערער גע-וועהלטער געשלאָססענען געזעללשאַפֿט פֿון פֿערשיעדענע קלאססין נאציאָנען אונ רעליג-יאָנען, זיך אונטערהאלטין אינ פֿערשיעדענע געניססע צו פֿערשאַפֿפֿען, וואס איין פֿרי-וואט מענש קענן עס נישט אויספֿיהרען. למשל אז איינער וויל בייא זיך אין דער היים זיך אונטערהאַלטען מיט מענשין, וואס דאס איז איינס דער וויכטיגסטען בעדירפֿניסע דעם

מענשין — איין געזעלליגעס ניט איינזידלעריש לעבין צו פיהרען, — מוז ער דאצו איינגעריכטעט זיין, ער מוז האבין א גרויסע דירה, שעהן מעבלירט, בעלייכטעט און פיעל בעדיענונג; דיא געסט אויפצווארטין און אויף יעדען בעזונדער אויפמערקזאם זיין, קיינער זאלל זיך ניט געפיננען בעליידיגט. נאך אללעס איז עס דאך א קליינער צירקעל און דער גרעסטער עושר איז ניט אים שטאנד אללעס דיא געסט צו ביעטען, און וואס מעהר אריסטאקראטען, מעהר שטייפהייט, מעהר קוקט מען אויף עטיקעטע, מעהר צעהלט מען וויזיטען. היינט הייבט זיך אן מיט דיא טואלעטס, ווער שמועסט אז דאמען נעהמען אנטהייל אין דער געזעללשאפט. דיא פריוואטפערזאמלונגען האבין געוויס זייערע פארטהיילע, דארט ווא מען האלט נאך בייא דיא אלטע זיטטען איינפאכע ערנסטע, דיא פריינדשאפט מאכט קיין שום פראטענציעס. גוטע ברידער זענין זיך צוזאממענגיקוממען ווא עס האט זיך גיטראפפין, בייא דעם, בייא יענעם, אהן פארברייטונגען, אהן בעזאנדערע אויפווארטונגען. היינט איז דאך אבער איין אנדערע וועלט, און יעדער וויל נאכטהון דער מאדע, טהייל שטרענגין זיך אן און דיא וואס קעננען טאקי נישט, בלייבען אויסגישלאססען פון אללע ארדענטליכע גיזעללשאפטען. חוץ דעם שטרעבט היינטיגע צייטין מעהר מען זאלל זיך ניט אבשליעסען אין קליינע קרייזע, פערקעהרט מען האלט עס פאר נוטצליך צור אויסבילדונג דעם גייסטעס מיט מעהר און מיט פערשיעדענע מענשין גידאנקין אויסצוטוישין. דאריבער האט מען ערפונדען דיא קלובס. דארט פאלט אוועק דער יחוס, אללע וואס שטייערן מיט, זענין גלייך, יעדער קען קוממען און אוועקגעהן ווען ער וויל, זיך בעוועגין אין וועלכעס ענגערן קרייז עס גיפעללט איהם, באלד דא, באלד דארט; קיינער איז ניט זשעניערט און אונטערהאלט זיך מיט וואס איהם איז ליעב, און אללעס איז פארברייטעט; צייטונגין פערשיעדענע אויך מאנכע ביכער צום לעזין. טהעע, קאווע און אנדערע זאכין צו גיניעסין וואס יעדענס הארץ בעגעהרט. אזוי וויא היינטיגע צייטין זוכין מענשין זייער צייט צו פערטרייבין שפיעלעריג, געפינט זיך א ביללארד, קארטין טישליך, דאמינא, שאך. מען פלעגט קלאגין אז דורך דיא קלובען ליידין דיא פרויען, דיא מעננער געהן זיך אונטערהאלטין און זייא מוזין זיך אלליין לאנגווייליגן אין דער היים; האט מען היינט איינגעפיהרט אז דאמען זאללין אויך קוממען אין קלוב, חאטש איין מאל אין דער וואך. מען בעמיהט זיך אללע צו בעפריעדיגין און מאכט אויך טאנצאבענדע מיט מוזיק, טהעאטער פארשטעללונגען, קאנצערטע, מאנכמאל צו וואהלטהעטיגע צוועקע, אויך פארלעזונגען. דער נוטצין דערפון איז, יעדער געפינט זיך זיין פערגניגען פרייא. און דאך בילדעט מען צוזאממען איינע גיזעללשאפט, אזוי אז בייא יעדער וויכטיגין גימיינשאפטליכען אנגילעגינהייט געפיננין זיך מענשין פון פערשיעדענע קלאססין, יעדער זאגט אפפין זיין מיינונג, מען איבערלעגט און בעשליעסט, און אללע זענין צופריעדען. דאדורך גלייכין זיך אוים צווישין זיך קריסטען מיט יודין, אריסטאקראטין מיט בירגער, שעטצין און אכטען זיך געגענזייטיג, און פערגעססין דיא פארורטהיילע וואס פלעגין פריהער הערשין פון איינעם נעגען דעם אנדערן.

קיין צווייפעל אז אזא קלוב וואלט זעהר נוטצליך גיוועזין אין בערדיטשוב אין אללען בעציעהונגין. קיין אנדערע אונטערהאלטונגין זענין דארט נישט דא, ניט פאר דיא היינטיגוועלטיגע, וויא טהעאטער וכדומה, ניט פאר דיא פרוממע, ווארין דיא קלייזליך זענין נאר איין אונטערהאלטונגסארט פאר קלויזנער, דיא לייטישע בעלי־בתים און גבירים

לעבין

לעבין אָבגעזונדערט פֿון איינאַנדער, מכל שכן פֿון דיא דייטשין, וועך שמועסט מיט דיא עטליכֿע קריסטען, אפֿילו פֿון דיא בעססערע, גערה מען זיך גאָר נישט אָן. איבערהויפט אזוי וויא בערדיטשוב איז אַ גרויסע האַנדלסשטאָדט און קיין באָרזע איז ניט דא, דיא גאַנ־קעס אין דער אלטער שטאט פערטרעטין ביא טאג דיא שטעלע פון אבערזע, דאס בעדירפֿ־ניס איז פֿיהלבאר געווארין איין פֿערזאַמלונגסאָרט צו האָבין, ווא מען קענן זיך אויסשמועסען אים גרעססערן קרייז איבער געשעפֿטע, אויך איבער גימיינדע אנגילעגינהייטין אָהן פֿערמליכֿקייטין. דאַריבער האט מען גימעגט פֿיעל פֿערשפרעכֿין פֿון דעם קלוב. וויא ניט ליעב עס וואָלט דעם פֿרוממען תחלת געוועזין צו צוקוקין ווא מען שפיעלט אין קאָר־טען, אין בילאַרד וכדומה, מיט דער צייט העטטען זייא זיך גיוועהנט מיט דעם גידאַנקין, אז מען מוז שווייגין צו דיא היינטיגעוועלטיגע זיטטען. דאס וואלט ווידער אַ שטארקין איינפֿלוס גיהאַט אויף דיא אייראָפעאיש געזיננטען, דיא אלטע וועלט צו בע־ריקזיכֿטיגען און זיך אין געוויססע שראַנקין צו האלטין, יענע ניט צו קרענקין, דאס אללגעמיינע וואָהל און דער האנדיל וואָלטין דאבייא פֿיעל גיווינען. מיט דער צייט העטטין אללע מאל מעהר פֿרוממע זיך איינשריבען און דאס איז זעהר צו ווינשין. — דער קלוב איז אויך אויף אַ גוט אָרט אים צענטרום צווישן דער אלטין און נייען שטאָדט, דאס לאָקאַל איז גראָסארטיג, זעהר שעהן איינגעריכֿטעט, מיט אללע מעג־ליכֿע בעקוועמליכֿקייטין, פֿיעלע צייטונגין. — צום אומגליק האט זיך דער שטן אריינ־געמישט און האט צערשטערט דען שענען צוועק פֿונ׳ם קלוב. עס איז נעמליך אַ צייט גיוועזין אַ בופֿעט פֿון אללע נעטהיגע ערפֿרישונגען, דאָס הארץ זאלל ניט חלישין אז מען זיצט דארט. עס איז צוגעגאנגין גאנץ כשר, אז אַ קריסט האט פֿערלאַנגט פֿלייש־שפייזען, פֿלעגט מען אראָבשיקען אין דער נעכֿסטין רעסטאָראַציע פֿון האָטעל דע איי־ראָפא, האט מען געבראַנגט מיט געשירר. פֿליצום איז איינגעפֿאללען איניגע קריסטען זאללין פֿאָרשלאָגין מען זאָלל איינריכֿטין אַ ניט כשרה קעך און האבין עס דורך גיזעצט, מען האט דעמאלט בעשולדיגט איינעם פֿון דיא פארנעהמסטע אז ער האט מסכים געוועזין. בשעת מיר זענין גיוועזין איין אבענד אים קלוב, האבין מיר גילעגינהייט גיהאַט בעקאַנט צו ווערין מיט דעם דאָרטיגין פרעדוואָדיטעל דוואָראַנסטווא און מיראָוואי פּאָסרעדניק ה׳ זעכֿטען. דאס איז זעהר אַ קלוגער און געבילדעטער מענש, האט פֿיעל געלעגינהייט גיהאט יודין פֿון יענער געגענד קעננין צו לערנין, ווייל ער איז גיוועזין עטליכֿע יאָהר סודעבני סליעדאָוואַטעל ביים קיעווער גובערנאַטאָר, און איהם האט מען איבערגינעבין פֿיעלע יודישע אנגילעגינהייטין, בעזאנדערס חסידישע פראָצעססין צו סליעדעווין. און־טער אנדערן דאס בעריהמטע מחלוקת צווישן דיא טאַלנער און רוזשטשיווער. גאַנץ נאַ־טירליך אז פֿון דיא חסידישע משפטים, זייערע אורזאַכֿין,ביידערזייטיגע טענות, זייער ניט קעננין ריכֿטיג ענטווערין אין דער לאנדסשפראכֿע, זייערע חיטראסטען זיך אויסצו־דרעהן, זייערע היתרים פֿונ׳ם רבינס וועגין, פֿאר דער פֿאָהן, דיא אנקלאגען פֿון איין פּאַרטייא געגין דער אנדערן, איז ניט געאייגנעט דען בעסטין בעגריף פֿון יודין אים אללגימיינען צו געבין. נאך אללעם מוזין מיר געשטעהן אז מיר האבין פֿון ה׳ זעכֿטען ניט גיהערט קיין שלעכֿטס געגין דעם כלל יודין, פֿערקעהרט אויס זיינע רייד איז צו שליעסין אז ער איז אַ דורש טוב, און ווינשט זעהר עס זאללין אויפֿהערין אללע פֿאָר־אורטהיילע צווישן יודין און קריסטען געגענאיינאדער, און זייא זאללין זיך פֿעראייניגען

און

און פֿערשמעלצין אין געזעללשאַפֿטליכֿער און בירגעליכֿער בעציהונג וויא ברידער פֿון איין פֿאַטערלאַנד, וועהרענד יעדער מעג זיך טרייא בלייבין בייא דיא איבערצייגונגען פֿון זיין רעליגיע, און איינער דארף שוינען דעם אנדערענס איבערצייגונגען אין זיין פֿעטערליכֿער רעליגיע. דאס איז גיוועזין דער גרונד, וויא ער האט אונז אלליין געזאגט, וואס האט איהם בעוואָגין זיך ארויסצושטעללין און דורכֿצוזעטצין אז מען מוז איינפֿיהרען אַ ניט כשרה קעך אין קלוב, ניט יודין צו קרענקין אדער צו פֿערלאָקען ניט כשר צו עססין· נאר אזוי וויא אין בערדיטשוב זענין וועניג קריסטין און דיא וועניגע האבין גיוואלט אָבטרעטין פֿון קלוב נאר איבער דעם עססין, און ער האלט אז דער צוועק פֿון דעם קלוב איז נאר יודין מיט קריסטין צו פֿעראייניגען, וועט דאך דער עיקר צוועק פֿערפֿעהלט זיין. דיא אנגעקלאגטע יודישע איינפֿלוס רייכֿע פערזאָן האָט ה׳ זעבֿטען, פֿון זיין שטאנדפונקט אויס, אנגעקלאגט פֿאר אונז, אז יענער האט דאס ניט גיוואלט דערלאזין, נאר אז ער האט איהם געסטראַשיט, ער וועט קלאגין, אז יודין וועללען זיך גאר אבזונדערן פֿון קריסטין, און וועט פֿאַרשטעללין מען זאלל דען קלוב גאָר שליעסין, איז ערשט יענער שטילל גיווארין. מיר זענין זעהר צופֿריעדין גיוועזין פֿון דעם גישפרעך, וויל מיר אלליין האבין עס אויך גיהאַלטין פֿון דער פערזאָן פֿאר איין אומרעבֿט וואס ער האט עס צוגילאָזט, בשעת אין אונזערע בלעטטער איז גיוועזין איין ארטיקעל דאריבער. היינט האבין מיר זיך איבער צייגט אז מען דארף ניט אזוי לייכֿט יעמאַנדין בעשולדיגען ביז מען וויסט ניט אללעס גענויא. דאָ איז דיא פערזאָן גיוועזין אין גרויסער פֿערלעגינ-הייט, און האט זיך דאך ניט גיקענט ענטשליעסען דיא מיט מיהע ערוואָרבנע ניטצליכֿע אנשטאלט צו לאזין שליעסין איבער דעם וואס מען האָט פֿערלאַנגט וויא אין אללגימיינע קלובען אַ פֿרייע קיכֿע. אַי דאָ זענין יודין דער רוב, ווער וויסט דאס ניט אז קריסטין האבין מעהר דעה און קראַפֿט דורכֿצוזעטצין און אויסצופֿיהרען. עס איז קיינער ניט בעצוואונגען פֿון יודין צו עססין, אַי דיא וואס ערלויבין זיך, דיא פֿוילען זיך ניט צו לאָזין ברענגין און צו געהן אין דיא רעסטאָראַציעס. — מיר האבין זיך דאָך ניט גישעמט און גיזאָגט ה׳ זעכטען, אז וואס פֿאר אַ תירוצים מען קענן ענטווערן, דער הויפט-צוועק איז דאך פֿערפֿעהלט. עס איז פֿיעל וויכֿטיגער צו פֿערזעהנען דיא ארטהאָדאָקסע מיט דיא אויפֿגיקלערטע יודין, אלס לעצטערע מיט קריסטין, ווארין מיט אַ פראָסטען יודין וועלין דיא קריסטען ניט וועלין רעדין, ער זאלל אפילו גיהערין צו דער קלוב גיזעלל-שאַפֿט, און פֿון דיא איינגע קריסטענס וועגין איז ניט כדאי גיוועזין אויפֿצושלאגין אַ קעך יענע צו טראָכטען און פֿערדרענגין. והראיה זייט דעמאָלט איז טאַקי דער קלוב געזונקען, דיא מיטגלידער פֿערמינדערן זיך, דער בופֿעט וועהרט אָן, וואָרין וואס קענן מען לעזין בייא דיא עטליכֿע מענשין. אזוי אז איצט דערהאלט מען איהם קוים און מען זוכֿט שוין עקאָנאָמיע צו מאַבֿין, צימטער פֿערדינגען וכרומה. עס איז צו האָפֿפֿין אז דיא ניט כשרה קעך זאלל אופֿהערין; וואלט אַ יושר גיוועזין אז דיא פֿרוממערע קלאסע זאלל זיך לאָזין איינשרייבֿין און מען זאלל עררי‍כֿטען אַ יודישע קעך וואס וועט קעננען נעכֿער בעשטעהן וויל פֿיעלע וועלין גיניעסין.

---

# דיא ביבליאטהעק

דער ערשטער וואס האט דיא אידעע גיהאט אַ לעזע ביבליאָטהעק צו גרינדען, איז ד"ר ראָטטענבערג, אונ ער האט זיך טאַקי דערצו אלליין גינוממען, אונטערשטיצט פֿון מעהרערע בעססערדענקענדע איינגעריכֿטעט, תחלת אין דער סוכה פֿונ'ם ראבבינער ה' פעסים, וועלכֿער האַט זיך אויך אלליין אבגיגעבין מיט דער לייטונג אונענטגעלטליך. דערנאָך אז זיא האט זיך פֿערשטארקט אונ דיא צאָהל דער לעזער האט זיך פֿערמעהרט, האט מען זיא איינגעריכֿטעט אים קלוב, וויא זיא עקסיסטירט ביז היינט. עס זענין שוין דאָ אַ היפש ביסעל ביכֿער (געגין 1500 באנד), דארונטער פֿיעלע רוססישע קלאססיקער. דער ביבליאָטעקאר איז בעזאלדעט אונ דארף 3 מאָל אין דער וואך נאכֿמיטטאָג איינינע בעשטיממטע שטונדען זיטצען אונ אבנעהמען אונ ארויסגעבין יעדין אבאָננענט ביכֿער. לעזער זענין קעגין 70 מעננער אונ פֿרויען, מייסטענס דיא יוגענד אפילו פֿון חסידישע הייזער. דער פרייז איז 30 קאָפּ' אַ חודש פֿאר איין בוך, 40 קאָפּ' פֿאר 2 ביכֿער: יעהרליך פֿאר 1 בוך 3 רו"כ, פֿאר 2 ביכֿער 4 רו"כ. — עס האבין זיך טהייל בעקלאגט אז עס ערייגענט זיך דער ביבליאָטעקאר פֿערזוימט דיא פֿעסטגיזעטצטע צייט אונ זייא מוזין עטליכֿע מאָל קוממען איידער זייא בייטען אַ ביכֿעל. אויב דאס איז וואהר איז רעכֿט דעם איבעל אבצוהעלפֿין. עבענזא וואָלט נעטהיג גיוועזין מען זאָלל ערלויבין דארט צו ליינען, עס זאלל אַ ציממער בעשטיממט זיין צו לעקטירע; ווארין עס זענין דאָ אַ סאַך בחורים אונ יונגע לייט וואלטין גערין גילעזין, נאר זייא קעננין נישט אין דער היים, עס איז נאָך אַ פֿאַנאַטישע שטוב, אַ וועלטליכֿער בוך איז נאך אַ דאָרן אין דיא אויגין. מאַנכֿע צייטונגען אדער צייטשריפֿטען וואלטין אויך ניטצליך גיוועזין.

---

# דיא פלייש פאכט

בעפֿאָר מיר שליעסען אונזער איבערזיכֿט איבער בערדיטשוב, וואס גילט פֿאר אַ שפיעגעל פֿון יענער גאַנצער געגענד, מוזין מיר נאָך בעשפרעכֿין איינען פֿון דיא וויכֿטיגסטע געגענשטענדע וואס פֿון איהם קוממין אללע צרות, אללע מיסבֿרייכֿע אונ אללע מחלוקתין, קנאה אונ שנאה ארויס. עס איז ניט קיין לייכֿטע אויפֿגאבע אונ מיר זענין מודה אז דער קאָפּ איז אונז דולל גיווארין פֿון דיא אללע טענות וואס מיר האבין זיך אנגיהערט אונ אנגילעזין פראָ אונ קאָנטראָ. מיר וויסין אויך אז בעזאָנדערס איבער דעם פונקט וועלין אויף אונז זאָ מאַנכֿע ברוגז זיין, אונ וועלין זוכֿין אונז צו אונטערשריעבען געוויססע פארטיילכֿקייט, צו ליעב זאָגין. דאס ארט אונז וועניג וואס; ערשטענס וויללען מיר דאָ קיינעם ניט אין שוטץ נעהמן, אונ וועלין בעריהרען אללע פאַרטייען אהנע שאָנונג. צווייטענס וועלין מיר מייסטענס זיך שטיטצען אויף ציפֿפֿערן אונ אויף בעווייזענע אורזאַכֿין וואס קיינער וועט זייא דאכֿט זיך ניט קעננען מכחיש זיין. דריטטענס גיבען מיר

אונזער

אונזער אנזיכט ניט פֿאר ענדגילטיג, צו יעדער צייט זענין מיר גרייט אין אונזערע בלעטטער אויפֿריכטיגע אויפֿקלערונגין אויף פֿאקטען געשטיצט, אין אונזערע בלעטטער אויפֿצונעהמען: און ווייטער איז אונמעגליך יוצא צו זיין פֿאר דער גאנצער וועלט, גענוג אז אונזערע געוויססין זענין ריין פֿאר גאט און פֿאר זיך אלליין.

דיא קלאגין איבער דער טאקסע זענין ניט אין בערדיטשוב אלליין, דאס איז איין אללגעמיינעס איבעל אין אללע יודישע גימיינדין, ליידער אבער איין נאַטה־ווענדיגעס איבעל, וואס ביז אהער איז נאך ניט געלונגין קיינעם איין עצה צו פֿינדען דיעזעם איבעל ראַדיקאל אבצוהעלפֿין. נאך אונזער מיינונג ליעגט ניט דאס שלעכטע אין דער טאַקסע אלליין, נאר אין דער פֿערוואַלטונג. צו אונזערם בעדויערן פֿעהלט נאך בייא יודין דער געמיינגייסט וואס פֿיהרט דערצו, אז דער כלל זאלל זארגין פֿאר דעם יחיד, און יעדער איינצעלנע — לטובת הכלל. אדער מיט אנדערע ווערטער, דיא גימיינדע מיט איהרע פֿאָרשטעהער זאללין זארגין פֿאר יעדין בעל בית, און יעדער בעל בית זאלל בערעכנין אז דאס קענן שאַדין דער אללגימיינין זאַכע, דאַרף מען עס נישט טהון. קהלס קאַססע איז וויא אַ שטיפֿקינד; קיינער בערעכענט נישט אז ער אלליין און זיין ברודער האט אַ חלק דרינן, און אז עס ווירד שלעכט פֿערוואַלטעט ליידט יעדער און דיא געזאַמטהייט דאַבייא. פֿערקעהרט וויא איינער קענן קהל'ס געלד אוים ברענגין אויף אונניט־צליכע זאַכין טהוט ער עס. עס הייסט אל־ץ—קהל קענן טראַגין, דאַריבער מאַכט מען איבערפֿליססיגע הוצאות, מען האלט אומזיכטע פרעססערס, און וואס מעהר מען גיט פֿאַר, מען וויל בעוואַרנען, מעהר מיסברויך געשיהט. טהייל האַבין זיך גאַר אַ היתר זייערס אַ קרוב, אַ בעקאַננטין צו פראָטעזשירין און וואלעט איהם ארויף אויף קהל'ס פלייציס, דער פֿאַר מוז ער שוין שווייגין אז יענער רעקאָמאַנדירט זיינעם. דיא גרעסטע קללה איז בייא יודין, אז ווער עס ריהרט זיך צו צו קהל'ס עסקים, ווער שמועסט צו דער טאַקסע, ווירד ער בעליידיגט און פֿערדעכטיגעט, אזוי אז ער פֿערזאָגט קינדס קינדער זיך ניט צו מישען אין אללגימיינע אנגילעגינהייטען, קוממט אללעס אין דיא הענד פֿון אזעלכע מענשין וואס זוכין דערבייא זייער אינטערעס, יענע קעננין מאַכין פֿעהלער אוים אונוויססענהייט, דיא—צו זייער פֿאָרטהייל. דערצו זענין דיא יודישע געמיינדע פֿערהעלט־ניססע נאָך אזוי וועניג גערעגעלט און אויסגעגלייכט מיט דיא לאנדעגיזעטצע, אז מען מוז זוכען המצאות, אנדערע נעמין געבין מאַנכע אויסגאַבען. דאריבער קענן מען קיין עפֿפֿענטליכען רעכֿנונג געבין, מען מוז שווייגין; בלייבין ווייטער סודות אָהן אַ קאָנטראָללע. דיא לייטע מעגין נאָך אזוי עהרליך זיין, איז מען זייא חושד, ובפרט אז עס געפֿינען זיך נאָך איינגע סטיגאָטערס וואס ווללין יענעמאַנדין פאקים טהון, און חאַפּין ארוים פֿון מיטטען אַ ציפֿפֿער און לעגין אוים וויא זייא טויג, העטצען דערמיט אויף דעם נאַראָד, שטעללין זיך פֿאר קהל'ס פֿערזאָרגער און עס ווערין פראָצעכסין וואס קאָסטין געלד, ווֹעמין? ניט דיא אנקעגלאַגטע פֿון זייער קעשינע! נאַרראָנים זענין זייא! ניין, עס געהט אוים צו קהל'ס בייטיל. דער צושטאנד הערשט אומעטום, נאר אין בערדיטשוב אין דער לעצטער צייט נאך מעהר, איינס וויל עס איז אַ גרויסע יודישע גימיינדע, און דאס אנדערע וויל עס זענין דארט פֿיעל בעזאָנדערע אומשטענדע וואס פֿיהרען דערצו.

עס וועט אונז צו וויט פֿיהרען אָנצוהייבין פֿון פֿריהערע צייטין, דאס אלטע איז דאָך שוין אוודאי ניט צו פֿערבעססערין, גענוג מיר וועלין רעדין פֿון דיא לעצטע

4 יאהר

יאהר. איידער דיא צייט איז גיקומטען האט דיא גימיינדע איבערגיגעבין ר׳ משה יוסף חאָדאָראָווער אונ ר׳ משה יצחק הורוויץ, זייא זאָללין נעהמין דיא טאַקסי פון קהל׳ס וועגין, מען מאַכט זייא אויך צום פאָרוואָרוף פאר וואס זייא האבין עס איבערגיגעבין בעלי טאקסים. אזוי פיעל אונז איז בעקאַנט, איז דאס געזעטצליך ניט ערלויבט לטובת הכלל דיא טאַקסי צו האלטין, ווענינגסטענס כוו מען דארויף האבין אַ בעזאָנדערע ערלויבנים פונ׳ם מיניסטער. איבריגנס זעהן מיר נישט איין אויב דאס איז בעססער. דיא גרויסע לייט וואס מען קענן אנפערטרויען אַזאַ קאַססע, זענין צו זעהר בעשעפטיגט מיט זייערע אייגינע גישעפטין, זייא זאָללין זיך קענגין אלליין אבגעבין מיט דעם עסק טאג אונ נאַכט, אבליגען אין שעכטהויז אונ אין דיא יאטקים אונ בעשטענדיג האבין צו טהון מיט דיא קצבים אונ אפילו מיט דיא עהרליכע יודין דיא שוחטים. מיט אַ קוק איז מען דאָ ניט יוצא. היינט זענין עדלערע מענשין וואס האבין קיין מאָל ניט גיהאלטין קיין פאַכט גאר נישט געניט אין דעם ניעדריגען גישעפט. מילא וועלין זייא דאך מוזען אנקוממען צו בעזאָלדעטע מענשין וואס זענין בריות דערצו, ווארום פון עהרליקע שלימזלניקים קענן מען גאר קיין נוטץ ניט האבין, אונ דיא וואס פערשטעהען יאָ דעם עסק, אז זייא נעהמן דער פאר געלד, זענין זייא זיך טהייל מאָל מורה היתר. זעלבסט דעם עהרליכסטין גערונגענעם מענש קענן דיא זאַך ניט אזוי אינטערעסירין וויא דעם בעל-בית, וואס נעהמט עס פאר אַ גישעפט אונ זוכט דערבייא זיין פראָפיט; ער ווייסט זעהר גוט אז אַ מינדערסטע פערנאַכלעסיגונג וועט איהם קאָסטין אונ זוכט וויא מעגליך זיינע איינקינפטע צו זיכערן אונ צו פערגרעססערן. דאריבער איז ניט אזוי לייכט צו בעשולדיגען דיא 2 גבירים אז זייא האבין דען קלאָפּאָט ניט אויף זיך גינוממען, נאר האבין עס איבערגיגעבין מענשין וואס זייא האבין גירעכענט פאר אָרדענטליכע אונ זענין צופערלעססיג אז זייא וועלין געבין דאס פערשפראָכענע, חוץ דעם וואס זייא צאָהלין אקציז לויט קאָנטראַקט. אוודאי איז דאס זעהר וויכטיג צו בעוואָרנען, וואס טהוט מען אז מען האט צוטהון מיט שווינדלערס אונ זייא דרעהען דערנאך, רוף זייא קנאַקניסעל.

דאָך איז אין דיא 4 יאהר מעהר ליארם מעהר קלאָגען, עס איז אין דער שטאדט אַ שרעקליך גערודער. אויב עס געהט באמת היינט ערגער צו וויא פריהער, איז שווער צו דערגעהן, נאָר וויא פיעל מיר האבין געקעננט ארויסקריגען זענין מיר צו דער איבערציגונג געקוממען, אז אין דעם גאנצין גערודער זענין שולדיג איינינע מענשין, וואָרין יודען בכלל זענין פעריאָגט אין פרנסה, אונ קיינער קיממערט זיך נישט וויא עס געהט צו אין שטעדטישע זאַכין, אין דער טאַקסע; יעדער צאָהלט נעביך זיין בלוט פאר ביינער אונ מיינט אז דעם יודען מוז אזוי שווער אונ ביטטער, אזוי טהייער, אָנקוממען אַ שטיקיל פלייש; אנדערש וועט עס גאָר ניט זיין כשר. נאָר אז מען העצט אונטער הייבט אָן איטליכער אונטערן אויפען, אויך אין רעדליך קריטיזירען, דאס ווילל זיך קיינער נישט איבערציינגען אויב אללעס איז וואהר, אונ נאָך וועניגער עפיס צו טהון אבצוהעלפען. שטעללין זיך איינינע שרייערס ארויס, אונטערשטיצט מען זייא נישט אונ מען קלערט אפילו ניט נאָך אויב זייא מיינען עס טאקי לשם שמים. דאריבער קוממען זעהר אָפט דיא שרייערס ארויס פון אויבען אונ ווערין קהל׳ס פערזאָרגער, אונ נאָגען נאָך ערגער וויא דיא וואס זייא האבין אנגעקלאגט.

אונטער דיא יעצטיגע בערדיטשובער אייפערער פאר קהל, שטעללין זיך ארויס צווייא

צווייא פערזענליכקייטען, א געוויססער אלטער זאהיקע. און איינעד שלום. דער ערשטער איז געווארין א מארטירער, א קדוש, ער האט באמת איבערגעטראגין אזוינס וואס שרעקליך צו הערען. דיא בעלי טאקסע האבין זיך מיט איהם אבגערעכענט, אז זייא מעגין אפילו וויא עהרליך זיין אים געשעפט, דאס בלייבט א פערברעכין און קענן מיט קיין תירוץ ניט אבגעוואשין ווערין, און דער פלעק פאלט אויך אויף דיא דארטיגע איינפלוסרייכע גבירים וואס זייא האבין דאס דערלאזט. ובפרט אז דאס איז געוועזין זעהר ניט ריכטיג. מען בעהויפטעט צוואר אז זייא האבין ניט געקעננט פערוועהרען אז דיא בעלי טאקסע זאללין מאכין אונשעדליך אזא מענש וואס האט זייא דאקוטשעט. נאר ווער קענן גוט בערעכנען אז דורך פערפאלגען און גרויזאמקייטען בעווייזט מען גאר דאס געגענטהייל, אז מען איז אומגערעכט, מען איז שוואך און האט מורא פאר א פליג. גלייכער דיא אונאננעמליכקייט א סליעדסטווא אויף זיך צו האבין, און אויף עהרליכער ארט אויסצווייזען אז מען איז אומשולדיג, איידער דען קלעגער פאר א מארטירער צו מאכען, איטלעכער זאלל איהם בעמיטליידיגען און האלטען פאר קהל'ס כפרה, פאר איינעם וואס וויל אומקומען אויף קידוש השם, פאר איין עהרליכען מאנן, און זיינע ווערטער פינדען געוויר אנגלאנג בייא דער רעגיערונג און בייא געבילדעטע יודען, וואס האלטין פאר א מצוה אזעלכע צו אונטערשטיטצען מיט געלד און מיט מאראלישען איינפלוס.

מיר האבין דיא עהרע געהאט דיא פרויא אלטער זאהיקעס און דעם ר' שלומקי פערזעהנליך קעננען צו לערנען, און פון זייער אייגען מויל צו הערען וואס זייא האט אזוי ביים הארץ אנגעהאפט, זיך פאר דיא בידנע שעפעליך אנצונעהמען. זייא זענין געקוממען זיך פאר אונז דאס הארץ אויסרעדין, אין דער ערוואַרטונג מיר וועלין זייער זאך אין אונזערע בלעטטער פערפעכטען. דיא אונגליקליכע פרויא פון אלטער זאהיקער האט אונז אנדערצעהלט גרויזאמקייטען איבער גרויזאמקייטען וואס מען האט זיך ערלויבט געגען איהר מאנן, געגען איהר אלליין און געגען איהר דערוואקסען מיידעל, אלץ דערפאר וואס דער מאנן האט געוואלט דערוויזען וויא עס געהט צו אין דער טאקסע. דאס הארץ טהוט וועה צו הערען וואס דער מענש, וואס זיין פאמיליע האט זיך אנגעליטטען עטליכע יאהר, ער איז געשוואלין געווארין פון צרות, זיא מיט דיא קינדער געהען אוים פאר הונגער. נאר פון איהרע אייגענע ווערטער האבין מיר ארויסגעזעהן, אז איהר מאנן האט זיך ניט אזוי געוואלט מקריב זיין פאר טובת הכלל, ער האט אויך געמיינט עפים אנדערש. וויא זיא אלליין דערצעהלט איז ער עפים אמאל געוועזין א קהל'ס טוהער, אויב ניט בייא רעקרוטין און זאלל זיך האבען אויסגעצייכענט. זיין האנדיל איז געוועזען מיט ברעננהאלץ; ער איז גאר א צייט ניט געזעסין אין שטאדט און האט זיין פאמיליע מפרנס געוועזין עהרליך, אז ער איז צוריק אריין אין שטאדט, איז איהם נאך געבליעבען א האלענדישע (גאלאנסקי) הוהן ער איז זיא גיגאנגען שעכטין, האט איהם דער שוחט גיזאגט אז אויף דער הוהן איז א שאלה, דיא דיינים האבין געפוננען א חשר אויב דאס איז א כשר עוף, וויא דער שטייגער איז בייא אונזערע גאטטס קאזאקען, זייער כח בעשטעהט נאר דארין אללע מאל נייע נאפאסצשעס צו זוכען יודען מעהר צו בעשרענקען. זאהיקע האט זיך ניט געפוילט און האט זיך אנגעשפארט ער מוז דערוויזען אז דיא גאלאנסקי הינער זענין כשר. בקיצור ער איז געפאהרען קיין לעמבערג און האט געבראכט פון דיא מפרשי הים א היתר אויף דיא היהנער, דאך האט דער דיין זיך געוויינערט א הכשר ארויסצוגעבען. דאס האט מען אויסגעלעגט, אז דער דיין איז איינפערשטאנדען מיט דיא בעלי טאקסע, וויל

זייא

זייא טויג נישט דער עולם זאלל עססען דיא היהנער, שחיטה געלד איז גלייך וויא פֿון אַ פּראָסטע הוהן אונ דיא וועגט פֿיעל מעהר. מיר נעהמען נישט אויף זיך דיא בעלי טאַקסע צו פֿערטהיידיגען, אונ זענין ניט מחויב זייא צו גלויבען, נאָך ווענינער דער וועלט אויפֿצודרינגען אז זייא שווערין אמת, יעדער וועט בעהויפטען זייא זענין אינטערעסירט, מוזען זייא אָבלייגנען; נאָר דער ר׳ . . . . . האט אונז געשוואָרין, אז נישט דיא בעלי טאַקסע, ניט ער איז דאָ שולדיג. עס האט איהם קיינער נישט געבעטען, קיינער קיין חאבאר געגעבין, ער זאָלל אסרין דיא היהנער. נאָר אויף דעם עוף איז אַ שאלה ארויסגעקוממען צווישען מחמירים לומדים, בכן דער דין איז, אז מען דארף מתיר זיין אַ נייא מין בעל חי, מוז מען האָבין אַ קבלה פֿון דעם אָרט פֿון וואנין עס קוממט ארויס אז עס איז כשר. אונ אזוי וויא דיא היהנער קוממען ארויס פֿון סמירנא האט מען אַהין געשריבען אונ ביז איצט האט מען נאָך נישט ערהאלטין אללע פֿאָרמאליטעטין. מיר בילליגען קיינעסוועגס דעראַרט חומרא׳ס אונ זאגין בפירוש, אז אים שטרענגען זיננע פֿון אונזער רעליגיע, לויט אונזער איבערציינונג, איז אַ גרויסע עבירה היינטיגע צייטען נייע איסורים צו זוכען. עס איז איבערהויפּט אַ גרויסע העזה, וואס היינטיגע לומדים גריבלין נאָך אונ מאַכין דאדורך אונזערע אבות, אונזערע גרעססטע אלטע אויטאָריטעטען, פֿון דיא תנאים אָן, פֿאר טרעפֿניאקים, אונ זייא זענין עס דיא עכטע פֿרוממע. וועניג האָבין יודען צו טראָגין איסורים מיט גדרים אונ גדרים לגדרים אין 20 גארון, אז פשוט עס איז שווער אויסצוהאלטען, זוכט מען נאָך אימטער נייע גזירות אויסצוטראַכטין, חוץ וואס פֿאר דעם פֿרימטסטען איז עס כמעט אונמעגליך זיך אָן דיא אלטע מיט דיא נייע פֿאָרשריפֿטען צו האלטען, דאָ ריהר דיך נישט, דאָ שטעה נישט, דאָ געה נישט, דאָ זיטץ נישט, דאס עס נישט, דאס טרינק נישט. מען מעשטירט אַ גאנץ לעבען וויא אַ סאָלדאט. ערגער איז נאָך, דאס פועל׳ט אז דאס יונגע דור וואס פֿיהלט דיא שווערע לאַסט פֿון דעם פּאַקצייג (וויא זייא רופֿען עס), מיט וועלכען מען וויקעלט אַרום דיא אמת׳ע תורה, אונ אז זייא קעננען זיך דאדורך ניט בעוועגען אים פּראקטישען לעבען, הייבען זייא אָן ביסלעכוויים זיך גרינגער צו מאַכין, נאָר זייא ווייסען דאדורך ניט וואו שטעהען צו בלייבען, אָדער זייא ווארפֿען מיט אמאָל אַראָב דיא גאנצע לאַסט אונ שוינען אפילו נישט דיא אלטע תורה. אויסער דעם ווירד דאדורך דיא געמיינדע בכלל זעהר געדריקט, עס קאָסט פֿיעל דיא שטאָדט קאססע אללעס צו איבערוואַכען, אונ וואס צום ערגסטען איז, עס פֿיהרט צו מחלוקת, צו פּראָצעססין, אונ קריסטען מאַכין חוזק אוים יודען אז זייא דארפֿין איינגעהען אין אַזעלכע טענות וואס זעהען בייא זייא לעכערליך אוים; דאבייא פֿערדריעסט זייא אויך; מען קריעגט זיך איבער איין עוף וכדומה וואס זייא עססען. נאָר נאָך אללעמין זענין מיר געניינט צו גלייבען דעם ר׳ יוזפא אויף נאמנות אז דאָ איז נישט געוועזין קיין גרוסע זאך, נאָר נאַררישע איבערטריעבענע ענגסטליכקייט, יודען זאָללין ח״ו ניט נלכד ווערין אין אַ חשש טריפות.

זאהיקע האט אָבער נישט גערוהט אונ האט אָנגעהויבין אויפֿהעטצען דאס פֿאָלק אונ האט איינגעגעבין קלאגען בייא דער רעגיערונג אויף דיא בעלי טאַקסע, אז זייא בעראַבעווען דיא שטאָדט, נעהמען טהייערער אונ גיבען קיין וואָג אונ גאָלע ביינער, היינט מיט דיא היהנער. דאס איז דאָך בעקאנט אז בייא יודען האט מען פֿיינד אַזעלכע זאַכין, אונ דער וואס זוכט תקיפות בייא נאַטשאַלסטא, ער מעג זיין וויא גערעכט,

הייסט

היימט ער אַ יאַבאָרניק, און אַזעלכֿען האַלטין זייא, איז מותר צו פֿערפֿאָלגען אויף אללע אופנים. איהם אונשעדליך צו מאַכֿין האָבין זייא געפֿונגען זעהר אַ נעטיין מיטטעל. מען האט געקריגען אויף איהם אַ וועקסעל, עס הייסט אז דאס איז געוועזין אַ בלאַנקע חתימה אויף סטעמפעל וואס ער האט שוין לאנג בייא איינעם געלאָזט, חאָטש ער האט איהם שוין אָבגעצאָהלט, נאָר וועגען אַ ספסוק איבער עטליכֿע קערבליך פראָצענט; דאס וועקסעל האט מען אויף איהם איינגעגעבין און איהם איינגעזעצט. ער איז אָבגעזעססען היפשע עטליכֿע חדשים, פֿון דער תפיסה האט ער געשריעבען פראָשעניעס, מען האט זיך אלץ געסטאריט ער זאָלל נישט ארויס, חאָטש ער האט אַ הייזיל; קיין פֿאָרוקע האט נישט גיהאָלפֿין. ביז ענדליך דיא פֿאָליציע האט וויא עס שיינט איהם לעננער ניט געקעננט האלטין, (עס הייסט מען האט נישט אריינגעטראָגען צו דער צייט קארמאָוויע), האָט מען איהם ארויסגילאָזט, נאָר ניט מיט אללע פֿערמליכֿקייטען שריפֿטליך. זאהיקע האט ניט געוואוסט מיט וואס דאס שמעקט, און איז צופֿריעדען געוועזין זיינע פֿרייהייט צו געווינגען, איז ער ענטלאָפֿין וויא אַ פייגעלי פֿונ'ם שטייגעל. ער וויל זיך אָבער נוקם זיין אָן דיא וואס האָבין איהם אויף אונגערעכֿטין וועג געפיינינגט, און איז זיך מפקיר, פֿאָהרט קיין פעטערסבורג, דאָרט דיא עולות מיט דער טאקסע אים מיניסטעריום פֿאָרצולעגען. ענדליך נאָך אַנדערטהאלבען יאָהר איז ער אַהיים געקומען. קיין עק איז ער נאָך נישט דערגאַנגען מיט דיא בעלי טאקסים, עס טהוט זיך ניט אזוי גיך וויא עס רעדט זיך, דערווייל איז ער געגישטשיעט, ער האט זיך אָבגילאָזט פֿון זיין פרנסה. ווייב און קינד שטארבין בוכֿשטעבליך פֿאר הונגער, און ער וויל אלץ קהל פֿערזאָרגין, קוים איז ער געקומען, האט איהם דיא פֿאָליציע גיחאפט פֿאר וואס איז ער ענטלאָפֿין נישט פֿערמליך בעפֿרייעט, וועהרענד ער זיצט אין דער דאָלגאָוואָי פֿאר אַ וועקסעל. מען האט איהם וויטער אַ צייט געמיטשעט. דאס ווייב האט איינגעגעבין פראָשעניעס ביז צום גענעראל-גובערנאטאָר. נאַטירליך סטאריט זיך דער אנדערע שטארקע צו אויך. אַ כלל עס שלעפט זיך, ביז עס האָבין דיא יודישע סטודענטין און געבילדעטע אין קיעוו רחמנות גיהאט, אַ מענש זאָלל אומקוממען אז ער איז דאָך קיין געלד ניט שולדיג, און אז מען איז גאָר באמת שולדיג גרעססערע סוממען מיטשעט מען אזוי אַ מענש? האָבין זייא צוזאַממען-געמאַכֿט אַ נדבה צווישען זיך און האָבין בעצאָהלט דיא ק"ן קערבליך פֿאר דען וועכסעל, ער איז פֿרייא. נאָר אויף אללע וויסטע וועלדער גיזאָגט אין וואס פֿאר אַ שטאנד, געשוואָלין וויא אַ בארג, קראנק, אָרים און אויסגענישטשיעט. אָבלאָזין וויל ער דאָך ניט און הערט ניט אויף צו געבין פאפיערען אויף פאפיערען, און לויפֿט אלליין צו נאטשאלסטווא. ביז איצט האט ער גאָר נישט געפועלט, נאָר זיך רואינירט. דאכֿט זיך אַ מארטירער פֿאר דער וואַהרהייט, מיר האָבין אויך געהערט פֿון אָרדענטליכֿע מענשין אז מען האט איהם גיוואָלט איבערקויפֿען, האט ער נישט גיוואָלט. גאנץ נאַטירליך האבין מיר איהם זעהר בעדויערט אין דאָפפעלן, וואס ער ליידעט נעביך אזוי פֿאר דער וואַהרהייט, און ווער ווייסט אויב ער וועט עפּיס אויספֿיהרען. דאַריבער האָבין מיר אויך נישט געגלייבט דיא בעלי טאקסע אַז זייא האָבין אונז פֿערזיכֿערט ער האט גיוואָלט געלד. — נאָר אז דאס ווייב האט פֿאר אונז אזוי געוויינט און געקלאָגט אויף איהר אונגליק, האט זיא זיך אלליין פֿעררעדט, אז דיא בעלי טאקסע זענין שלעכֿטע מענשין, זייא האָבין איהם ניט גיוואָלט בעפֿריעדיגען, עס האט

שוין

שוין גיהאַלטען בייא אַ פֿערגלייך, ער האט פֿערלאַנגט עפּיס אַ שירות אין קהל׳ס זאַכֿין בייא דער טאַקסע, און זייא האָבין איהם שוין גיוואָלט געבין, נאָר איבער הונדערט קערבליך איז עס צו נישט גיוואָרין. דאס האַלטין מיר שוין פֿון דיא בעלי טאַקסים פֿאַר איין אומרעכֿט, אַז זייא האָבין זיך שוין ענטשלאָססין איהם דאס מויל צו פֿערמאַכֿין, וואס שפּיעלען אַ ראָלע בייא אַזאַ גישעפֿט נאָך 100 רובל. דיא פֿערפֿאָלגונגען האָבין מעהר גיקאָסט, איבריגענס וויא עהרליך זייא מעגין זיך האַלטין, גלאַט כשר קענן קיין טאַקסע ניט זיין, צו וואס מיילער אויפֿרייסען. — נאָר זאהיקע האט אויפֿגעהערט בייא אונז אין דיא אויגען צו זיין אַ הייליגער וואס לעגט זיך אוועק מיט ווייב און קינד אויף קידוש השם. בלייבט ווידער דיא קשיא צו וואס נוצט באמת אַזאַ קליין מענשיל זיך צו שטעללין געגין בערען? און וויא שיקט זיך עס זאלל ניט זיין פֿיעל איבערטריעבען אָדער שלעכֿט אויסגעלעגט, פֿערדרעהט! דאס איז זעהר שווער אָנצונעהמען אז אַזאַ שוואַך יחיד׳יל, זאָלל קעננען דערווייזען געגין אַ שטאַרק רבים, ובפרט אז ווענן ער זאלל אפילו האָבין כטיגוטערס, אז זייא בעהאַלטין זיך אָבער און שיעסען דורך איהם, דערווייל לאָזט מען זיין ווייב און קינד דאַרבען. צי וועט ער דערלעבען נקמה אָן זיינע פֿערפֿאָלגער, צי וועט ער טהון אַ טובה זיין געמיינדע, פֿאַר וועלכֿער ער נעהמט זיך אָן; דאס איז געוויס, אז אים אללגעמיינען שוואַרצט ער זעהר יודען בייא נאטשאלסטווא, בייא קריסטען. און אַם ענדע הייסט עס דאָך איין אומגעבעטענע טובה, ווער האט דאס פֿון איהם פערלאַנגט? ער איז דאָך נישט גיוועהלט פֿאַר אַ פּאָווערעני. — עס איז גלאַט אַ רחמנות אויף זיין פֿאַמיליע, אויף איהם וואס ער האט זיך אריינגעלאָזט אין אַזעלכֿע זאַכֿין, און מיינט ער דרשיט; ווערהענד מיר האָבין גירעדט מיט גאַנץ אונפּארטייאישע, און אבהענגיגע עהרליכֿע מענשין פֿון דיא גבירים, סימפּאַטיזירען זייא גאָר נישט מיט איהם און זיינע דאָנאָסין. אַז מען דענקט נאָך איבער דער גאַנצער אינטריגע און פֿון וואס דאס איז ענטשטאַנדען, איבער אַ גאַלאנסקי היהן, דערמאַנט מען זיך אָן דער גמרא אין גיטין: „אתרנגולא ותרנגולתא חרב ביתר".

דער קליינער שלומקע וואס שרייבט אויך בעשטענדיג דאָנאָסין, האט פֿאַר אונז גאָר קיין סוד נישט גימאַכֿט, אַז ער איז גאַר ניט אויסען יודען טובות צו טהון אויס רחמנות, ער קענן קיין עולות ניט לײדען, נאָר וויא אַ פּשוטער בשר ודם צעהלט ער צווישען דיא ערשטע אונגערעכֿטיגקייטען, דאס וואס מען האט איהם נעביך געטהון און קיינער האט קיין מיטלייד מיט איהם, זיין משפּט צו אונטערשטיצען. דיא מעשה דערפֿון איז אַזוי: דער שלומקי פֿלעגט האַנדלין מיט לייענוואַנד אויף תכריכים. בייא יודען אַז איינער ריהרט זיך נאָר צו צו עפּיס אַ רעליגיעזע זאַך ווירד שוין באַלד דאַרויס אַ חזקה, דיא קאָנקורענץ הייסט שוין הסגת גבול. דיא חברה קדושה פֿערזאָרגער (גבּאים קעננען מיר זייא נישט נעננען; וויל וויא אויבען גימעלדעט, זייא לעבין דערפֿון) איז איינגעפֿאַללען, דאס קענן זיין אַ הכנסה פֿאַר דער חברה קדושה; שלום האט זיך דאַריבער בעקלאָגט ביים בית דין, און זייא האָבין גימאַכֿט אַ פּסק, עס זאָלל זיין אויף שותּפות, היינו דער שלום זאָלל קריגען 25 פּראָצענט פֿונ׳ם ריוח, און דאס איבריגע זאָלל איינגעטהיילט ווערין צווישען דער חברה קדושה און דער תלמוד תורה. צום סוף האָט מען איהם נאָך אַ קורצער צייט אויפֿגעהערט צו געבין חלק. דאַס האט איהם פֿעראַנלאַסט אויפֿצוטרעטין געגין קהל וואס וויל איהם קיין רעכֿט נישט טהון, און דיא בעסטע גילעגענהייט איז דיא טאַקסע, דאס

איז

איז אַ פֿרייא פֿעלד, ווא יעדער קענן זעען זיינע אינטריגען . פֿון דער אַרט מענשן קענן מען שווערליך דערגעהן איין אמת .

איצט לאָמיר איבערגעהן צו דער טאקסע אלליין . דיא בעלי טאקסע האָבין אונז צוואַר אייגגעלארען אין זייער קאנטאָר, האָבין אונז זייערע ביכער געעפֿפֿענט אונ גיוואָלט איבערצייגען מיט ציפֿפֿערן אז ניט נאָר זייא בעראַביוועז ניט דיא שטאָדט, פֿערקעהרט נאָך אללע מיסברייכע וואס זייא ערלויבען זיך מיט בעוויליגונג, וויא זייא זאָגין, פֿון דיא יקירי קרתא, האבין זייא אַ שלעכט גישעפֿט. מיר האָבין זאָגאר אַ קאָפּיע פֿונ'ם בילאַנץ דער פֿערפֿלאָססענען 3 יאָהר 1866 , 1867 , אונ 1868, לויט וועלכעם איז געוועזין אים ערשטען יאהר הכנסה : אַקציז פֿון אָקסען 69 . 50623 רו"כ , פֿון עופות 14212.33 רו"כ , ס"ה 2 . 64,836 רו"כ . דאַגעגען הוצאות : אין דער דומע לויט קאָנטראַקט 42,200 רו"כ, קאָנטראקט אונ הוצאות 1000 רו"כ, שבירות דעם פערזאָנאל, אָביעש-טשיקים, פֿערד אונ וואָגין, דירה אונ אויף הצטרכות הקהל 5 . 8952 רו"כ. חוץ דעם רעכנען זייא געהט אַראָב 8000 רו"כ וואס דיא סאָלדאטין צאָהלען ניט קיין אַקציז , דאס איז אונז נאָך נישט אזוי דייטליך, דאָקטוירים אונ אפטייקערס , פֿלייש אָהן טאקסע 1200 רו"כ. אים גאנצין הוצאות 5. 19152 רו"כ. קוממט אַרוים אים ערשטען יאָר ריוח 37 . 3483 רו"כ. אייגענטליך ניט פֿיעל פֿאַר 3 שותפים וואס לעגען אריין געלד אונ האבין קלאָפּאָט מיט נאָכרייד , אויב דיא ציפֿפֿערן זענין אַקוראט .— דאס צווייטע יאָהר וויזען זייא אָן אקציז פֿון אָקסען 17 . 49,410 רו"כ, פֿון עופות 75 . 12684 רו"כ. ס"ה 92 . 62094 רו"כ , הוצאות 11 . 16357 רו"כ, חוץ דיא 42,200 אין דער דומע, צוזאַממען 11 . 58557 רו"כ. קוממט אוים ריוח 81 . 3537 רו"כ .— דאס דריטטע יאהר הכנסה, אקציז פֿון אָקסען 46,758 רו"כ , עופות 57 . 13306 רו"כ, שאָף 27 . 189 רו"כ. (אין יענע יאָהרען קוממען קיין שאָף ניט פֿאָר אין חשבון) , ס"ה 84 . 60,248 רו"כ . הוצאות 68 . 17839 רו"כ . חוץ דיא 42,200 רו"כ, ס"ה 68 . 60039 רו"כ ; בלייבט ריוח קוים 16 . 209 רו"כ . פֿון אללע 3 יאהר 94 . 7230 רו"כ . אונ אויף דעם לעצטען יאהר פֿערזיכערן זייא אז זייא וועהרען אָן. דיא אורזאכין זאָללין זיין, פֿיעל שריפות אונ פֿאָדריוועז וואס מען פֿיהרט שחוטי חוץ, היינט יאבאָרסטווא זכדומה. חאָטש עס איז איינערזייטס שווער אָגצונעהמען אז בייא אַ שותפות געשעפֿט זאָללין געפֿיהרט ווערין צווייערלייא ביכער. מיר וויללען אָבער אויף זיך דען פֿערדאַכט ניט ציעהען אז מיר האלטין מיט דיא אקציזניקים. איבערהויפט איז בייא יודען אָנגענוממען, סתם מוכסן האנדיל ניט עהרליך , אונ אויף אַ בעל טאקסע וואס מען זאגט גלויבט מען. מיר האבין אָבער געהערט פֿון מענשין וואס שרייען נאַגעוואלט אויף דיא רציחות אין דער טאקסע , אונ זענין שטארקע מתנגדים דיא יעציגע בעלי טאקסים, נאָר אים פערטרויען האבין זייא מודה געוועזין אז זייא האָבין אַ שלעכט גישעפֿט, אורזאכין זענין פֿיעלע .

דאס הויפטאיבעל ליעגט דאַרין : בערדיטשוב אַזא גרויסע יודישע געמיינדע קיין ע"ה, קריכטען זענין וועניג, לויט קאָנטראקט זענין דיא יודישע בעלי טאקסים פֿערפֿליכ-טעט צו פֿערזאָרגין קריכטען מיט פֿלייש . עס טרעפֿט זיך אָבער מעהר וויא קריסטען דאַרפֿין פֿערצעהרין, קוממט אוים איין אונפֿערהעלטניסמעסיגער פרייז צווישען כשר אונ טריפה פֿלייש . אזוי קענן למשל אין בערדיטשוב זיין 4 קאָפּ' אַ פֿונט טריפה פֿלייש , וועהרענד אין קיעוו , ווא דער צופֿוהר פֿון אָקסען איז פֿון אללע זייטען , קאָסט דעמעלט 8

ביז

ביז 10 קאָפּ׳. זעהר אָפֿט מוזען דיא בעלי טאקסע דאס פֿלייש פֿערברויכֿען אך דיא סאלהאנים אויסשטעלצין אויף חלב. דאס פֿאללט נאַטירליך אויף דעם כשר׳ן פֿלייש.

נאָך איין אומשטאנד וואס איז שווער אָבצוהעלפֿין. בערדיטשוב ליעגט נעמליך אויף דער גרעניץ פֿון 3 גובערנים: קיוב, וואָלהין אונ פאדאליען. אויסער דער שטאָדט איז שוין איין אנדערע גובערניע מיט אנדערער נאטשאלסטווא, איז אונמעגליך צו בעוואָרניך מען זאָלל ניט ארייננפֿיהרען קיין פלייש. אין דיא דערפֿער אָדער קליינע שטעדטליך אַרום מאַכין יודען שפּעקולאציעס, איינער קוילעט איין אָקס, טאקסע צאָהלט ער נישט, דער שוחט איז וואָלוויל, ווירד ער טריפה, לייזט ער אָב בייא דיא קריסטען אין זיין אָרט, האט ער אויך זיין חשבון, ווירד ער כשר, פֿערדיענט ער עפּיס מעהר אונ לייזט קיין בערדיטשוב.״ דיא סאלדאטין האבין דאס פריווילעגיום זייא מעגין זיך ארייננפֿיהרען פלייש פֿאר זייער בעדארף פֿון דער פֿרעמד אָהן אקציז, ווער קענן זייא אָבער קאָנטראלירען אין איין אָפּפֿענער שטאָדט וויא בערדיטשוב איז. דיא פֿרוממע פֿערזיכֿערן אז מען פֿיהרט גאָר ט־יפה פלייש, זאָגאר פֿערד׳ם פלייש, (דאס איז שווער צו גלויבען). אללע כרוזים אונ אסורים פֿונ׳ם בית דין העלפֿין נישט, וואָרין דער גמיינער מאַנן קוקט נישט דאַרויף, אז ער קריגט אַ גוט שטיקעל פלייש פֿיעל וועלוולער וויא אין יאַטקע. דינגען אַרום דיא פּאָדריוזען וויא עס פֿיהרט זיך אין אנדערע שטעדט, איז אונמעגליך, מען דאַרף האלטין אקציזען אין 3 גובערנים. אויף דער אַרט קענן מען שוין טאקי ניט וויססען וויפֿיעל מען מאַכֿט זייא שאָדין.

פֿערשטעהט זיך, אז מען בעטראכֿט לויט קאָנטראקט צאָהלען זייא נאָר 42,200 רו״כ, פֿאר אַזאַ טאקסע פֿון אַ גרויסער געמיינדע, אונ נעהמען נאָך מעהר וויא מען ברויך, איז אַ סימן אז זייא ווערין רייך אונ בעראבעווען דיא שטאָדט. נאָר אז מען קוקט אריין אין דיא נעבענזאַכֿין אונ 10000 רו״כ אויף קהל׳ם הוצאות, מוז מען נאָר בעדויערן דעם יודען, וויא איהם קענן קיין זאַך נישט אָנקוממען גרינג אונ צו מעסיגע פרייזען.

מיר האַלטין נאָך פֿאר נעטהיג דורכֿצוזעהן דעם חשבון פֿון דיא 42200 רו״כ אונ פֿון דיא 9952 רו״כ הצטרכות הקהל; אז מען זאָלל קענין מאַכֿען עקאָנאָמיע וואָלט נעקענט דיא טאקסע קליינער זיין, עס וואלט באַלד ניט קאָנוועניִרט אַריינצופיהרען באיסור פלייש פֿון דער פֿרעמד, ווער שמועסט מען זאָלל נאָך געפינגען מיטטעל דיא 2 הויפּט איבעל אָבצוהעלפֿין.

פֿון דיא 42200 רו״כ צאָהלט מען 10300 רו״כ זעמסקי פֿאר מיעשטשאנים. אזוי וויא דאָרט זענין אים גאנצין נכתבים 6500 מיעשטשאַנים אונ 1800 רעמעסלעניקים, צוזאמסען 8300 זעעלען, שיינט אז מען צאָהלט פאר אללע זיעמסקי. אין דעם ענין זענין מיר נאָך ניט איניג אויב עס איז רעכֿט מען זאָלל דאס אים גאנצין צאָהלען פֿון קהל׳ם קאססע, וועהרענד עס זענין דאָ פֿיעל מענשין וואס קעננען לייכֿט זייערע נתינות צאָהלען פֿון דער קעשינע. פֿון קהל׳ם קאססע אַ קערביל קאָסט וועניגסטענס איין מיט אַ האלב רו״כ ווענן ניט מ׳זהר אידער עס ווירד אַ ריינער רובל. חוץ דעם אז מען רעכֿענט אין בערדיטשוב ביז 60,000 יודען, זענין דאָך פֿיעל מעהר פֿרעמדע היא איינהיימישע, מוזען דיא פֿרעמדע צאָהלין זיעמסקי פֿאר דאָרטיגע, וועהרענד זייא קאָסט אין דער היים זעהר טהייער אידער זייא קריגען אַ פאס. היימישע קופצים זענין אים גאנצין 3000 זעעלען. דאס איינענע איז מיט סוועטשנאָי סבאָר וואס קופצים קעננען צאָהלען בייא דער גילדי׳ע

קאָסט נאָך אַ פּאָר רובל, אונ מיעשטשאַנים זענין אויך דאָ בעמיטטעלטע וואס קעננען פֿאר זיך צאָהלען. בלייבט נאָר פֿאר בלוט אָרימע, אלטע, קראנקע, פֿאר דיא איז רעכֿט פֿון דער געמיינדע קאססע צו צאָהלען. — 7000 רו"כ אויף בקור חולים, איז וועניג. הצטרכות הקהלה 6000 רו"כ, עגלות 1300 רו"כ, דיא שפעזע קעננען מיר זיך נישט ערקלערען, ווייל מיר האבין ערשט דאס צעטיל ערהאלטען אז מיר זענין שוין נישט געוועזין אין בערדיטשוב. פֿאָווערענני 1000 רו"כ; דאס איז אויך איבריג; אז אללעס זאָלל זיין אין אָרדנונג געפֿיהרט, וואָלט מען נישט גידארפֿט קיין חאָראָטאי. על בית הכנסת 1000 רו"כ; דאס איז אפילו קיין עולה ניט, דאָך איז דאס ערגיץ אנדערש ניט נוהג, אונ וועגן עס זאָללין אין בערדיטשוב ניט זיין אזוי פֿיעל קלייזליך, וואָלט דיא שול ניט גידארפֿט קיין שטיטצע פֿון דער טאקסע. — תלמוד תורה מיט חברת אלמנות ויתומים 1600 רו"כ, וועניג פֿאר דער תלמוד תורה אלליין. — דעם ראבבינער 500 רו"כ, געווים קנאפּ. אלס עדלער מענש וואס רייסט נישט, קענן ער האָבין נאָך 500 ביז 600 רו"כ, לאָמיר רעכֿנען פֿיעל 700 רו"כ, איז נישט מעגליך אנשטענדיג צו לעבען מיט פֿאמיליע, ובפרט ער דארף בכבוד זיטצען, אונ אַ רב ווירד אָפֿט פֿון אָרמע אין אנש־פרוך גענוממען. על חוב מהפּאָפּעטשיטעלים לבקור חולים 2500 רו"כ. דאס וועלין מיר וויטער ערקלערען. אויף גובערנסקי ראסחאָדען 10 פּראָצענט פֿונ'ם קאָנטראקט 4000 רו"כ. מן הסתם אז דאס שטעהט ארויס אין דער סמעטע אונ איז בעשטעטיגט פֿון נאַ־טשאלסטווא, מעג עס זיין, קיממט אויס אַקוראט.

לאָמיר ווידער בעטראכֿטין דאס זייטען צעטיל, דיא זאָגענאננטע טאבעללע „מאנשי העיר": דיא צווייא מורה הוראות, ר' יוזפא אונ ר' דוד אָרטענבערג צו 12 קערבליך אַ וואָך, 1248 רו"כ. חוץ זייא זענין אָבער נאָך דאָ 7 דיינים, 2 צו 50. 7 רו"כ, איינער 50. 6 רו"כ, 2 צו 5 רו"כ, איינער 50. 3 רו"כ, אונ איינער 3 רו"כ. קאָסטין 9 דיינים 3224 רו"כ. דאס פֿערשטעהט מען גאנץ גוט אז פֿון דעם גיהאלט לעבען זייא קיינס נישט, פֿאלט ווידער אויף דעם עולם. פֿרעגט זיך אויב מען מוז טאקי אין איטלעכֿען ווינקעלע האָבין אַ בעזונדערן דיין? וואָלט ניט מעגליך געוועזין צו מאַכֿין איין עקאָנאָמיע, איינעם אויף 2 בענאַכֿבארטע גאססען? ער וועט זיך אפשר אופּאָרין. — יעצט שוחטים זענין דאָ 16, שלעפּין זייא ארויס 4511 רו"כ, נאָ הייבט זיך אָן — איין משגיח 8 רובל רו"כ דיא וואָך, יעהרליך 416 רו"כ; חוץ דעם אַ משגיח אויף פֿליאקים 4 רובל, אויך 208 רו"כ, 4 מנקרים קאָסטין 18 רו"כ וועכֿענטליך — 936 רו"כ. נאָך, מאיר וועגנער 3 רו"כ, איטשע פראניק 1.20 רו"כ, רבקה לאה 1.50 רו"כ, אפרים ברוך 2 רו"כ, 7.70 דיא וואָך, יעהרליך 40. 400 רו"כ. נאָר איבערנייעס, נאמנים ממשקל 6 רו"כ, 312 רו"כ, נאָכֿדעם קלאָגט דיא גאנצע שטאדט אז מען גיט אַ פֿאלשע וואָג. קלייטען פֿאר דיא מנקרים אונ דיא נאמנים פֿון דער וואָג 25. 1 רו"כ, 65 רו"כ. דערנאָך פֿאָלגען פענסיעס: אַ שוחט'ס אַ ווייב 11 רו"כ, 572 רו"כ, עפּיס אַ גוזמא, 1 שוחט מיכל אונ איינער ר' ניסן צו 1.50 רו"כ, 156 רו"כ, ר' אברהם שו"ב 2 רו"כ, 104 רו"כ, ר' מרדכי שו"ב 3 רו"כ, 156 רו"כ. מיר מוזען בעמערקען אז אונטער דיא פענסיאָנירטע שוחטים געפֿינט זיך איינער מיין איך וואס פֿאר 30 יאָהר האט ר' שלמה קלוגער איהם געאסרט צו שחיטה, פֿון דעסטוועגן נעהמט ער דיא גאנצע צייט פענסיע; ווידער

דיא

דיא מעשה, אַ יודישע חזקה. בני הרב מפיקוב 3.50 רו"כ, בת הרב ר' יוסף 1.50 רו"כ, אויך 260 רו"כ יעהרליך, צוזאממען 11220.40 רו"כ, אַ שרעקליכֿע הוצאה!.

---

# שלום בעמערקונג

פֿון דעם אללעם וואס מיר האָבין געשילדערט דיא צושטענדע און דען קאראקטער פֿון בערדיטשובער געמיינדע, זעהט מען, אז עס איז אונרעכֿט אזא עדה צו בעליידינען און איהר אָבפּסקינען אז עס איז גאָר קיין זינן פֿאר עטוואס בעססערעס נישט דאָ; אז דאָרט איז חושך, קיין פראקטישער בעגריף. ניין, עס איז איין עכֿט יודישע שטאָדט מיט פֿיעל פֿאָרצייטיגישע מעלות און גוטע מדות, עס געפֿינען זיך אַ סך קלוגע ערפֿאַהרענע פראקטישע מענשין דווקא אונטער חסידים, וואס פֿערשטעהען זעהר גוט וואס דיא צייט פֿאָדערט, און וואָלטין גערין פֿאָרווערטס געהען מיט דעם צייטגייסט, זייערע קינדער בעססער ערציעהען, נאָר אַביסיל זשענירט זיך איינער פֿאר דעם אנדערן, אביסיל האט יעדער מורא פֿאר דער מורא דאס יודישקייט זאָלל ניט ליידען דערבייא, ווייל מען זעהט, בעונותינו הרבים, היינטיגע צייטען שלעכֿטע בײשפּיעלע פֿאר זיך, מען געפֿינט שוין דאָרט זעהר פֿיינע יונגע לייט און בחורים, וואס לערנען געשמאק שפּראַכֿען און וויססענשאַפֿטין פֿערבאָרגענערהייט. עס געהט ארויס פֿון דאָרט פֿיעל צדקה און מאַנכֿעס איז שוין גערעגילט. אַ קליינע געזעללשאַפֿט אייראָפּעאיש געזיננטע מענשין טרעפֿט מען שוין אויך דאָרט, מאַנכֿע אונטער זייא זעהר פֿיינע, וואַהרהאַפֿט געבילדעטע. עס איז געוויס אומרעכֿט צו בעשולדיגען דיא דאָרטיגע גרעסטע לייט, פֿון דער חסידישער וויא פֿון דער אויפֿגעקלערטער פארטייא, אז זייא זאָרגין נישט לטובת הכלל, נאָר דיא פֿער־שיעדנע קאראקטערע און ענטגעגענגעזעטצע געזיננונגין פֿעראייניגין זיך צו אייגענינטציגע אינטערעססין; אַ בעשולדיגונג וואס איז דאָפּפעל געגין דער נאַטור: קיין עושר וועט זיך ניט שמוטציג מאַכֿין אָרימע לייט צו בעראבעווען, ובפרט מענשין מיט בעקאננטע עהרווירדיגע נעמין; צווייטענס איז אונמעגליך אז מיט גאנץ אנדערע ריכֿטונגין זאָללין זיך פֿערטרויען איינער דעם אנדערן מגלה זיין דיא פֿערברעכֿערישע אבזיכֿט. דאס איבעל איז נאר, וואס קיין אחדות איז נישט דאָ, יעדער ציעהעט אויף איין אנדערער זייט; נאך שלימטער איז, איטלעכֿער זאגט זיך אב זיין דעה בייא זיך אין דער היים, אין בית המדרש, אין קלויז, אונטער זיין עולם, זעצט אוים פֿעהלער, נאר זוכֿט נישט דיא עצה זייא אויסצובעססערן, דערוויל בלייבט עס ביים אלטין און עס פֿיהרט זיך וויא אַ שיף אָהן אַ רודער, אָט אבי איבערצושטערכֿין. דאס מאַכֿט פֿיעל מיסברויך, פֿיעל אונאָרדנונג און קאָסט דיא גימיינדע מאַססין געלד אָהן אַ צוועק; עס געהט פֿיעל לאיבוד אויף לאַטען אויף שמיערען, אויף פֿערשטעללטע נעמין, איז ניט מעגליך קיין חשבון.

נאר וואס האט מען צו רעדין פֿון עבר, דאס איז שוין פֿערפֿאַללין, דיא אללע פראָשעניעס, אללע שילדערונגען, זייא זאללין אפֿילו 75 פראצענט וואהר זיין, וועט מען

עס שווערליך בעוויזן און נאָך אללעמין וועט דער אבשטשעסטווא לחלוטין גאר נישט ארויסקוממען ; עס פיהרט נאָר צו טראָץ, און אָבצושרעקין יעדין בעססערן מענש וואס היט זיין כבוד, זיך ניט צו וועללין מישין אין גימיינדע אנגילעגינהייטין ; וועמין גלוסט זיך עס בעלידיגט צו ווערין פאר זיין מיה ? דערמיט האלט מען נאר אויף דיא פער-בעססערונגין און העצט דיא געמיטהער, עס זאלל זיין א פירוד הלבבות.

גלייכער וואלט גיוועזין מען זאלל בעסער דענקין אויף להבא דיא וואהרע פעהלער ראדיקאל אויסצובעססערן, וועט שוין ממילא אויפהערין מיסברויך. דער עיקר איז, זיך ערנסט צו נעהמין מיט פעראיינטע קרעפטע, אללעס צו צענטראליזירין. מיר האפפין אז דיא 30 רעפרעזענטאנטין וואס דיא גימיינדע האט גיוועהלט, וועלין אללעס רוהיג און פערנינפטיג איבערלעגין, וויא זייא זענין עסווירקליך אים שטאנד. יעדער זאלל נאר אוועגלעגין, בשעת ער קוממט צו דער זיטצונג, זיין פארגיפאסטע מיינונג ; עס זאלל אויפהערען דאס מיסטרויען וואס דיא פארטייען האבין איינע געגין דער אנדערן ; מען זאלל ניט ארייגלעגין אין יעדין טויזענד שפיצען און קלערין וואס קיין שונא איבער-טראכט נישט ; נאר געהן מיט דעם גראדען מענשינפערשטאנד, – וואס פעהלט זייא ב"ה ניט, און מיט ריינע גיוויסין איטמער דאס אללגימיינע וואהל פאר דיא אויגין. וועט געווים בערדיטשוב אין קורצער צייט פערדיענען צו בילדען א מוסטערגימיינדע פאר גאנץ רוסלאנד, עס וועלין זיך דארט פעראייניגין — תורה, יראת שמים, חכמה און מעשים טובים, און דאס זענין בייא גוט איינגעפיהרטער ארדנוג, דיא בעסטע מיטטעל צו העבין דען וואהלשטאנד אין שטאדט. בערדיטשוב איז טאקי גיפאללין, טאנכע פארטהיילע זענין איהר אוועקגיפאללין, עס זענין אבער נאך דא גענוג קוועללין און נייע קעננין גישאפפין ווערין ; עס פעהלט נאר ליידער גוטער ווילין און איינהייט בייא דיא קעפ, ארדנונג איינצופיהרען, און פלייסיגע הענד צו בעארבייטין. דיא גרויסע זאללין נאר אביסיל מיה צולעגין, ניט נאר פאר דען אויגינבליק צו זארגין, נאר אין תכלית ארייןפיר דיא צוקונפט, און דיא מאססע זאלל נאר האבין מעהר סאלידעס פראקטישעס וויססין, וואלט בערדיטשוב ניקענט נייא אויפבליהען. דיא אייזענבאהן קענן צום פארטהייל בענוצט ווערין, פאבריקען וואלטין פיעל שפע ארייגעברענגט וכדומה.

אויף איינגע הויפטזאכין ערלויבין מיר זיך נאך א מאל דיא אויפמערקזאמקייט דעם נייען פארשטאנדעס נאכדריקליך צו לענקין, וואס זענין נאך אונזער מיינונג דיא אורזאכין פון אללע איבעלשטענדע אין דער גימיינדע און פערדיענען פאר אללעס בעריק-זיכטיגעט און אבגיהאלפין צו ווערין.

1) דיא צערשפליטרונג אין 81 בעטהייזער איז שעדליך לטובת הכלל. עס מוזין פיעל אבגישאפט ווערין, בעזאנדערס דיא גידונגענע און דיא וואס זענין עטליכע אין איין הויז אדער נעבין איינאנדער, און דיא גרויסע שול זאלל בילדען א צענטראלפונקט. עס וועט אויך איינשפארין דעם עולם פיעל אומזיסטע אויסגאבין.

2) איינע ארדנונג אין דער ערציעהונג, און אים אונטערריכט דער יוגענד אנגע-פיהרט וויא מיר האבין אויבין פראפאנירט. דאס איז העכסט וויכטיג און דרינגענד, עס איז א שאד צייט צו פערליערען. זייא דארפין עס טהון פון נאטט'ס וועגין, פון אונזערע ברידערס וועגין, דער רעגירונג צו ליעב, און לכבוד כל ישראל.

אויב זייא האבין קיין צוטרויען ניט צו דעם פלאן, איידער מען זעהט אין דער ווירקליכקייט

ווירקליכֿקייט אז דאס איז צוועקמעסיג וויא עס שיינט אויף דעם פּאַפּיער; אדער עס איז שווער מיט איין מאָל אַזאַ איבערקעהרעניש אים אלטין אבגילעבטין צוועקלאָזין סיסטעם צו מאַכֿין; זאָללין זייא דערווייל אנפֿאַנגין מיט 5 עלעמענטאַרשולען און 3 דרייקלאַסיגע, ווענן מעגליך אויך אַ ישיבה מיט אַ פּראָגימנאַזיום; אבי דער אנפֿאנג, דער רעגיערונג צו הילפֿע צוקוממען. מיר זענין איבערצייגט, אז קוים וועלין דיא ערשטע גימיינדע שולען גיעפֿפֿינט ווערין, וועלין זייא אזוי פֿיעל זיין, אז מען וועט מוזין נאך נייע ערריכֿטען.

3) איינע איינגרייפֿענדע נייע אָרדענונג אין דעם סיסטעם פֿון דער טאַקסע. מיר קענין זייא נישט ראָטהען וויא טהייל פֿאָרטשריטסמענער בעהויפּטין דיא פֿלייש פּאַכֿט זאָלל גאנץ אויפֿהערין און שטאט דעם זאָלל גימאַכֿט ווערין אַ הערכה אויף דיא בעלי בתים. נור נאַטירליך מוז מען זעהן אללעס צו בעוואָרנען, עס זאלל ניט אזוי פֿיעל קאַליע ווערין. דערצו דארף מען בעריקזיכֿטיגין מעהרערע ענינים, און אללעס מיט ערלויבנים דער האָהען רעגיערונג.

א) זאלל מען קודם כל זוכֿין וויא מעגליך דיא סמעטע צו פֿערקליינערן. פֿיעלע זאַכֿין קעננען געשטריכֿען אָדער פֿעמרינדערט ווערין, ווען מען וועט נאָר איבערווינדען דאס אלטע סיסטעם — אללעס, אפילו דאס אונגרעכֿטע אָנצורופֿין חזקה. פֿאר וואס זאלל קהל בילליגען איין עולה וויל זיא האט לאנג גידויערט? — דאגעגין זאלל אללעס וואס דיא גימיינדע דאַרף ווירקליך אויסגעבין, שטעהן מיט דעם רעכֿטין נאָמין, און מען זאָלל זיך מיהע געבין דיא רעגיערונג זאָלל אללעס בעשטעטיגען: בייא וועניגער הוצאות און אללעס גיזעצליך, וועט קיין מיסברויך ניט קענין פֿאָרקוממען, און מען וועט ניט האבין קיין סודות וואס קאָסטין אָהן קאָנטראָלע, און מען וועט פֿערשפּאָרין אַ שתדלן.

ב) זאָלל מען זעהן דיא הכנסות צו פֿערגרעססערן פֿון אנדערע קוועללין. למשל דער עולם איז שוין דאָרט גיפּאַסט דארויף, דיא פֿעדערן פֿון עופות אוועק צו געבין, און דאס קענן דער גימיינדע איינברענגין 3000 רו"כ, דארף מען אוודאי ניט קוקין אויף פוסטע חזקות. אַי דיא שוחטים וועט מען דאַרפֿין דערזעטצין, יאָ גאנץ רעכֿט, דיא וואס זענין נעטהיג; זעהט נאָר ערשט אקוראַט אויב מען דארף האָבין אזוי פֿיעל שוחטים מיט מנקרים, אויבער מנקרים, אויפֿזעהר און קוקער אויף זייא? יעדע מעכֿטיגע חסידישע סעקטע מוז האבין אַ שוחט וואס איהר גוטער יוד האָט אָבגיקליבען? וואהר־ליך יענער וועט אויך ניט יודין מאכיל טריפֿות זיין. מאכֿט מען נאָר עקאָנאָמיע אין דאר־מאָיעדים, וועלין דיא איבריגע האָבין פרנסה בכבוד.

ג) אז דיא הכנסות וועלין פֿון אנדערע לייכֿטע קוועללין האָבין אַ צושפּרונג, און דיא הוצאות וועלין גערינגער ווערין, וועט קהל דאַרפֿין פֿון דער טאקסע פֿיעל וועניגער. מען דאַרף דער עיקר פֿערזאָרגין מיט אללעמען וואָהלטעהטיגע, און ערציעהונגס אנש־טאלטין ניטצליכֿע און נעהטיגע גימיינדע בעאמטע זעמשסקי פארצאהלונגס. און דארויף דארף דער אקציז ניט פֿיעל בעטרעפֿפֿין, און בייא דעם אונגיהייערן בעדארף פֿון פֿלייש אין אַזאַ גרויסער גימיינדע קיין עה"ר, דארף מען דאס גאָר ניט פֿיהלען.

ד) בלייבט נאך צו בעוואָרנין דיא פּאָדריווען און דען דיפֿפֿערענץ פֿון כשר צו טריפה פֿלייש. פֿיר דען ערשטען איבעלשטאַנד גלויבין מיר וואָלט רעכֿט גיוועזין מיט בעווילגונג דער רעגיערונג פֿעסטצוזעטצין אַז סאָלדאַטין זענין בעפֿרייעט פֿון טאַקסע נאָר פֿון פֿלייש

וואס זייא נעהמען אין דער שטעדטישער יאטקע, און דאריבער זאלל געפֿיהרט ווערין אַ קאָנטראָלע; וויא באַלד ער פֿיהרט אריין פֿון אויסער דער שטאָדט מוז ער צאָהלען אקציז, וועט ער אָבער פעקלין, חוץ דעם שטראָף פֿערליערט ער זיין פריווילעגיום. עבענזאָ וואָלט מען גיקענט אַ שטאַרקערן קאָרדאָן ארומציהען ארום דער שטאָדט וויא גרויס דער אומפֿאַנג מעג זיין, אבי בעזעצצין מיט טיכֿטיגע עהרליכֿע שומרים. איבריגינס וואלט מען אפשר דאך גיקענט אבנעהמען דיא מקומות אַרום, עס איז נאָר פֿערבונדען מיט אביטיל מעהר מיה, דיא רעגיערונג וועט פֿיעללייכֿט אויך אונטערשטיטצען, און חאָטש דיא 3 גובערנים זענין אבגיזונדערט, אינדעססען שטעהן זייא דאָך אבער אונטער אַ צענטראַל פֿערוואלטונג, אונטער דען גענעראַלגובערנער. מען דארף נישט פֿערגעססין אז דיא העכֿערע רעגיערונג וועט זעהן מען מאַכֿט אַ גאנץ נייע עהרליכֿע אָרדנונג, מען פֿערזאָרגט דאס שול וועזין, דיא וואָהלטהעטיגע אנשטאַלטין און דאָך איז מען בעמיהט דיא לאסטען פֿונ׳ם פֿאָלק צו פֿערגרינגערן; וועט זיא בעשטיממט אללע ניטצליכֿע און גיזעטצליכֿע מאסרעגעלן אונטערשטיטצען.

דיא צווייטע וויכֿטיגע אורזאַכֿע פֿאר וואס כשר פֿלייש איז טהייער, וועט ממילא בעזייטיגט ווערין מיט דער ערעפֿפֿנונג דער באהן פֿון בערדיטשוב נאך קיעוו. עס ווירד זעהר לייכֿט זיין זוממער געגין טאג און ווינטער אפילו בייטאָג פריש פלייש קיין קיעוו צו פֿיהרען, זאָבאלד דיא געטרפֿהעטע בהמות וועלין איבערשטייגין דער ערטליכֿען קריסטליכֿען קאָנסאָמאַציאָן, און מען וועט ניט נעטהיג האבין צו פֿערקויפֿין האלב אומזוסט אונטער דעם קרן, אדער אויסשמעלצין אויף חלב, און דער היזק זאָלל מוזין פֿאַללין אויף דעם ביערנע שטיקיל כשר פֿלייש. דיא יודישע קצבים וועלין תמיד קעננען קאָנקורירען מיט קיעווער, וויל זייא וועלין צופֿריעדען זיין מיט קליינעם פראָפֿיט, אָדער קרן ארויס איז אויך פֿאר זייא גענוג, פֿערדיענען זייא דאך אן דעם יודישין.

ממילא אז מען וועט בעוואָרנען דיא סאָלדאַטין און פֿינדען איין אבזאטץ פֿאַר דעם טריפה פֿלייש, וועט איינערזייטס דער פרייז פֿון כשר פֿלייש ניט טהייער זיין; אנדערערזייטס אז דער דיפֿפֿערענץ וועט ניט גרויס זיין, וויל דער אקציז וועט קליינער זיין, דיא מיסברייכֿע וועלין איינגיהאַלטין ווערין, קאסטשפיעליגע סורות וועלין אויפֿהערען, וועט אויפֿהערין דער קאָנטראָבאַנד. פֿון אַ קלייניגקייט וועגין וועט קיינער זיך ניט וועלין אבגעבין מיט דעם געשעפֿט, און יעדער וועט גערנער צאָהלין עפּיס טהייערער אין דער יאטקע בכשרות פֿאר זיכֿער כשר פֿלייש.

לייכֿטער וואלט נאך גיוועזין, מען זאלל מאַכֿין אַקציז ניט פֿון דעם פוד וואס פֿאַלט שוין אונטער אַ קאָמפלעצירטען קאנטראליע, נאָר פשוט פֿונ׳ם אָקס, אזוי וויא בייא עופות, מען זאלל מאַכֿין אַ פֿעסטגיזעצטין טאריף אזוי פֿיעל קוממט פֿון איין אָקס, אזוי פֿיעל פֿון אַ קוה, אַ קעלביל, אַ שעפֿעלע. דער בעל טאַקסע שטעללט פֿון זיך אַ נאמן וואס נעמט צו דיא קוויטליך פֿון דיא בהמות וועלכֿע זענין כשר, און פֿון דער גימיינדע מעג אויך איינער גיזעצט ווערין אכֿטונג צו געבין, עס זאלל אָרדענטליך צוגעהן. עבענזאָ זאָלל מען אָבשאַפֿפֿען בעזאלדעטע שוחטים פֿון דער געמיינדע קאַססע; דיא פֿאַרשטעהער מיט דעם בית דין נעהמען אויף שוחטים, וועלכֿע האָבען סמיכות פֿון רבנים לומדים, ניט גראָד פֿון צדיקים, אַבי זייא זענין געשיקט אין זייער מלאכה און עהרליכע יודין, און זייא שטעהן תמיד אונטער אויפֿזיכֿט פֿון דען פֿאָרשטאַנד. נאָר גיצאָהלטס בעקוממען

זייא

זייא פונ'ם שטיק וויפיעל עס ווירד כשר. דאס וועט זיין אין אללע בעציעהונגען פאר-טהיילהאפטער, קהל'ס קאססע פאללט ארָאב א שווערע לאסט, דיא שוחטים וועלין אויך צופריעדען זיין ניט פון דעם צוגעציילטין גראשין צו לעבין, וואס יעדער מענש פיהלט זיך דרינין בעשרענקט, דאריבער רייסין זייא דיא שטיקליך פלייש וואס פאללין אויף דער טאקסע, ווארין דער וואס לעגט אנידער איין אקס צו דער שחיטה, רעכענט וויפיעל איהם געהט ארָאפ אז ער ווירד כשר, און ערשט ווערין דיא שוחטים קצבים און האנדלין מיט פלייש, אזוי וועט מען זייא בעשטימען זייערס פון א גסה און פון א דקה אויך פון עופות, פערהעלטניסמעסיג וויא מען זעהט יעצט ארוים וויפיעל עס ווירד פערצערט אין שטאט, לויט פערגאנגענע יאהרין, און וויפיעל דיא נעטהיגע שוחטים דארפין אויך צום לעבען בריוח, ווייטער קעהרען זייא זיך צו קיין שום שפארטעל נישט אן, זייער זאך איז צו שעכטין און צו בדקינן, ווירד כשר גיט מען איהם זיינם שכר טרחה און געגוג, קיין שטיקליך פלייש פון בהמות, קיין פעדערן קעהרען זיך צו איהם נישט אן. העכסטענס פענים פון גענז און פיסליך טבת און שבט, וואס איז א גאנץ אלטער מנהג, אויך האט ער קיין זינן נישט. — אזו וואלט אויך געדארפט זיין מיט עופות, בעשטיממען וויפיעל עס קוממט איהם פאר יעדער מין, אדער דורכגעגגליך. -- מיר געבין דא ניט אויף זיין נייעס, אזוי פיהרט זיך יעצט אין דיא שטעט וואו דיא פאכט האט אויפגיהערט, און אז ווארשא, לובלין, זאמושטש, און אנדערע גרויסע עכט יודישע קהלות פיהלען דרינין נישט קיין אנשטעסיגעס, מעג מען אין בערדיטשוב און אין גאנץ רוססלאנד זייא נאכטהון.

מיר האפפין אז דער פארשטאנד אין בערדיטשוב און דיא גאנצע גימיינדע, אויך יחידים, סאי דיא וואס מיר האבין מיט גוטע גיוויסין געלויבט, סאי דיא וואס מיר, אוים אויפריכטיגער פריינדשאפט און לטובת הכלל, אויף מאנכע זאכין אויפמערקזאם גימאכט, אללע וועלין אונזערע ווערטער ניט דייטין צום שלעכטין און וועלין ארויסזעהען אז אונזער כוונה איז געווים צום גוט'ן, עס זאלל זיין רעכט פאר גאט און שעהן פאר לייט, ניטצליך פאר דער גימיינדע, פאר דיא איינוואהנער, פאר זייערע קינדער און פאר יעדען איינצעלנען בעזונדער, און מוסטערהאפט פאר אונזערע ברידער אין אנדערע מקומות. וועט מען נאר אונזערע בע-מערקונגען אויף דער ארט אויפמערקזאם בעטראכטין, זענין מיר איבערצייגט, ווענן ניט אללעס, על כל פנים פיעלעס וועט מען אין זייא וואהר און ריכטיג פינדען. קוים קוממט מען צו דער איבערציגונג, וועלין שוין ממילא אללע ווינשין און זארגין אבצוהעלפין. בייא יעדער קראנקהייט, עס מעג זיין אים קערפער איינעם מענשין, אדער אים גימיינדע קערפער, איז דער עיקר צו וויססין וואס פאר א קרענק דאס איז און אין וועלכען גליעד זיא זיצט; דעמאל געפינט שוין דער דאקטאר דיא מיטטעל זיא צו היילין. נאר דיא צערשטערטע ארגאניזאציאן העממט דיא צירקולאציאן פונ'ם בלוט און ברענגט ארוים פיעבער, קוים בעווירקט מען דורך געאייגנעטע מעדיצין א גערעגעלטע ארגאניזאציע, פליעסט דער לעבענסשטראם רעגעלמעסיג, און אללע גליעדער ערהאלטין פון איהם פריש חיות. — עס וועט אונז זעהר פרייען אז אונזער מיה און אונזערע הוצאות וועלין נישט זיין אומזיסט. מיר אפפערן צייט און געלד און שטרענגין זיך אן אונזערע ברידער צו קעננין, וואס דאס איז דער הויפטצוועק פון אונזער רייזע; מיר האבין נירגענדס אנשפרוך גימאכט אויף בעלאהנונג.

איבעראלל

איבעראלל חידושט מען זיך, היינטיגע צייטין אין דער פראַקטישין מאַטעריעללין וועלט זאללאַ מענש׳ אללעס אוועקלעגין און אַזאַ רייזע אונטערנעהמין אָהן אַ שום צוועק פאַר זיך; עס קריעכט גאָר נישט אין קאָפּ אריין. דאך לאזין עדות זאָגין אללע גימיינדען וואס מיר האבין בעזוכט, אויב מיר זענין אויף גיטרעטין אלס מחבר, אלס רעדאַקטער זאמלען פרענומעראַנטין. וועניגסטענס העטטין מיר געווינשט אז אונזער אפּפּער זאללין האָטש ניטצליך זיין אונזער נאַציאָן, אונזערע גלויבענס גינאָססין, וועט דאס זיין דער בעסטער לויהן פאַר אונז, און וועט אונז איינגעבין נייען מוטה ווייטער צו ארבייטין לטובת הכלל, וואס דערצו ווילען מיר ווידמען אונזערע לעצטע ביססעל יאָהרין. אוודאי אין דעם גראָד וואס אונזער אנשטרענגונג וועט אנגילעגט זיין, ווען מיר זיך אנגעשפּאָרנט פיהלען צו ארבייטין מיט אַ רוהיג געמיטה און מיט חשק. אויף בערדיטשובער גימיינדע ליעגט דאַהער דיא הייליגע פפליכט אונז איין בעוויז צו געבין אז אונזער מיה איז נישט אומזיסט, און מיר ערוואַרטין מיט אונגעדולד אים געכסטין צו הערין אז מיר האבין וויפיעל נית איז געפויעלט. וזכות הרבים וועט זייא ביישטעהען צו גייסטיגער און מאַטעריעללער פערבעססערן איהרער לאגע.

---

# ענדע

# סטאטיסטישע טאבעללע.

## פון יודישע מייסטערס און געזעללען וועלכע זענין פערשריעבען אין בערדיטשובער צעך.

| | | מייס׳ | געזעל׳ |
|---|---|---|---|
| 1 | שניידער | 125 | 200 |
| 2 | שוסטער | 195 | 225 |
| 3 | קירשנער | 65 | 75 |
| 4 | קצבים | 45 | 30 |
| 5 | סטאָליארים | 65 | 120 |
| 6 | מאליארים | 10 | |
| 7 | פֿארבער | 10 | |
| 8 | גלעזער | 15 | |
| 9 | בלעכֿער | 50 | 75 |
| 10 | קאָטליער | 6 | 8 |
| 11 | (מעשיאָנזשיקים ובראָנזאָוו-<br>(טשיקים | 5 | |
| 12 | אָליוויאנטשיקים<br>(ציננגיעסער) | 2 | |
| 13 | זייגערמאכֿער | 10 | 5 |
| 14 | יובעליער (ברילאנטשיקים) | 35 | 15 |
| 15 | צורפים | 15 | 10 |
| 16 | טשיקאנטשיקים | 4 | |
| 17 | חתימה שטעכֿער | 1 | |
| 18 | דרוקער | 4 | |
| I9 | שמוקלער | 25 | 10 |
| 20 | שפיננער | 10 | 5 |
| 21 | טליתים מאכֿער | 10 | 5 |
| 22 | מיטשניקים | 15 | 25 |
| 23 | איינבינדער | 25 | 15 |
| 24 | קעלנישוואססער מאכֿער | 3 | |
| 25 | סופרים | 7 | |
| 26 | באָדנערים | 20 | 5 |
| 27 | רימארזשעס | 20 | 6 |
| 28 | טאפעצירער | 4 | |
| 29 | בעקער | 30 | 10 |
| 30 | קאנדיטערים | 5 | 4 |
| 31 | לעקיכֿמאכֿער | 8 | 2 |
| 32 | קאָוואלים | 22 | 15 |
| 33 | שלאָססערים | 12 | |
| 34 | וואטטענמאכֿער | 10 | |
| 35 | גרעמפעלמאכֿער | 3 | |
| 36 | (באנדאזשיסטען און<br>(הענשקי מאכֿער | 10 | 2 |
| 37 | גארבער | 8 | |
| | ס״ה | 909 | 867 |

| | | מייס׳ | געזעל׳ |
|---|---|---|---|
| | טראנספ׳ | 909 | 867 |
| 38 | שטריקמאכֿער | 7 | 2 |
| 39 | רעדני מאכֿער | 1 | 1 |
| 40 | זיפענמאכֿער | 2 | |
| 41 | קאָראָבקע מאכֿער | 6 | |
| 42 | פאריקמאכֿער | 6 | |
| 43 | קאָלעסניקים | 25 | 8 |
| 44 | זייפֿענמאכֿער | 4 | 2 |
| 45 | שפילקע מאכֿער | 3 | |
| 46 | נאדעלמאכֿער | 3 | 5 |
| 47 | לעכֿטציעהער | 20 | |
| 48 | קאמענמאכֿער | 3 | |
| 49 | שפיעגעלמאכֿער | 5 | |
| 50 | שוחטים | 12 | |
| 51 | מנקרים | 6 | |
| 52 | מפשיטים (שינדער) | 10 | |
| 53 | קרופניקים (קאשע מאכֿער) | 30 | 20 |
| 54 | רופאים | 25 | |
| 55 | כלי זמר | 75 | |
| 56 | מוליערים | 60 | |
| 57 | טשעסליערים | 100 | |
| 58 | טרעגער | 150 | |
| 59 | וואססערטרעגער | 70 | |
| 60 | קעססעלמאכֿער | 9 | 6 |
| 61 | עסיגמאכֿער | 4 | 4 |
| 62 | פארטשיקים | 60 | |
| 63 | שניצער | 5 | |
| 64 | בערשטילמאכֿער | 3 | |
| 65 | האָלצזעגער | 50 | |
| 66 | בלאָמארניקים (?) | 5 | 2 |
| 67 | טאָקארים | 6 | 5 |
| 68 | קוואסניקים | 10 | |
| 69 | מוקיוואָזים | 30 | |
| 70 | ליימפֿיהרער | 25 | |
| 71 | קנעפּלמאכֿער | 2 | 3 |
| 72 | בלומענמאכֿער | 3 | |
| 73 | שלייפֿער | 4 | |
| 74 | שוהוואקסמאכֿער | 5 | |
| 75 | שועבילמאכֿער | 5 | |
| 76 | ציגארענמאכֿער | 10 | |
| | ס״ה | 1768 | 925 |

| | ט״פ | מייס׳ | געזעל׳ |
|---|---|---|---|
| | | 1768 | 925 |
| 77 | טיטון שניידער . . . . | 30 | |
| 78 | מאשיניסטען . . . . | 25 | |
| 79 | שינדעל שלעגער . . . | 10 | |
| 80 | קאַנאַוואלים . . . . | 2 | |
| 81 | גרעבער . . . . . | 30 | |
| | ס״ה | 1865 | 925 |

| | ט״פ | מייס׳ | געזעל׳ |
|---|---|---|---|
| | | 1865 | 925 |
| 82 | בלייאָוואסניקים (?) . . . | 6 | 6 |
| 83 | בערלינערבלויא ארבייטער | 2 | 4 |
| 84 | שרויטען מאכער . . . . | 2 | 2 |
| 85 | עהלמאכער . . . . . | 3 | 3 |
| | ס״ה | 1878 | 940 |

# אנמערקונג

אויסער איינינע מלאכות וואס מיר ווייסען ניט זייער בעדייטונג, געפֿינגען מיר
אזעלכער צעכען וואס זענין גאָר ניט קיין מלאכה, וויא למשל: מיטשניקים, טרעגער,
וואססערטרעגער, האָלצזעגער, מוקיוואָזים, לייםפיהרער, גרעבער; וויא עס שיינט זענין
דאס דיא קלאססע „נייע רעמעסלענני צעך" וואס מען האָט גימאכט בשעת עס איז
ארויסגעקומען מען זאָלל איינטהיילען יודען אין 4 קלאססען און דיא פֿינפֿטע זאָלל
הייסען „טונאָיאדצי". דערמיט איז אויך פֿערענטווערט וואס דרוקער, סופרים, זאָגאר כלי
זמר, וועלכע געהערען צו פֿרייע קינסטע האָבין אויך צעכין. אויך האָט מען גימאכט
אוים קצבים און שינדער בעזונדערע צעכין. אויפֿפֿאלענד איז נאָר וויא קוכמען שוחטים
און מנקרים צו אַ צעך, דאס זענין דאָך פֿונ׳ם כלי קודש, אזוי גוט וויא דיינים און
חזנים? — נאָך אללעם זעהט מען אז מען קענן זיך אויף יודען אין בערדיטשוב נישט
בעקלאָגען, זייא בעשעפֿטיגען זיך ניט מיט האנדווערקע. דיא פֿראגע איז נאָר וויא וויט
דיא אייגענטליכע האנדווערקער זענין פֿאָלקאָממען אין זייער מלאכה, און אויב זייא
האָבען גענוג ארבייט זיך צו ערנעהרען? — דאס וואס פועלים זענין וועניגער וויא
מייסטערים קענן מען פֿערענטווערין טהיילווייזע, וויל פֿיעלע מלאכות וואס צעהלין אַ סך
מייסטערס זענין נישט קיין מלאכה וואס מען דארף לערנען דיא תורה, אויף זייא איז
מקוים גיוואָרין דאס שפריכוואָרט „בידאַ נאַאוטשיט", וויא לעהמפיהרער, וואססערטרעגער,
טרעגער וכדומה. אנדערזייטס קען זעהר זיין אז טהייל פֿערשרייבען גאָר נישט דיא
געזעללען, פטור צו זיין פֿון צעכגעלד, אָדער זייא האָבין נישט קיין דאָקומענטע. מעהר
חידוש מען געפֿיננט נישט פֿערשריבען קיין לערניונגליך!

# פערצייכנים

## דער שולען, בתי מדרשים און קלויזען אין בערדיטשוב.

### פון פאר 1865

1 סינאגאָגע מעיר ישן
2 „ מעיר חדש
3 „ מאחורי הגרעבליע
4 „ מנעמירויוקע
5 „ מרחוב בילַיפאלע
6 „ קאָהר שול
(נייליך בעשטעטיגט)

### בתי מדרשים און קלויזען

1 בעקעריש
2 שניידעריש מעיר ישן
3 דעם רבי'ס בעיר ישן
4 צינקעריש
5 חבורה קדושה
6 ר' הירש דער רביצינס
7 גרויסע קלויז
8 פוילישע אָדער ליטווישע
9 ר' ידידיה'ס
10 שינדערישע
11 ר' משה שמואל'ס
12 טרעגערישע
13 חוטבי עצים
14 מענדעלזאָהנס
15 ר' הירש ליבערס
16 טשעסליארסקי
17 מיליארסקי
18 קרופניקים
19 זיטאמירער
20 וואססערטרעגערישע
21 ר' זלמן יוסילס
22 מכניסי אורחים
23 כלי זמר
24 ביקור חולים
25 מיטשניקים
26 אֶפרתי
27 אָרטענבערגישע
28 זיסקינדשע (סקוויבער)
29 פעֿטענהאָלץ
30 קירשנערישע
31 נעבען דעם אלטען בית עלמין
32 ראָזנאָשטיקים
33 דעם יאנובער רבי'ס
34 שוסטערישע
35 לנדא
36 קצבים
37 צורפים בת"ת
38 משניות קלייזיל
39 חייטים מעיר חדש
40 ביהמ"ד מעיר חדש
41 ליווראנטסקי
42 שניצערישע
43 ביה"כ הקטנה
44 מיכֿלזאָהנס
45 קאַמינקע
46 מאנזאָהן
47 קאַטשיביוקער
48 דאנצים
49 ה' הירש וואָלף'ס
50 מעקלערישע
51 הירש מומחה

### נאך 1865 געעפינט

1 בלעכֿערישע
2 קאָריסטיטשאָווער
3 טשערנאָבלער
4 ביים נייעם בית עלמין
5 כאלדראטסקי
6 מנין בבית פאלטים
7 מנין נעבען דער קלויז
8 אצל בית עלמין ישן בביה"כ של מוכרי הנרות
9 מנקרים
10 חבדסקי
11 קארלינער
12 שמוקלערישע
} אונטער איין דאך מיט דער שול אויפ'ם אלטען בית עלמין
13 בראָווער
14 חייטים בבית ר' יוסף חריף
15 מנין בבית ר' הירש שרויטענ-מאכֿער

## פערציינים

16 מנין בבית ר׳ ברוך סימאקאָוו
17 } אָהן נעמען אויף דער
18 } בראָדער גאס
19 באָנדארסקי
20 תהלים שול (אָבגעברענט)
21 מנין בבית שוהם קאָטשיביוועקע
22 מנין בחצר אחים קליינער
23 מנין בבית סאָקאָלסקי
24 מנין אויף דער ציגעלני
בראָדער גאס

בני יוסף בירושלם

## סטאַטיסטיק

מגולדים, נפטרים, חתונות, גיטין, פון 4 יאהר

| 4 נפטרים נקבות | 4 נפטרים זכרים | 3 גיטין | 2 חתונות | 1 נולדים נקבות | 1 נולדים זכרים | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 952 | 1025 | 146 | 384 | 547 | 953 | 1861 |
| 935 | 1008 | 142 | 367 | 621 | 928 | 1862 |
| 656 | 744 | 112 | 385 | 521 | 882 | 1863 |
| 765 | 796 | 114 | 344 | 530 | 828 | 1864 |
| 1218 | 1274 | 125 | 382 | 478 | 795 | 1865 |
| 1110 | 1161 | 120 | 410 | 360 | 650 | 1866 |
| 730 | 703 | 117 | 385 | 359 | 758 | 1867 |
| 729 | 795 | 128 | 421 | 524 | 781 | 1868 |

בית הספרים הלאמי
והאוניברסיטאי
ירושלים